STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04539

LORD BAYRON

A. Zilberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
ייִדישע פאָלקס ביבליאָטעק

דאָס לעבן און שאַפן פון גרויסע מענטשן

לאָרד בײראָן

זײן לעבן און טעטיקײט

פרײ באַאַרבעט לויט ג. אַלעקסאַנדראָוו
א. זילבערמאַן

— ביאָגראַפישע ביבליאָטעק —
— פאַרלאַג „אָריענט", װאַרשע. —

LORD BAJRON — Życiorys
Opracował A. ZYLBERMAN.

Druk. „REKORD" Warszawa, Dzika 18.

לאָרד בײראָן

I

די אָפּשטאַמונג און די קינדהייט.

לאָרד בייראָן -- דער באַרימטער ענגלישער פּאָעט — האָט לויטן עדות זאָגן פון אַלע זיינע ביאָגראַפן, פיל מערער שטאָלצירט מיט זיין אָפּשטאַמונג פון די נאָרמאַנדישע בייראָנס, איידער מיט זיינע גרויסע שאַפונגען, ווי „טשיילד האַראָלד" און „מאַנפרעד".

וועגן פּאָעטס אבות איז באַקאַנט, אַז זיי האָבן זיך נישט איינמאָל אויסגעצייכנט אין דער הונדערטיעריקער מלחמה מיט פראַנקרייך און, אַז נאָך דער רעפאָרמאַציע האָט זיי הענריך דער 8-טער אויף אייביק אַוועקגעשענקט דאָס מאָנאַכנטום ניוסטעד, אינאיינעם מיט די גרויסע שטחים לאַנד, וואָס האָבן אָנגעהערט צום דאָזיקן קלויסטער. אין יאָר 1643 האָט איינער פון די פאָרשטייער פון דער משפחה בייראָן, דער סער דזשאָן בייראָן, באַקומען פון קעניג קאַרל דעם 1-טן דעם טיטל באַראָן און איז געוואָרן פּער פון ענגלאַנד. אין דער גאַנצער צייט פון דער בירגערלעכער מלחמה איז דער באַראָן בייראָן פאַרבליבן געטריי דעם קעניג און שטענדיק געקעמפט אויף זיין זייט. דער נאָענטסטער פונם פּאָעטס אבות, דער לאָרד וויל-

יאָם בייראָן, איז אין זײַנער צייט באַקאַנט געוואָרן דורך אַ
טרויעריקן צופֿאַל. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַן אומ-
רחמנותדיקן און ווילדן כאַראַקטער. זייענדיק אויפֿגעבראַכט,
האָט ער אַמאָל אַרויסגערופֿן אויף אַ דועל זײַן קרוב טשעוואָרטן, וועל-
כער איז אויך געווען זײַן שכן און אים געטויט. הגם די לאָרדן-פּאַלאַטע
האָט אים פֿרייגעשפּראָכן, האָט אים דער שאָטן פֿונם געהרגעטן
פֿאַרפֿאָלגט ביזן סאַמע טויט אַרײַן, און האָט זײַנע לעצטע יאָרן
פֿאַרברענגט אויפֿן טרויעריקסטן אופֿן. ער איז שוין דערנאָך
קיינמאָל נישט אַרויסגעפֿאָרן פֿונם ניוסטענדער שלאָס. אַלע
אַדל-לײַט, וואָס האָבן געוווינט אין שכנות מיט אים, האָבן
זיך באַמיט אים אויסצומיידן, און זײַנע אייגענע פֿאַרמערס האָבן
פֿאַר אים מורא געהאַט; זיי האָבן אים גערופֿן „דער משוגענער
לאָרד בייראָן". וועגן אים זענען אַרומגעגאַנגען זייער משונה-
דיקע קלאַנגען. מ'האָט געזאָגט, אַז ער זאָל האָבן געטויט זײַן קוטשער,
און אַז ער האָט אויך אַמאָל שיער זײַן ווײַב נישט דערטרונ-
קען. פֿאַרבײַזערנדיק זיך אויף זײַן איינציקן זון דערפֿאַר,
וואָס יענער האָט חתונה געהאַט אָן זײַן הסכּמה, האָט ער גענומען און אומ-
געזעצלעך פֿאַרקויפֿט זײַן גרעסט גיט און כמעט אַ תּל געמאַכט
פֿון צווייטן (דאָס ניוסטענדער). דער ברודער פֿון לאָרד וויליאַם, וואָס איז
אויך געווען דעם פּאָעטס זיידע, דער אַדמיראַל דזשעק בייראָן, האָט אין
זײַנער צייט געשמט פֿאַר אַן אומגעהייער דרייסטן ים-פֿאָרער, און
אין דערזעלבער צייט אויך — פֿאַר אַ שלים-מזלדיקן. כמעט קיין
איין עקספּעדיציע, אין וועלכער ער האָט אַנטייל גענומען, איז
נישט אַדורך אָן דעם, אַז די שיף, מיט וועלכער ער האָט אָנגע-
פֿירט, זאָל נישט צובראָכן ווערן פֿון אַ שטורעם-ווינט. די מאַטראָסן
האָבן מורא געהאַט צו דינען אונטער זײַן אָנפֿירונג און האָבן
אים געגעבן דעם צונאָמען: „דזשעק — דאָס מיאוסע וועטער".
אין די פֿערציקער יאָרן פֿונם 17-טן יאָרהונדערט האָט ער
אַנטייל גענומען אין דער עקספּעדיציע קעגן די שפּאַנישע
קאָלאָניעס אויפֿן שטילן אָקעאַן. דער גאַנצער ענגלישער פֿלאָט

איז דאַמאָלס בעת אַ שטאַרקן שטורעמווינט אומגעקומען, און אויך זיין שיף איז ביי די מערב־גרענעצן פון אַמעריקע צעבראָכן געוואָרן. ער איז מיט אַ עטלעכע מאַטראָסן ניצל געוואָרן אויף עפּעס אַ אינדזל. פאַנוואַנען זיי האָבן דערנאָך געפּרוווט צוריקקערן קיין ענגלאַנד דורכן מאַגעלאַנאָו־אויסגוס אויף אַ קליין שיפל. אויפן וועג האָט זיי ווידער אַ שטורעמווינט געטראָפן; אַלע זענען אומגעקומען, אַ חוץ בייראָנען, וועלכער, ראַטעווענדיק זיך אויף אַ לאָדקע, איז מיט מזל צוגעקומען צו די מזרח־ברעגן פון בראַזיליען, ווו ער איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך די פּאָרטוגאַלער. נאָך אַ צוויי־יעריקן אָפּזיצן אין געפאַנגענשאַפט, איז אים ענדלעך געלונגען צוריקצוקערן קיין ענגלאַנד, ווו אין צוואַנציק יאָר אַרום, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַשרייבונג פון זיינע אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, וואָס האָבן געמאַכט פאַרוווּנדערן די גאַנצע וועלט.

דער עלטסטער זון פונם אַדמיראַל, דער פאָטער פונם פּאָעט, קאַפּיטאַן דזשעק בייראָן, האָט באַקומען אַ פיינע דערציונג, לכתחילה אין דער וועסטמינסטער שולע אין לאָנדאָן, דערנאָך אין איינער פון די ערשט־קלאַסיקע מיליטערישע אַקאַדעמיעס פון פראַנקרייך. אָבער דאָס דאָזיקע האָט אים נישט געשטערט צו זיין אויף דער העכסטער מדרגה צוזאָגן, אָן אַ טראָפּן כאַראַקטער, און דערצו — אַ מענטש, וואָס האָט זיך ליב צו באַרימען. ער האָט ליב געהאַט צו לעבן ברייט. געווען תמיד פאַרקאָפּעט אין חובות, און מחמת זיין אומגעהייער שיינקייט, האָט ער געהאַט גרויס דערפאָלג ביי פרויען. זיינע וווּנדערבאַרע אויגן האָבן געמאַכט אַן אומפאַרמיידלעך־באַצויבערנדיקן איינדרוק אויף די פאַרשטייערינס פונם שיינעם מין. ער האָט זיין קאַריערע אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס ער האָט ערגעץ פאַרפירט דעם לאָרד קאַרמאַטענס ווייב, מיט וועלכער ער האָט אויך, נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסגעקריגן אַ גט פון מאַן — חתונה געהאַט. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט ער דעם ווייבס גאַנץ פאַרמעגן איבערגעפירט,

און איר — האָט ער אין קבר אַריין פֿאַרטריבן. פֿונם דאָזיקן ווייב איז אים פֿאַרבליבן אַ בת־יחידה, אויגוסטע, וועלכע איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט אַלס די הייס געליבטע שוועסטער פֿונם גרויסן פּאָעט. כּדי צו פֿאַרבעסערן זיינע זייער צושטערטע פֿינאַנסיעלע ענינים, האָט דער קאַפּיטאַן דזשעק בייראָן, וועלכן מ'האָט אויך גערופֿן: „דער משוגענער דזשעק", אין יאָר 1785 חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל — מיט דער מיס קאַטערינע גאָרדאָן, וועלכע האָט פֿון דער מוטערס צד געשטאַמט פֿון שאָטלענדישן קעניג יעקב דער 1־טער. אין זיינע האָפֿנונגען אויף אַן אומגעהויער רייכטום פֿונם ווייב, האָט זיך בייראָן שטאַרק אָפּגענאַרט; איר פֿאַרמעגן האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער נישט באַדייטנד. אין יאָר 1786 איז ער מיטן ווייב אַוועק קיין פֿראַנקרייך, ווו ער האָט אין אַ קורצער צייט באַוויזן אָנצומאַכן אַ סך חובות. שוין אין יאָר 1787 איז די מאַדאַם בייראָן געצווונגען געווען צו פֿאַרקויפֿן איר איינציק גיט אויף צו באַצאָלן איר מאַנס קרעדיטאָרן. איבערפֿירנדיק, אין פֿראַנקרייך, כּמעט דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון צווייטן ווייב, האָט זיך בייראָן באַלד אין אָנהויב 1788 צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן. דאָ האָט קאַטאַרינע בייראָן, אַ עטלעכע טעג נאָכן צוריקקומען, נעמלעך: דעם 22־טן יאַנואַר, געבוירן איר ערשטן און איינציקן זון — דזשאָרדזש גאָרדאָן בייראָן, — דעם קומענדיקן גרויסן פּאָעט.

אָפּזייענדיק עטלעכע וואָכן אין לאָנדאָן, זענען דערנאָך די בייראָנס אָפּגעפֿאָרן אין דער שאָטלענדישער שטאָט עבערדין, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט אין די מעבלירטע צימערן אויף דער קעניג־גאַס. די הכנסה פֿון דער מאַדאַם בייראָן איז אין יענער צייט באַשטאַנען נישט מער ווי פֿון 150 פֿונט אַ יאָר. עס איז אויסגעקומען צו לעבן זייער באַשיידן; נאָר אויף דעם דאָזיקן איז דער קאַפּיטאַן בייראָן, זייענדיק געוווינט צו־לעבן אין תענוגים, און נישט קענענדיק זיך אין גאַרנישט קווען,

אומבאַדינגט נישט געווען פעיִק, און דעריבער האָט ער געמוזט ווייטער מאַכן חובות. די באַציִונגען צווישן מאַן און ווייב, וואָס זענען אַזוי אויך קיין איבעריק גוטע נישט געווען, זענען פון דער צייט פון זייער איבערפאָרן קיין שאָטלאַנד מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. בייראָן האָט קיינמאָל זיין ווייב נישט ליב געהאַט, און נישט אומזיסט האָט ער זי נישט געליבט. זי איז געווען זייער אַ מיאוסע, און לויט איר אויסערלעכקייט איז זי מער ענלעך געווען אויף אַ טאָכטער פון עפּעס אַן אָרימען קרעמער, איידער אויף אַנאָכפאָלגערין פון אַ קעניג. אָבער איר כאַראַקטער האָט נאָך ווייניקער געקאָנט געפעלן, איידער איר אויסערלעכקייט. אַ זייער היציקע, אַן אויפגערעגטע, אַקאַפּריזנע און אַ באַרימערין, פלעגט זי אין אָנפאַלן פון ווילדן כעס, צערייסן אויף שטיקער איר אָנטון; זי פלעגט זיך זידלען מיט די ערגסטע ווערטער און אָן רחמנותדיק שלאָגן איר קינד. זי איז געווען ווייניק געלערנט און אומגעהייער אַבערגלויבעריש. איר פאָטער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַ וואַנע, און אַ צווייטער נאָנטער קרוב האָט געפּרובט זיך צו סמ׳ען. אַזעלכע צוויי נאַטורן, ווי זי און איר מאַן, האָבן זיך לאַנג נישט געקאָנט איינלעבן צוזאַמען. דער קאַפּיטאַן בייראָן איז זייט אַ געוויסע צייט איבערגעגאַנגען אויף אַ באַזונדער וווינונג, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער זעלבער קעניג-גאַס, נאָר אין דער צווייטער זייט פון איר. אין דער ערשטער צייט פלעגט ער, פונדעסטוועגן, יעדן טאָג באַזוכן זיין ווייב און פלעגט געוויינלעך צוזאַמען מיט איר טרונקען טיי. אָבער זיינע וויזיטן זענען ביסלעכווייז זעלטענער געוואָרן, און לסוף אינגאַנצן אויפגעהערט. כדי צו זען זיין קליינעם זון, וועלכן ער האָט זייער ליב געהאַט, פלעגט בייראָן טאָג-טעגלעך קומען אין שטאָטישן גאָרטן אין דער צייט, ווען דאָרט פלעגט מאַכן זיין שפּאַציר דער קליינער דזשאָרדי (אַזוי האָבן די עלטערן גערופן דעם קליינינקן דזשאָרדזש בייראָנען).

אין דער באַגלייטונג פון זיין געליבטער ניאַניע מיס מיי גריי. ביי די דאָזיקע באַגעגענישן, פלעגט דער פאָטער אָפט אויסדריקן דעם פאַרלאַנג, צו נעמען דאָס קינד צו זיך אויף אַ עטלעכע טעג. די מאַדאַם בייראָן האָט לאַנג אויף דעם נישט געוואָלט מסכים זיין, נאָר זייענדיק איבערצייגט מיט פאַקטן דורך דער ניאַניע, אַז דער קאַפּיטאַן וועט באַלד נאָך דער ערשטער נאַכט זיך אַליין אָפּזאָגן פון זיין קליינטשיקן גאַסט, האָט זי לסוף באַשלאָסן צו געבן אים דאָס קינד. די פאָרויסזאָגונג פון דער מיס גריי האָט זיך פולשטענדיק אַרויסגעוויזן: דער קליינינקער דזשאָרדזש האָט דעם פאָטער פאַרשאַפן אַזוי פיל דאגות אין משך פון דער איינער ערשטער נאַכט, אַז יענער האָט באַלד אויף צומאָרגנס אים צוריק אָפּגעשיקט צו דער מוטער און איר געמאָלדן, אַז נעמען אים צו זיך האָט ער שוין מער נישט בדעה.

דער קאַפּיטאַן בייראָן האָט פאַרבראַכט אין עבערדין בלויז עטלעכע חדשים. אויסנאַרנדיק ביים ווייב אַ נישט קיין גרויסע סומע געלט, איז ער ווידער נאָך פראַנקרייך געפאָרן, וווּ ער איז אין יאָר 1791 אויך געשטאָרבן. ווען די ידיעה וועגן זיין טויט איז אָנגעקומען צו דער מאַדאַם בייראָן, האָט זי אין משך פון איי‌ניקע שעה אַזוי הויך געקלאָגט, אַז מען האָט זי געהערט אויף דער גאַס, און דערנאָך איז זי שיער פון זינען נישט געקומען פאַר גרויס עגמת נפש. אגב אורחא, איז דעם מאַנס טויט פאַר איר געווען אַן אמתער גליק: יאָרן, ווען ער וואָלט געלעבט נאָך אַן עטלעכע יאָר, וואָלט ער פולשטענדיק פון איר אַ תל געמאַכט. דער טויט פון פאָטער וואָלט אויך געווען אַ גליק פאַרן קליינטשיקן בייראָנען, ווען ער וואָלט נאָר געבליבן אונטער דער השגחה פון אַ בעסערער מוטער. צום אומגליק, איז די מוטער פונם גרויסן פאָעט געווען נאָך ערגער פון פאָטער, און נישט נאָר, וואָס זי האָט נישט געקאָנט אויסוואָרצלען אָדער מילדערן די שלעכטע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, וועלכע ער האָט געירשנט פון זיינע עלטער-

עלטערן, נאָר זי האָט נאָך גורם געווען צו זייער ווייטערער אַנטוויקלונג. נאָך אַלס קינד האָט בייראָן אַרויסגעוויזן אַ ווילדן און עקשנותדיקן כאַראַקטער אויף גאָר דער העכסטער שטופע. ווען די מוטער האָט אים אַמאָל געמאַכט אַ פאָרוווּרף פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַרשמוצט זיין ביי רעקל, איז דאָס ייִנגל אַריין אין „אַ שטילן צאָרן" (ווי ער האָט דאָס דערנאָך אַליין באַשריבן אין זיין טאָג-בוך) און, אָנכאַפּנדיק מיט ביידע הענט דאָס רעקל, האָט ער עס צעריסן, און דערביי אויף צווייען נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער גענומען בייז און זיך רייצנדיק קוקן דער מוטער אין פנים אַריין, וועלכע האָט פּשוט געזידט פאַר כעס. איינמאָל, אין אַן אָנפאַל פון אַזאַ עגלעכן „שטילן צאָרן", האָט ער בעתן מיטאָג אַ כאַפּ געטאָן פון טיש אַ מעסער און זיך געוואָלט איבערשניידן דעם האַלדז. אַדאַנק עפּעס אַן אומגליקלעכן צופאַל, איז ער געווען אַ קאַליקע אויף אַ פוס נאָך פונם געבוירן טאָג אָן, און איז פאַרבליבן אַ הינקענדיקער אויפן גאַנצן לעבן. דער דאָזיקער קערפּערלעכער מום איז פאַר אים געווען אין משך פון זיין גאַנץ לעבן אַ קוואַל פון פיזישע ליידן און גייסטיקע יסורים. אויף וויפיל בייראָן האָט שוין אַפילו אין דער פריסטער קינדהייט געליטן פונם דאָזיקן מום, באַווייזט דער פאָלגנדער כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וואָס איז דערציילט געוואָרן דורך איינעם פון זיינע ביאָגראַפן. איינע פון די באַקאַנטע פון זיין נאַניע, האָט איר איינמאָל בעתן שפּאַציר באַמערקט אין זיין אָנוועזנהייט: „וואָס פאַר אַ שיין ייִנגל! אַ שאָד, וואָס עס האָט אַזאַ פוס"! דערהערנדיק דאָס וועגן זיין הינקענדיקייט, האָט זיך דאָס קינד שרעקלעך אָנגעצונדן, און דערלאַנגנדיק עטלעכע מאָל מיטן בייטשל דער דאָזיקער פרוי, וואָס האָט אים נישט ווילנדיק באַליידיקט, האָט ער אומגעדולדיק געשריגן: „רעד נישט וועגן דעם! רעד נישט וועגן דעם דאָזיקן"! קענענדיק די דאָזיקע שוואַכקייט פון איר זון, פלעגט בייראָנס מוטער, שטאָט דעם,

זי זאָל אים טרייסטן און באַרויִקן — זיך גאָר רייצן מיט אים, אים מבזה זיין און פּייניקן. איינמאָל, זייענדיק און כּעס, האָט זי אים „לאָמע בהמה" גערופן. דאָס קינד, דערהערנדיק דאָס דאָזיקע פון דער לייבלעכער מוטער, איז ווי לייוונט בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך איינגעהאַלטן, און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער איר געענטפערט: „איך בין נישט שולדיק, איך בין אַזעלכער געבוירן געוואָרן, מאַמע!" די דאָזיקע באַליי־דיקונגען האָט איר בייראָן קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין און זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיי נישט פאַרגעסן.

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אויף אים געהאַט אַ גוטן איינפלוס אין דער קינדהייט, איז געווען זיין ניאַניע — מיס מיי גריי. די דאָזיקע זייער שיינע פרוי האָט איינע אַליין געוווּסט, ווי זיך מיט אים צו באַגיין; דעריבער טאַקע האָט ער זי אויך פיל מערער ליב געהאַט, ווי זיין אייגענער מוטער און האָט זי אין אַלץ געהאָרכט. מיט איר איז ער געוויינלעך געווען אַ פיין, געהאָרכזאַם קינד, און אין דער זעלבער צייט, איז ער מיט דער מוטער געווען — איינגעשפּאַרט און ווילד. בייראָן האָט זיך אויך שפּעטער לייכט אונטערגעוואָרפן דעם איינפלוס פון די יענע, וועלכע האָבן אים ליב געהאַט און האָבן געוווּסט, ווי אַזוי זיך מיט אים צו באַגיין. די ניאַניע פלעגט געוויינלעך לייגן שלאָפן דעם קליינטשיקן דזשאָרדזש און פלעגט אים איינשלעפן מיט לידער און מעשהלעך, וואָס פלעגן אים אַריינברענגען אין התלהבות.

ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קליינטשיקער, האָט זי אים געלערנט נאָכצוזאָגן נאָך איר אויף אויסנווייניק קאַפּיטלעך תהלים און האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט די ביכער פון די הייליקע שריפטן. אין 1821־טן יאָר, ד. ה. דעמאָלט, ווען ער איז אַלט געווען 33 יאָר, האָט בייראָן צווישן אַנדערס געשריבן פון אי־טאַליע צו זיין אַרויסגעבער מורעי פאָלגנדעס: „פאַרגעסט נישט

מיר צו שיקן די ביבל; איך בין אַ גרויסער פאַרערער פונם דאָזיקן בוך און האָב עס שוין דורכגעליינט אַ עטלעכע מאָל פון אָנהויב ביזן סוף, ווען איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין אַכט יאָר".

וועגן דער מערקווירדיקער לעבעדיקייט פונם קליינטשיקן ביראָנען, קאָן מען אורטיילן לויטן פאָלגנדן פאַקט, וואָס איז דערציילט געוואָרן פון זיין ניאַניע. זי האָט אים איינמאָל מיטגענומען מיט זיך אין טעאַטער אַריין. אין יענעם אָוונט האָט מען דאָרט געשפּילט שעקספּירס „די באַשטראָפטע מרשעת". דאָס קינד האָט מיט גרויס נייגעריקייט שווייגנדיק נאָכגעפאָרשט די דאָזיקע פאָרשטעלונג. נאָר בעת דער סצענע צווישן קאַטערינע און פּעטרוטשיאָ, ווען צווישן זיי קומט פאָר דער דיאַלאָג:

קאַטערינע: איך ווייס, דאָס איז די לבנה.
פּעטרוטשיאָ: ניין, דו זאָגסט ליגנט, דאָס איז די זון.

האָט דער קליינטשיקער דזשאָרדזי זיך פלוצלינג פון אָרט אַ ריס געטון און דרייסט אויסגעשריגן: „און איך, מיין הער, זאָג, אַז דאָס איז די לבנה"!

ביראָן איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פינף יאָר, ווען די מוטער האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ שולע אין עבערדין, מעגלעך צוליב דעם, דאָס ער זאָל זי ווייניקער דערקוטשען אין דערהיים. וועגן דער דאָזיקער ערשטער שולע, און בכלל וועגן די ערשטע לערערס, לייענען מיר אין זיין טאָג-בוך פאָלגענדעס: „ווען איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט מען מיך אַריינגעגעבן אין אַ שולע, וועלכע האָט געהערט דעם ה' באָווערס. דאָס איז געווען אַ שולע פאַר קינדער פון ביידע געשלעכטער. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב מיך דאָרט אויסגעלערנט, — איז דאָס נאָכזאָגן אויף אויסנווייניק די ערשטע לעקציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון ביישפּילן פון איינזילביקע ווערטער. איך האָב די דאָזיקע ווערטער געדענקט, הערנדיק

זיי אָפט איבערחזרן דורך די אַנדערע קינדער, נאָר האָב זיי אין ביכל נישט געקאָנט איבערלייענען. איך האָב בכלל נישט געקאָנט קיין איין אות. ווען מען האָט מיך, נאָך אַ גאַנץ יאָר לערנען אין דער דאָזיקער שולע, גענומען אין דערהיים אויפן פאַרהער, האָב איך איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט; אָבער, ווען איבערמישנדיק אַ זייטל פון בוך, האָב איך ווידער די זעלבע ווערטער איבערגעחזרט, האָט זיך די באַגרענעצטקייט פון מיינע קענטענישן מאָמענטאַל אַרויסגעוויזן. מיינע אויערן האָבן מיר אָנגעהויבן צו ציטערן אויף וואָס זיי האָבן זיך לחלוטין נישט פאַרדינט, פונקט ווי גליב זיי וואָלט איך געווען מחויב, כאָטש וואָס עס איז זיך אויסצולערנען), און מען האָט פאַר מיר אויסגעזוכט אַ צווייטן לערער. דאָס איז געווען אַ זייער פרומער און קלוגער גייסטלעכער, מיטן נאָמען ראָס. ביי אים האָב איך געמאַכט איבערראַשנדע פאָרשריטן. ביז היינט גאָך געדענק איך זיינע ווייכע מאַניערן און גוטהאַרציקע געטריישאַפט. ווי נאָר איך האָב זיך אויסגעלערנט לייענען, האָב איך דערפילט אַ געוואַלטיקע ליבשאַפט צו היסטאָריע. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיך האָט באַזונדערס איבערראַשט די מעשה וועגן דער מלחמה לעבן טייך רעגילוס, פון דער רוימישער געשיכטע, וועלכע איז מיר די ערשטע אַריינגעפאַלן אין האַנט אַריין. נאָך ראָסן האָב איך זיך געלערנט ביי אַן אויסערגעוויינלעך ערנסטן און אומעטיקן, נאָר נישט ווייניקער גוטן יונגנמאַן מיטן נאָמען פאַטערזאָן. ער איז געווען אַ זון פון אונזער שוסטער, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין געלערנט, ווי דאָס טרעפט נישט זעלטן ביי די שאָטלענדער. ביי אים האָב איך אָנגעהויבן צו לערנען די לאַטיינישע שפּראַך לויט רודימענס גראַמאַטיק און זי פאָרגעזעצט ביז יענער צייט, ביז וואַנען איך בין נישט אַריינגעטרעטן אין גימנאַזיע, וווּ איך בין צוגעגאַנגען ביז דער פירטער

קלאַס, נאָך וואָס מיר איז דערנאָך אויסגעקומען אַרויסצופאָרן קיין ענגלאַנד צוליב דער סיבה פון מיין פעטערס טויט"...

בייראָנס חברים פון גימנאַזיע דערציילן וועגן אים אין זייערע ערינערונגען, אַז ער איז געווען אַ פריילעך, גוט און זייער קלוג יינגל; היציק און נקמהדיק, נאָר דאָך אַ גוטער חבר, איבערגעוויינלעך דרייסט און „שטענדיק מער געניגט צו זיגן, ווי צו ווערן באַזיגט". אויפן וועג פון שולע אַהיים, איז ער איינמאָל באַליידיקט געוואָרן דורך עפּעס אַ יינגל. נישט זייענדיק אומשטאַנד מיט זיין באַליידיקער זיך באַלד אָפּצורעכנען, האָט דער קליינטשיקער בייראָן אים צוגעזאָגט שוין „צובאַצאָלן" אַ צווייטן מאָל. אין עטלעכע טעג אַרום, האָט ער צוריקגעקערט פון שולע אַהיים שרעקלעך אויפגערעגט. אויף דער פראַגע פון דער ניאַניע, וואָס מיט אים איז געשען, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט נאָר-וואָס געשלאָגן יינגל, וואָס ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט מיט אים „זיך אָפּצורעכענען", און אַז ער, אַלס איינער פון די בייראָנס, וועט קיינמאָל נישט קאָמפּראָמיטירן דעם משפחה־דעוויז: „Crede Byron" („גלויב בייראָנען").

אין שולע האָט ער געלערנט נישט זייער גערן, ער איז שטענדיק געווען איינער פון די ערגסטע שילער אין קלאַס און האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו וועלן זיין דער בעסטער אָדער איינער פון די בעסטע. אין די קינדערשע שפּילערייען האָט זיך בייראָן אויך נישט אויסגעצייכנט, צוליב זיין הינקעדיקייט. אין דער פרייער צייט האָט ער ליב געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט לייענען אָדער צו מאַכן איינזאַמע שפּאַצירן ביים ברעג ים, ביי וואָס ער פלעגט טיילמאָל אָפּזיצן צו עטלעכע שעה אויף עפּעס אַן אָפּגעזונדערטן פעלז, קוויקנדיק זיך מיטן שפּילן פון די כוואַליעס פון ים און צוהערנדיק זיך צו זייער פּליעסקען אָן דעם ווילדן פעלז. פון דער פריסטער קינדהייט אָן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע צום ים און צו בערג, וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי פּרעכטיק באַזונגען

אין זיינע לידער. זיינע שפּאַצירן פֿלעגט דער קליינינקער בייראָן געווייגלעך מאַכן רייטנדיק אויף אַ רייט־פּערדל, ווייל אַסך גיין איז אים שווער געווען. ווען ער פֿלעגט שפּאַצירן מיט עמעצן פֿון זיינע חברים, פֿלעגט ער, געוויינלעך, זיך טיילן מיט זיין פּערדל, און יעדער פֿון זיי פֿלעגט, לויט דער ריי נאָך, אָדער גיין צו פֿוס, אָדער זיצן אויפֿן פּערד. אין דער צייט פֿון איינעם פֿון אַזעלכע שפּאַצירן איז זיי אַמאָל אויסגעקומען איבערצוגיין דורך איבריק, אַרום וועלכער עס איז אַרומגעגאַנגען אַן אַלטער דאָרטיקער פּזמון, אַז זי איז נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן די משא פֿון אַ פּערד און זיין רייטער, אויב ביידע זענען איינציקע קינדער ביי זייערע עלטערן. אַזוי ווי בייראָנס באַגלייטער איז גראָד ווי ער געווען אַ בן יחיד, און פּונקט איז אין דער דאָזיקער צייט אויסגעפֿאַלן זיין ריי צו זיצן אויפֿן פּערד, האָט דער קליינער דזשאָרדזש אים געראָטן, ער זאָל בעסער דורכגיין די בריק צופֿוס און אָפּטרעטן דאָס פּערדל אים, „וואָרים, אויב דו וועסט דערטרונקען ווערן, — האָט ער אים ערגסט באַמערקט — וועלן דיך באַקלאָגן צוויי מענטשן — דער טאַטע און די מאַמע, און אויך איך וועל דערטרונקען ווערן, וועט מיך בלויז באַקלאָגן די מאַמע אַליין". יענער האָט די דאָזיקע עצה געפֿאָלגט, און בייראָן איז, רייטנדיק אויפֿן פּערדל, דרייסט אַרויפֿגעפֿאָרן אויף דער בריק און, פֿאַרשטייט זיך, בשלום אַריבער אויף דער צווייטער זייט. דאָס דאָזיקע בשלומדיקע אַריבערפֿאָרן די בריק האָבן די קינדער אויסגעטייטשט מיט דעם, דאָס „מסתּמא האָט דאָס פּערדל געהאַט נאָך ברידער".

זומער, אין יאָר 1796, איז בייראָן קראַנק געוואָרן אויף שקאַרלאַטינע. ווען עס איז אים געוואָרן בעסער, איז די מוטער, אויף צו פֿאַרבעסערן זיין געזונט, אַרויסגעפֿאָרן מיט אים אין די בערג, וווּ זיי האָבן עטלעכע וואָכן געלעבט אין אַ פֿאַרם, וואָס האָט זיך געפֿונען אין איינעם פֿון די שענסטע געגנטן פֿון שאָטלאַנד. די ווילדע הויכקייט פֿון די בערגיקע אַנבליקן האָבן

אויפן קלייגעם בייראָנען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט שפּעטער שטענדיק מיט אַזאַ התלהבות דערמאָנט די דאָזיקע ערטער און, ווען אין אַ סך יאָרן שפּעטער האָט דער פּאָעט זיך געקוויקט מיט אַזעלכע ענלעכע אָנבליקן אין אַלבאַניען, ווען ער האָט געקלעטערט איבער די בערג פון שווייצאַריע, אָדער גע־קוקט אויף די שפּיצן פון די אַפּענינען אין איטאַליע, האָבן די איינדרוקן פון דער פריער קינדהייט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער לעבעדיקייט אויפגעלעבט אין זיין זכרון, ווי עס זענען אויף דעם דאָזיקן מעיד די פּרעכטיקע באַשרייבונגען פונם בערגיקן שאָט־לאַנד אין „טשיילד האַראָלד” און אין „אינדזל”, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן סך הכל צוויי יאָר פאַר זיין טויט. דער פאָרם, אין וועלכן בייראָן האָט דעמאָלט פאַרבראַכט מיט דער מוטער עטלעכע גליקלעכע וואָכן, איז פון דער דאָזיקער צייט געוואָרן דאָס אָרט, וווהין פון אַלע עקן וועלט קומען זיך צונויף זיינע פאַרערער אויף צו באַערן דעם געגנט. דאָרט ווייזט מען נאָך, ביזן הייג־טיקן טאָג, מיט שטאָלץ דאָס בעט, אין וועלכן דער קומענדיקער גרויסער פּאָעט איז געשלאָפן.

ווען בייראָן האָט דאָס ערשטע מאָל באַזוכט דאָס דאָרטיקע שאָטלאַנד, איז ער נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע אַכט יאָר, און דאָך געהער שוין צו דער דאָזיקער צייט זיין ערשטע ליבע. וועגן ערשטן ראָמאַן אין זיין לעבן האָט ער אין יאָר 1813, ד. ה. אין 15־טן יאָר־עלטער, געשריבן אין זיין טאָג־בוך פאָל־גענדעס: „איך האָב אין דער לעצטער צייט פיל געטראַכט וועגן מערי דאַף. ווי משונהדיק, דאָס איך בין אַזוי שטאַרק פאַר־ליבט געווען אין דעם דאָזיקן מיידעלע, ווען איך בין נאָך אַ־מאָל נישט פעיק געווען צו תאוה, און האָב נאָך אפילו נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פונם דאָזיקן וואָרט. מיין מוטער פלעגט טיילמאָל ליב האָבן צו שפּאַסן איבער מיין קינדערשן ראָמאַן. אין אַ לאַנגע צייט אַרום, ווען איך בין שוין אַלט געווען 16 יאָר, האָט זי מיר איינמאָל געזאָגט: „הער, בייראָן, די שעג

האָב איך באַקומען אַ בריוו פון עדינבורג און צווישן אַנדערס איז מען מיר מודיע, אַז דיין עלטע ליבע, מערי דאַף, האָט חתונה געהאַט פאַרן ה׳ ק.״ איך בין להלוטין נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן אין ווערטער, וואָס איך האָב אין דעם דאָזיקן מאָמענט געפילט, ווען איך האָב דערהערט די דאָזיקע נייעס. איך האָב שיער נישט באַקומען קיין היסטערישן אָנפאַל, און האָב מיט מיין אויסזען אויף אזוי פיל איבערגעשראָקן דער מוטער, אַז זי האָט דערנאָך שטענדיק אויסגעמיטן וועגן דער דאָזיקער זאַך צו רעדן, הערכסטנס, אין מיין אָנוועזנהייט... ביידע זענען מיר דעמאָלט נאָך געווען פולשטענדיקע קינדער. פון יענער צייט אָן בין איך שוין 50 מאָל געווען פאַרליבט, און פונדעסטוועגן, געדענק איר נאָך ביז היינט אַלץ, וואָס מיר האָבן דעמאָלט צווישן זיך געשמועסט, אונדזערע אַלע צערטלעריַיען, מיין אויפרעגונג, שלאָפלאָזיקייט, און ווי איך האָב דעמאָלט געפייניקט אונדזער שטוב-מיידל זי זאָל צו איר שרייבן בריוו אין מיין נאָמען, וואָס זי האָט סוף-כל-סוף אויך געטון, אַבי מיך צו באַרויקן. איך געדענק אויך אונדזערע בשותּפותדיקע שפּאַצירן און דאָס גליק, וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך בין געזעסן מיט מערין, און מיר האָבן אויפן ערנסטן אופן געשפּילט די ראָל פון פאַרליבטע, ווען אין דערזעלבער צייט האָט איר יינגערע שוועסטערל לענע, זיך געשפּילט מיט אַ ליאַלקע. איך בין מסופּק, אויב ביי איר זאָל נאָך האָבן פאַרבליבן די מינדסטע ערינערונג וועגן דער דאָזיקער צייט, וועגן מיר, אָדער— זי זאָל נאָך געדענקען, ווי זי פלעגט דאָס באַדויערן, וואָס איר שוועסטערל לענע האָט נאָך נישט קיין געליבטן. ווי שטאַרק איז פאַרבליבן אין מיין זכרון איר פּרעכטיק בילד — אירע טונקל-ברוינע האָר, אירע הירשן אויגן, און אפילו — איר בלויזער קאָסטיום!״...

די מאַדאַם בייראָן איז פונם סאַמע געבוירן-טאָג פון איר זון געווען איבערצייגט אַז אים ערוואַרט אַגרויסע צוקונפט. זי האָט זיך נאָך מער געהאַלטן ביי דער דאָזיקער

איבערצייגונג, נאָכדעם, ווי איין טרעפּערין האָט איר געזאָגט, אַז איר זון וועט מיט דער צייט ווערן אַ לאָרד און וועט חתונה האָבן צוויי מאָל, אײן ביים צווייטן מאָל — מיט אַן איסלענדערין. די ערשטע העלפט נבואה פון דער טרעפּערין איז זייער שנעל מקוים געוואָרן. אין יאָר 1794 איז געשטאָרבן דאָס איין איינציקע אייניקל; (דער זון איז געשטאָרבן נאָך פריער) פונם אַלטן לאָרד בייראָן, און דער קליינינקער דזשאָרדזש איז, אַדאַנק דעם דאָזיקן געוואָרן דער איינציקער יורש פון זיין פעטער. די וויכטיקע באַדייטונג פון דער דאָזיקער געשעעניש האָט זיך געפילט נישט נאָר אין דער מאדאם בייראָן, נאָר אַפילו אין איר קליינעם זון. ווען אין ווינטער פון יאָר 1797 האָט בייראָנס מוטער איינמאָל צופעליק הויך איבערגעליינט אַן אויסצוג פון עפּעס אַ רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין ראָטהויז, האָט איר באַקאַנטער, וועלכער איז פונקט געווען דערביי, דעם יינגל באַמערקט: „מיר וועלן צמאָל האָבן די זכיה צו לייענען אויך דיינע רעדעס אין ראָטהויז". — „איך האָף, אַז נישט. — האָט דאָס יינגל ערנסט געענטפערט — אויב עס וועט איין צמאָל אויסקומען צו לייענען מיינע רעדעס, וועלן זיי דאָס זיין יענע, וועלכע איך וועל האַלטן אין לאָרדן־הויז" אין אַ עטלעכע חדשים אַרום, אין 19־טן מאי 1798, איז אין זיין ניוסטעדער שלאָס געשטאָרבן בייראָנס פעטער, און דאָס צעניעריקע יינגל איז פּלוצלינג געוואָרן אַלאָרד. אויפן צווייטן טאָג נאָכן דערהאַלטן די ידיעה וועגן דעם דאָזיקן, האָט דער קליינינקער בייראָן מיט אַ זייער ערנסטער מינע געפרעגט דער מוטער: „צי האָט זי נישט צמאָל אויף אים באַמערקט, עפּעס אַ שנוי פון דער צייט אָן, ווען ער איז געוואָרן אַלאָרד, וואָרים ער אַליין האָט אויף זיך גאָרנישט באַמערטט, צוואָספאַר שטאַרקן איינדרוק עס האָט אויפן יינגל געמאַכט די דאָזיקע גרויסע געשעעניש אין זיין לעבן, איז צו זען פון פאָלגנדן ביישפּיל. ווען אין אַ עטלעכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן לאָרד, האָט מען זיין נאָמען בעתן אויסרופן אין גימנאַזיע, צום ערשטן

מאָל אַרויסגעלייענט צוזאַמען מיטן טיטל „dominus" (לאָרד), איז ער פאַר גרויס צערשטרייאונג נישט געווען בכוח אַרויסצוברענגען דעם געוויינלעכן ענטפער „ad sum" (איך בין דאָ); אין משך פון אַ עטלעכע מינוט איז ער שווייגנדיק געשטאַנען צווישן דער אַלגעמיינער פאַרוווּנדערונג פון זיינע חברים און לסוף האָט ער אויסגעבראָכן מיט אַ הויך געוויין.

אין האַרבסט 1798, איז די מאַדאַם בייראָן אינאיינעם מיט איר זון אַריבערגעפאָרן אין ניוסטעדער שלאָס, וועלכער איז צו אים איבערגעגאַנגען בירושה. מיט זיי איז אויך אַהין מיטגעפאָרן די ניאַניע מיי גריי. פאַרן אָפּפאָרן פון עבערדין האָט די מוטער פון יונגן לאָרד אויספאַרקויפט איר פאַרמעגן, פאַר וואָס זי האָט פאַר אַלץ נישט מער באַקומען, ווי 75 פונט. די רעזידענץ פון זיינע אבות האָט בייראָן געטראָפן אין סאַמע טרויעריקסטן צושטאַנד: דער פּאַרק איז כמעט אינגאַנצן געווען אויסגעהאַקט, און דער שלאָס — אַזוי פאַרלאָזט, אַז מען האָט אין אים נישט געקאָנט געפינען נישט קיין אָרנטלעך צימער. אויף דעם, אַז מען זאָל אַלץ ברענגען אין אָרדנונג, האָט מען געברויכט צו האָבן אַ גרויסע סומע געלט, ביי וואָס די גאַנצע הכנסה פונם גיט האָט אין דער זעלבער צייט באַטראָפן נישט מער פון פינף הונדערט טויזנט פונט אַ יאָר. עס איז דערווייל אויסגעקומען אויף אַ צייט דעם שלאָס צו פאַרלאָזן, און זיך צו באַזעצן אין אַן אַנדער אָרט. די מאַדאַם בייראָן האָט אויסגעקליבן פאַר אַן אָרט צום וווינען די שטאָט נאָטינגעם, וועלכע האָט זיך געפונען אין שכנות פון ניוסטעד. איינאָרדנענדיק זיך דאָרטן, האָט זי זיך ענערגיש גענומען פאַר איר זונס קראַנקן פוס. צוליב דעם האָט זי לכתחילה איינגעלאַדן עפּעס איינעם אַ לאַווינדער, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר א זייער געניטן כירורג, נאָר וועלכער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — פאַר אַ געניטן שאַרלאַטאַן. די מיטלען, וועלכע דער „כירורג" האָט באַנוצט אויף אויסצוגלייכן דעם פוס פון זיין פּאַציענט, האָבן אים פאַרשאַפן

אומדערטרעגלעכע יסורים, ביי וואָס דער מוט האָט זיך נישט נאָר נישט פאַרקלענערט, נאָר מיט יעדן טאָג זיך נאָך אַלץ מער פאַרגרעסערט. כדי בייראָן זאָל אין דער צייט פון דער קוראַציע נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט זיך פריער אויסגעלערנט, פלעגט צו אים יעדן טאָג קומען דער לערער פון דער אָרטיקער שולע און לייענען מיט אים ווירגילינען און ציצעראָנען. אין דער צייט פון די לעקציעס, פלעגט דאָס יינגל אָפט ליידן שרעקלעכע יסורים אין פוס, וועלכער איז, לויט דער עצה פונם דאָקטאָר-שאַרלאַטאַן, געווען איינגעשרויפט אין אַ הילצערנער מאַשין. דער לערער, וועלכער האָט זייער ליב געהאַט זיין תלמיד, האָט דאָס דאָזיקע באַמערקט און איינמאָל האָט ער צו אים געזאָגט: „מיר איז זייער נישט אָנגענעם, מיין לאָרד, אייך צו זען אויף אַזוי פיל א ליידנדן”. „עס מאַכט גאָרנישט אויס ה' ראָדזשערס — האָט דאָס יינגל אויף דעם געענטפערט, — איר וועט שוין מער אויף מיין געזיכט נישט זען קיין שום סימנים פון ליידן”. און דער לערער האָט שוין, ווירקלעך, מער גאָרנישט באַמערקט. די באַציונגען צווישן בייראָנען און זיין לערער זענען געווען זייער וואַרעמע, און ער פלעגט שפּעטער שטענדיק מיט ליבשאַפט דערמאָנען וועגן ראָדזשערסן, ווי בכלל וועגן אַלע די יעניקע, וועלכע זענען ווען-עס-איז גוט געווען צו אים. דערפאַר האָט ער דעם דאָקטאָר לאַווענדער שרעקלעך פיינט געהאַט, און האָט זיך אין אים נוקם געווען פאַר זיין אומברחמנותדיק קורירן, מיט בייזע שפאַסן איבער זיין גאוהדיקער עם-הארצות. אַזוי, איינמאָל, אָנשרייבנדיק אויף אַ בויגן פּאַפּיר אַ פּאָר צענדליק קינסטלעך-צונויפגעשטעלטע ווערטער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום זין, האָט דער קומענדיקער פּאָעט מיט אַ זייער ערנסטער מינע געפרעגט לאַווענדערן, אויף אַ וואָספאַר שפראַך דאָס דאָזיקע איז אָנגעשריבן. יענער, נישט וועלנדיק אַרויסווייזן זיין עם-הארצות,

האָט שטאָלץ געענטפערט: „אויף איטאַליעניש". בייראָן איז אַריין אין אַן אויסערגעוויינלעכער התלהבות פון דעם דאָזיקן ענטפער און האָט אויסגעבראָכן מיט א הויך, טריאומפירנד געלעכטער. אים האָט איך שפּעטער שטענדיק פאַרשאַפט אַ גרויס פאַרגעניגן, ווען ער האָט געקאָנט באַליידיקן עמעס אַ שאַרלאַטאַן.

צו דער צייט פון בייראָנס זיין אין נאָטינגעם געהערן זיינע ערשטע פּערזן. זיי זענען געשאַפן געוואָרן ביי פאָלגנדע קוריאָזע אומשטענדן. צו זיין מוטער פלעגט אָפט אַריינקומען אַן אַלטע דאַמע, וועלכע האָט מיט איר אויסערלעכקייט און איר רעדן גורם געווען אויפן קליינעם לאָרד אַרויסצורופן ביי אים אַ שרעקלעכע שנאה צו זיך. צווישן אַנדערעס, האָט די דאָזיקע דאַמע אָפט דערקלערט, אַז לויט איר טיפער איבערצייגונג, פליט די מענטשלעכע נשמה, נאָך זיין טויט, פריער אַרויף אויף דער לבנה. נאָך איין באַזוך פון דער דאָזיקער פרוי איז דער קליינער בייראָן, זייער אַן אויפגערעגטער, אַריינגעלאָפן צו זיין ניאַניע און האָט אויסגעשאָסן מיט די פאָלגנדע, איבריקנס גענוג שלעכטע, פערזען:

אַן אַלטע לעדי אין סוואָן-גרין אַליין,
לעבט טרויעריק אין איר איינזאַמקייט דערהויבן,
דאָך איז אַ טרייסט פאַר איר איר פעסטער גלויבן:
ס'וועט נאָכן טויט איר אָרט אויף דער לבנה זיין.

בייראָנען אַליין איז אַזוי געפעלן געוואָרן זיין דאָזיקער ערשטער עקספּראָמפּט, אַז פון גרויס התלהבות האָט ער אים פאַר דער ניאַניע איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

אין יאָר 1799 איז פאַר דער מאַדאַם בייראָן באַשטימט געוואָרן אַ קעניגלעכע פּענסיע פון דריי הונדערט פונט, וואָס דאָס איז ביי איר דעמאָלסטיקע שווערע באַדינגונגען געקומען פּונקט

אין דער רעכטער צייט. זי איז באַלד נאָכדעם אריבערגע-
פאָרן קיין לאָנדאָן און דאָרט, לויט דער עצה פון גראַף
קאַרלייל, דער אפּוטרופּס פון איר זון, מסכּים געווען דעם
לעצטן צו לאָזן קורירן ביי דעם אין יענער צייט באַרימטן
בּייל. מחמת דעם, אַז דאָס יינגל זאָל קענען פאָרזעצן דאָס לערנען
אין משך פון דער דאָזיקער קוראַציע, האָט אים די מוטער איינגע-
אָרדנט אין אַן הינטער-שטאָטישער שולע פון דאָקטאָר גליקע.
בייראָנען איז אַצונד אויסגעקומען אָנצוהייבן דאָס לערנען פון
דער לאַטייניש ער שפּראַך ווידער פון אָנהייב, וואָרים די מעטאָדע
פון איבערגעבן די דאָזיקע שפּראַך אין די ענגלישע שולן, איז
פולשטענדיק נישט ענלעך געווען אויף דער דאָזיקער, וועלכע
מען האָט באַנוצט אין שאָטלאַנד. „ער האָט זיך מונטער גענומען
פאַר דער ארבעט — דערציילט וועגן אים דער דר. גליקע —
און מאַכנדיק שנעלע פאָרשריטן, איז ער אין דער שולע געווען
אַ פרייליכער, גוטהאַרציקער און געליבטער חבר. אין היסטאָריע
און בעלעטריסטיק האָט דער נייער שילער איבערגעשטיגן די
אנדערע יינגלעך פון זיין עלטער... ער האָט אַרויסגעוויזן אַן
אויסערגעוויינלעכע קענטניש אין די היסטאָרישע ביכער פון די
הייליקע שריפטן און האָט אומגעהייער ליב געהאַט מיט מיר צו
שמועסן וועגן רעליגיעזע פראַגן, איבערהויפּט נאָך דער אָוונט-
תּפילה אין די זונטיקס”... אַזוי ווי בייראָנס בעט איז געשטאַנען
אין דעם דר. גליקעס ביבליאָטעק, האָט ער יעדע נאַכט פאַר-
בּרענגט אַ עטלעכע שעה אין לייענען. אין דער צייט פון זיין
פאַרברענגען אין דער דאָזיקער שולע, האָט דער קומענדיקער
פּאָעט, ווי ער האָט זיך אליין מודה געווען, איבערגעלייענט א
מאַסע פאַרשידנאַרטיקסטע ביכער. דערפאַר זענען זיינע פאָרשריטן
אין לערנען, צום גרויס פאַרביטערונג פונם געערטן לערער, זייך
באַדייטנד שנעל פאַרקלענערט. אין דעם איז איבערהויפּט שול-
דיק געווען זיין מוטער. זי איז שיער נישט יעדן טאָג געקו-

מען צופאָרן פון לאָנדאָן און מיט די לעכערלעכסטע תירוצים אַוועקגעפירט דאָס יינגל אַהיים, ביי וואָס זי פלעגט אים כמעט גאַנצע וואָכן אָפּהאַלטן אינדערהיים, נישט קוקנדיק אויף די פּראָטעסטן פונם אפּוטרופּס און פון לערער. ווען דער לעצטער האָט איר אויף אַ פיינעם אופן אָנגעהויבן אויפווייזן, אויף ווי ווייט די אָפטע און לאַנגע הפסקות אין לערנען שטערן די פּאָרשריטן פון איר זון, פלעגט זי אָנהייבן צו שרייען און צו שעלטן, אַז מען האָט זי געהערט איבער דער גאַנצער שולע. דער דאָקטאָר גליקע דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט די אומאַנגענעמלעכקייט אונטערצוהערן, ווי איינער פון יונגן לאָרדס חברים האָט אים באַמערקט: „דיין מאַמע איז אַ נארישע, בייראָן!" אויף וואָס יענער האָט טרויעריק געענטפערט: „איך ווייס דאָס". אַזא ענטפער מצד אַן עלף-יעריק יינגל ווייזט, אויף וואָספאַר אַ שטופע די באַציונגען צווישן דער מוטער און דעם זון זענען נישט געווען נאָרמאַל. דער זון האָט דער מוטער לחלוטין נישט געשעצט און האָט צו איר געפילט זייער ווייניק ליבשאַפט. די מוטער ווידער, פון איר זייט, פלעגט אָדער באַשיטן דעם זון מיט לאַסקעס און קושן, אָדער אים באַלוינען מיט די גרעבסטע זלזולים און קלעפּ. אין אָנפאַלן פון צאָרן, פלעגט זי, ווי אַ משוגענע, זיך נאָכיאָגן נאָכן יינגל איבער דער שטוב, אין דערזעלבער צייט, ווען יענער, נישט קוקנדיק אויף זיין הינקעדיקייט פלעגט זיך פלינק פון איר אַרויסדרייען און ביי דעם הויך לאַכן פון איר דיקייט און נישט רירעוודיקייט.

אין דער צייט פון די שול-פעריען פון יאָר 1800 האָט זיך בייראָן פאַרליבט אַ צווייטן מאָל. דאָסמאָל האָט ער זיך פאַרליבט אין זיין קוזינע מאַרגאַריטע פאַרקער וועלכער עס איז געווידמעט דאָס ערשטע ליד אין זיינע „שעהן פון אַליידיק-גייער". „מיין ערשטע עקסקורסיע אין לאַנד פון פּאָעזיע, — דערציילט ער אין זיין טאָג-בוך, — האָב איך געמאַכט נאָך אין יאָר 1800.

דאָס איז געווען אַן אויסגוס פון מיין ליידנשאַפט צו דער קוזינע מאַרגאַריטע פּאַרקער, דער פּרעכטיקסטער פון די שטערבלעכע באַשעפענישן. איך האָב שוין לאַנג די דאָזיקע פּערזון פאַרגעסן, נאָר מיר וואָלט שווער געווען צו פאַרגעסן זי — אירע טונקעלע אויגן, אירע לאַנגע ברעמען און די וווּנדערבאַרע שטריכן פון איר פּנים און פיגור. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַן ערך צוועלף יאָר, זי — עפּעס מער. זי איז אין אַ יאָר אַרום אָדער צוויי געשטאָרבן, צוליב אַן אומגליקלעכן פאַל, וועלכער האָט איר צובראָכן דעם חוט-השדרה און אין אים אַרויסגערופן שווינדזוכט... איך געדענק נישט קיין שום ענלעכעס צו דער לויטערער שיינקייט און מלאכישן כאַראַקטער פון מיין קוזינע אין משך פון דער קורצער צייט פון אונדזער ליבע. זי האָט דעמאָלט געקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט געווען געשאַפן פון אַ רעגנבויגן... מיין ליידנשאַפט האָט אויף מיר געהאַט די אמתע ווירקונג: איך האָב נישט געקאָנט נישט שלאָפן, נישט עסן, נישט געפונען פאַר זיך קיין רו. הגם איך האָב געהאַט יסודות צו גלויבן, אַז זי האָט מיך ליב, פונדעסטוועגן, האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט געדולדיק איבערוואַרטן די דאָזיקע צוועלף שעה, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט אונדזער איין זעען זיך פון צווייטן. איך בין דעמאָלט נאַריש געווען, און בין אָבער נישט קליגער געוואָרן אויך אַצינד”...

באַלד נאָך ביידאָנס איבערפאָרן קיין לאָנדאָן, האָט זיך זיין געליבטע ניאַניע מיי גריי אויף שטענדיק מיט אים געשיידט און האָט זיך צוריקגעקערט אין איר געבורט-אָרט. שיידנדיק זיך מיט איר, האָט איר בייראָן לזכרון געשענקט זיין ערשטן זייגער און אַ מיניאַטור-בילד אין זיין גאַנצן וווּקס, וועלכעס עס האָט געצייכנט אַ געוויסער עדינבורגער מאָלער, נאָך אין יאָר 1795. אויף דעם זעלבן פּאָרטרעט איז ער געמאָלן אין אַ שטייענדיקער פּאָזע מיט אַ פייַלנבויגן אין די הענט און

מיט לאַנגע לאָקן, וואָס פאַלן אים אַראָפּ אויף די אַקסלען. בייראָן האָט נאָך דערנאָך עטלעכע מאָל געשריבן בריוו צו זיין גיאַניע, און שטענדיק וועגן איר דערמאַנט מיט דער צערטלעכי־סטער ליבע, פונקט ווי זי וועגן אים.

II

אין שולע.

בייראָן איז אָפּגעוועזן אין שולע פון ד"ר גליקע אן ערך צוויי יאָר; שפּעטער האָט אים די מוטער, א נישט צופרידענע מיט די קליינע פּאָרשריטן פון איר זון, — און וואָס זי איז, מערסטנטייל, אליין שולדיק געווען, — אַריבערגעפירט אין דער באַקאַנטער קלאַסישער שולע אין גאַראָ. בייראָן איז נישט גערן אַוועק אין דער נייער שולע, אין וועלכער ער האָט זיך די ערשטע צייט נישט איבעריק גוט געפילט. דער איבערגאַנג פון דער שטילער און באַשיידענער שולע פון ד"ר גליקע צו דער רוישיקער אַריסטאָקראַטישער שולע אין גאַראָ, איז געווען צו שאַרף פאַרן צושראָקן ייִנגל. ער האָט געוווּסט, אַז זיינע נייע זייער רייכע חברים איז באַקאַנט זיינע נישט צוגעפּאַסטע מאַטעריעלע מיטלען צו זיין טיטל, — און די דאָזיקע סיבה האָט באַליידיקט זיין קינדערישע איינגליבע. דער יונגער לאָרד האָט זיך געערגערט מיט זיין שאָטלענדער אויסשפּראַך, אים האָט געפּייניקט דאָס דערקענען זיין מום, און לסוף איז אים געווען א חרפּה, וואָס ער האָט געקענט פיל ווייניקער פאַר די ייִנגלעך פון דעם זעלבן עלטער, וואָס ער. צו זיין גליק, איז דעמאָלט געווען רעק-

טאָר פון דער שולע אין גאראָ אַ געניטער פעדאַגאָג און זייער אַ פיינער מענטש. ד"ר דרורי (אַזוי האָט געהייסן דער רעק-טאָר פון דער שולע) באַשרייבט אויף אַזאַ אופן דעם איינדרוק, וועלכן בייראָן האָט אויף אים געמאַכט ביי זיין אָנקומען אין גאראָ. „ער איז דעמאָלט אלט געווען עפעס מער פון 13 יאָר. מען האָט אים רעקאָמענדירט אַלס אַ שלעכט צוגעגרייט יינגל, נאָר געבוג פאַרשטענדיק. ראשית, האָב איך אים פאַרבעטן אין מיין קאַבינעט און האָב מיך באַמיט דורך פראַגן געוווינ צו ווערן ביי אים, מיט וואָס ער האָט זיך פריער פאַר-נומען, סאָרע חברים ער האָט געהאַט, און וואָס האָט אים מער פון אַלץ אינטערעסירט. אָבער פון אים איז כמעט אוממעגלעך געווען זיך צו דערוויסן, און באַלד איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז אונטער מיין השגחה האָט מען אָפּגעגעבן אַ ווילד זשרעבעקל, פונדעסטוועגן, האָב איך אין זיינע אויגן אַ קלוגשאַפט באַמערקט, און דעריבער האָב איך קודם כל באַשלאָסן דעם נייעם שילער צונויפפירן מיט עפעס אַ מער דערוואַקסענעם יינגל, וועלכעס זאָל אים באַקאַנט מאַכן מיט די נייע פאַר אים באַדינגונגען און אָרדנונגען. אָבער דאָס, וואָס ער איז געוווינ געוואָרן פון זיין נייעם באַקאַנטן, האָט אים נישט נאָר שלום געמאַכט מיט דער שולע, נאָר פאַרקערט, עס האָט ביי אים נאָך מער דעם מוט צוגענומען: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע ידיעות האָבן זיך ווייט נישט צוגעפאַסט לויט זיינע יאָרן, און אַז אים וועט אוודאי אויסקומען צו זיצן מיט די יינגלעך, וועלכע זענען געווען פיל יינגער פון אים. נאָר איך האָב געאיילט איבערצוגעבן דאָס עגאָיסטיש יינגל אונטער אַ באַזונדער השגחה פון איינעם פון די לערערס, און אַ חוץ דעם, האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז פאַר אים וועט ביז דעמאָלס נישט זיין אָנגעצייכנט קיין באַ-שטימט אָרט אין שולע, ביז ער וועט דורך זיין פלייסיקייט נישט דעריאָגן די שילער פון זיין עלטער. די ראַזיקע מעלדונג איז אים שטאַרק געפאַלן, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן לייכ-

טער צו פילן מיט די נייע חברים, הגם די שעמעוודיקייט האָט אים נאָך לאַנג נישט פאַרלאָזט. איך האָב מיך באַלד איבערגעצייגט, אַז, לויט זיין כאַראַקטער, האָט ער געהערט צו די יעניקע קינדער, וועלכע עס איז פיל לייכטער צו פירן אויף אַ זיידן שנירל, איידער אויף אַ דיקן שטריק, און האָב מיך מיט אים טאַקע שפּעטער באַגאַנגען לויט דער דאָזיקער איבערצייגונג"...

און אָט ווי ביירען אַליין באַשרייבט אין איינעם פון זיינע טאָג-ביכער דאָס לעבן אין גאראַ:

„ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט זיין, האָב איך ביזן אַכצנטן יאָר-עלטער קיינמאָל נישט געלייענט קיין איין ציטונג. פונדעסטוועגן, האָט אין גאַראָ, מיין ברייטע באַקאַנטשאַפט מיט די ציינט-פּראגן, אַ טייל געצוווּנגען מיר חושד צו זיין, אַז איך האָב מיינע ידיעות געשעפּט פון די ציטונגען, וואָרים מען האָט מיך קיינמאָל נישט געזען לייענען, נאָר שטענדיק אַרומגיין ליידיק, פאַרטון מיט שטיפעריין אָדער שפּילצייגן. אָבער אינדעראמתן, האָב איך געלייענט בעתן עסן, געלייענט אין בעט, געלייענט אין אַזא צייט, ווען קיין שום אַנדערער האָט נישט געלייענט, און געלייענט אַלערליי ביכער פון פינף יאָר אָן; נאָר קיינמאָל איז מיר נישט אריינגעפאַלן אין דער האַנט אריין קיין ציטונג, — און דאָס איז די איינציקע סיבה, פאַרוואָס איך האָב זיי נישט געלייענט... און שולע האָב איך מיך אויסגעצייכנט מיט דער ברייטקייט פון מיין אלגעמיינעם וויסן, נאָר אויף אַלע אַנדערע געביטן — בין איך געווען א פוילער. פון צייט צו צייט פלעגט מיט מיר טרעפן פלוצלינגע אַנפאַלן פון אַמעריקווידיקער פלייסיקייט, אָבער צו אויפריכטיקער אַרבעט בין איך קיינמאָל נישט פעיק געווען. די טאַלאַנטן, וועלכע איך האָב דעמאָלט אַרויסגעוויזן, זענען עבדער געווען דעקלאַמאַטאָרישע, קריגערישע, ווי ליטעראַרישע, און דער דר. דרורי, מיין גרויסער באַשיצער, אורטיילנדיק לויט מיין שטים און לויט דער פלייסיקייט,

רייכקייט, לײדנשאַפט און ענערגיע פון מיינע רייד, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז פון מיר וועט מיט דער צייט אַרויסקומען אַן אויסערגעוויינלעכער אָראַטאָר. איך געדענק, ווי דער רעקטאָר איז געווען איבערראַשט פון מיין ערשטע רעדע, און ווי ער האָט דאָס מיר, קעגן זיין געוווינהייט, באַשיט, אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע, מיט קאָמפּלימענטן. נאָר דערפאַר האָט ער זיך צו מיינע ערשטע לידער, וואָס זענען געווען אַן איבערזעצונג פון עסכילאָוס „פּראָמעטעי", באַצויגן גענוג קאַלט. עס איז אויך דעמאָלט קיינעם אין קאָפּ אַרײַן נישט געקומען, אַז איך וועל אַמאָל ווערן אַ פּאָעט"...

הגם בייראָן האָט פון דער סאַמע קינדהייט אָן זייער שטאָלצירט מיט זיין אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג, פונדעסטוועגן, אין דער אויסוואַל פון פריינט, פלעגט ער שטענדיק האָבן מער באַציונג צו די נישט טיטולירטע. זענען טאַקע זיינע שול און אוניווערסיטעט-פריינט געווען פיל נידעריקער פון אים. די דאָזיקע סיבה דערקלערט זיך, איבעריקנס, פיל מער מיט בייראָנס שטאָלצקייט און עגאָיזם, איידער מיטן דעמאָקראַטיזם פון זיינע געפילן. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט אין אַלץ צו זיין דער ערשטער, אַפילו די ראָל פון אַ פירער אָדער באַשיצער. דעריבער האָט ער זיך געוויינלעך לייכטער פון אַלץ דערנענטערט צו יענע יינגלעך, וועלכע זענען געווען יינגער פון אים און פיזיש שוואַכער. איינער פון זיינע בעסטע פריינט אין גאַראָ, וויליאַם האַרנעס, איז יינגער געווען פון אים אויף גאַנצע פיר יאָר און פיל שוואַכער פון אים. מיט דעם דאָזיקן יינגל האָט ער זיך באַפריינדעט ביי פאָלגנדע אומשטענדן: שפּאַצירנדיק איינמאָל אויפן שול-הויף, האָט בייראָן באַמערקט, אַז אַ גרויסער און געזונטער יונג האָט באַליידיקט דעם קליינעם, שוואַכן האַרנעסן; ער האָט זיך באַלד אַריינגעמישט און דעם גראָביאַן אַוועקגעטריבן. אויפן צווייטן טאָג, דערזעענדיק פונדערווייטנס האַרנעסן שטיין איינזאַם און טרויעריק, איז ער צו אים צוגע-

גאַנגען און געזאָגט: „הערנעס, אויב עס וועט דיך עמעצער באַליידיקן, זאָג דאָס מיר, — איך וועל אים שוין ווייזן”. פֿון דער דאָזיקער מינוט אָן זענען זיי זיך געוואָרן די איבערגעגעבנסטע פריינט.

אין די באַציִונגען צו זיינע שול־פריינט האָט בייראָן שטענדיק אַרויסגעוויזן איידלקייט און גוטהאַרציקייט, וואָס פלעגט טיילמאָל שיער נישט דערגיין צו העראָיזם, ווי דאָס באַווייזט פאָלגנדער פאַקט. בייראָנען איז איינמאָל אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פון דעם, ווי איינער אַ גרויסער לאָבוז אין שולע, האָט זיינעם אַ פריינט אָן רחמנותדיק מיט אַ קאַנטשיק געשמיסן דערפאַר, וואָס ער האָט נישט דערפילט עפעס זיינס אַ זאַך. די טרויעריקע געשרייען פון דעם דאָזיקן יינגל, האָבן אויף ביראָנען געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק, נאָר ער האָט געוווּסט, אַז מיט אַ מער שטאַרקערן פון אים טאָר ער נישט אָנהייבן, וואָרים אפילו דאָס צוגיין נאָענט צו אַזעלכן וואָלט געווען געפערלעך — איז ער געשטאַנען פונדערווייטנס. לסוף איז ער שוין נישט בכּח געווען זיך מער איינצוהאַלטן און, דערנענטערנדיק זיך צום אָרט פון דער עקזעקוציע, האָט ער מיט אויגן, פול טרערן, מיט אַ ציטערנדיק קול פון שרעק און צאָרן, זיך שעמעוודיק געפרעגט ביים שלעגער, צי קען ער אים נישט זאָגן, וויפל שמיץ ער האָט בדעה צו געבן זיין פריינט. „און צו וואָס ברויכסטו דאָס צו וויסן, דו מנוול?” — האָט מיט פאַרוווּנדערונג יענער געפרעגט. „צוליב דעם, — האָט אים בייראָן געענטפערט, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, — וואָס, אויב איר ווילט, בין איך גרייט פאַר אים צו קריגן אַ העלפט”...

פאַר אַזאַ זיך איינשטעלן און גרויסמוטיקייט מצד בייראָנען האָט מען אים אין גאַנץ זייער ליב געהאַט, און אין די לעצטע יאָרן פון זיין פאַרברענגען דאָרט, איז ער דער שול־יוגנט געווען אומגעהייער פאָפולער. נאָר דערפאַר אין די ערשטע אנדערהאַלבן יאָר איז זיין לעבן אין שולע געווען נישט איבעריק פריילעך. די שול־קינדער האָבן אים נישט זייער ליב געהאַט, ביז זיי האָבן

אים גענטער נישט דערקענט; זיי האָבן שטענדיק פון אים גע־לאַכט, און טיילמאָל אַפילו פון אים גראָב און גאַריש חוזק געמאַכט.

די באַציונגען צווישן ביירון און זיינע געליבטע חברים זענען נישט ענלעך געווען צו דער געוויינלעכער פריינטשאַפט צווישן יינגלעך. אין זיי איז געווען צופיל פּרווילעכעס; זיי זענען ענדער ענלעך געווען צו דער דאָזיקער פריינטשאַפט, וועלכע איז פאַראַן ביי די יונגעטשקע פענסיאָנאַרקעס: די זעלבע קרענקלעכע סענטימענטן, די זעלבע טרערן, אייפערזוכט, קריגערייען צוליב נאַרישקייטן און באַלד דערנאָך די צערטלעכסטע איבערבעטענישן. ביירון האָט זיך, למשל, אַמאָל שטאַרק באַ־ליידיקט אויף איינעם פון זיינע שול־פריינט פאַר דעם, וואָס יע־נער האָט אין אַ בריוו צו אים אים געשריבן „מיין טייערער ביירון" אַנשטאָט „מיין טייערסטער ביירון" א. א. וו. די ערשטע זיינע לידער זענען פול מיט צערטלעכע ווענדונגען צו געליבטע שול־חברים. נאָך זיין טויט זענען צווישן זיינע פּאַפּירן, וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט, געפונען געוואָרן בריוו, וואָס זענען דורך אים פלייסיק באַהאַלטן געוואָרן, וועלכע ער האָט אין דער קינדהייט פון די חברים באַקומען. אויף די יעניקע פון די קינדערישע בריוו, אויף וועלכע זייערע מחברים האָבן פאַר־געסן אויפצושרייבן די דאַטע, איז זי אין אַ סך יאָרן שפּעטער צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער זאָרגפעלטיקער האַנט פון בייראָ־נען אליין.

וועגן רעקטאָר פון דער שולע האָט ביירון אויך געהאַט די בעסטע ערינערונג. „דער ד"ר דרורי, — שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך, — דאָס איז דער בעסטער פון אַלע מיינע פריינט, וועלכע איך האָב ווען עס איז געהאַט. נאָך ביזן היינטיקן טאָג קוק איך אויף אים, ווי אויף אַ פאָטער". ביי די פּראָפעסאָרן פון דער שולע האָט ביירון געהאַט אַ שם פאַר אַ פוילן, וועל־כער איז נישט פעיק זיך גאָרנישט אויסצולערנען. די הויפּט־

געגנשטאַנדן, וועלכע מען האָט געלערנט אין שולע זענען געווען אַלטע שפּראַכן און מאַטעמאַטיק. און צו דעם האָט בייראָן געפילט אַן אומגעהייערן עקל. דערפאַר אָבער אין שטיפעריי און אין יעדער אַרט פאַרשייטקייט איז ער שטענדיק געווען דער ערשטער. אין דער פרייער צייט אויסער דער שול, פלעגט בייראָן מערסטנטיילס ליייענען, וואָרום א דאַנק זיין הינקעדיקייט האָט ער נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין אַ סך שפּילן פון זיינע חברים. אויפן קליינעם קירכע־צמענטאַזש, וואָס איז נישט ווייט פון דער שולע אין גאָרא, געפינט זיך אַ קבר, וועלכן עס האָבן היינט ליב צו באַזוכן בייראָנס פאַרערער. דער דאָזיקער קבר איז אין דער צייט פון זיין פאַרברענגען אין גאָראַ צווישן די שול־יוגנט באַקאַנט געווען אַלס „בייראָנס קבר", ווייל עס פלעגט אויף אים געווייגלעך ליב האָבן צו זיצן אין די פרייע שעהן דער קומענדיקער גרויסער פּאָעט. דאָ פלעגט בייראָן אָפט אָפּזיצן צו עטלעכע שעה, פאַרנעמענדיק זיך מיט לייענען אָדער זיך גאַר קויקן מיט דעם וואונדערבאַרן אָנבליק, וועלכער עפנט זיך פון דעם דאָזיקן אָרט. אַהין פלעגט ער געווייגלעך קומען אין די מינוטן פון אומבאַקאַנטן אומעט; ווענדנדיק זיין בליק אין דער ווייטקייט, פלעגט דער יונגערמאַן דאָ פאַרזונקען אין מעלאַנכאָלישע געדאַנקען און אין די ערשטע פּאָעטישע פאַנטאַזיעס.

אין דער צייט פון די זומער־פעריען פון יאָר 1802 האָט ביירָאן צום ערשטן מאָל דערזען זיין שוועסטער אויגוסטע. זי איז פון פיר יאָר אָן געווען ביי די קרובים פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער און, ווען מען האָט זי צוועקגענומען פון פאָטער און דער שטיפמוטער, איז איר ברודער ערשט אינגאַנצן אַלט געווען עטלעכע חדשים. אַצינד איז ער שוין אַלט געווען 14 יאָר, און זי — 18. לכתחילה איז ביירָאן שטאַרק אַנטוישט געווען אין זיין שוועסטער: ער האָט ערוואַרט צו טרעפן אין איר אַן אומגעהייערע שיינהייט, און זי איז אַפילו מיטלמעסיק

נישט שיין געווען. נאָר באַקענענדיק זיך מיט איר נענטער, האָט ער ליב געקריגן איר פּשוט, נאָר זייער אינטערעסאַנט געזיכט און ער איז געווען באַצויבערט פון איר זייער גוטן כאַראַקטער. די צאַרטע פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן, האָט זיך שוין מער נישט איבערגעריסן, און איז נישט געוואָרן קלענער ביזן סאַמע בייראָנס טויט; אדרבה, זי איז מיט יעדן יאָר געוואָרן שטאַרקער, צאַרטער און ריינדיקער און דער צייט ווען דאָס לעבן פון פּאָעט, איז אַלץ מער פינסטער געוואָרן...

צייט אַ יאָר נאָכן זען זיך מיט דער שוועסטער האָט זיך בייראָן פאַרליבט צום דריטן מאָל. ער האָט פאַרבראַכט די זומער-פעריען פון יאָר 1803 אין נאָטינגעם, וווהין זיין מוטער האָט זיך ווידער איבערגעצויגן. עטלעכע וויאָרסט פון דער דאָזיקער שטאָט, אין שכנות מיטן ניוסטענדער שלאָס, האָט געוווינט אין איר גוט עפּיזלי די רייכע, אַריסטאָקראַטישע פאַמיליע טשעוואָרט, די קרובים פון יענעם טשעוואָרטן, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אויף אַ דועל פון בייראָנס פעטער. מיט דער דאָזיקער פאַמיליע האָט זיך דער יונגער ניוסטענדער לאָרד באַקאַנט נאָך אין לאָנדאָן, און ווען ער איז געקומען צו פאָרן אויף די פעריען אין נאָטינגעם, האָט ער זי אָנגעהויבן אָפט צו באַזוכן אין עפּיזלי. אין אַ קורצער צייט איז ער מיט דער דאָזיקער פאַמיליע געוואָרן זייער נאָענט, ער האָט דאָרט אָנגעהויבן צו פאַרברענגען גאַנצע טעג און אָפטמאָל אויך פאַרבליבן נעכטיקן. אַ גרויסע טייל פון זיין צייט אין עפּיזלי האָט בייראָן פאַרברענגט אין שפּאַצירן רייטנדיק צוזאַמען מיט דער ווונדערשיינער מיס טשעוואָרט, די איינציקע יורשטע פון זיינע גאַסטפריינטלעכע באַלעבאַטעם. נאָכן צוריקקערן פון די שפּאַצירן אַהיים, פלעגט מיס טשעוואָרט זיך געוויינלעך זעצן ביים קלאַוויר און שפּילן איר געהיימען פאַרערער זיינע געליבטע זאַכן. דער פופצן-יעריקער בייראָן האָט זיך געפילט אין אַזעלכע בי-

נוסן דער גליקלעכסטער פון די שטערבלעכע און איז פאַרזונקען געוואָרן אין התלהבות פון דער מוזיק, און נאָך מער — פון דער שפּילערין. בלויז איין סיבה האָט זיין גליק פאַרסמט: ער האָט געוווּסט, אַז דאָס האַרץ פון דער מיס טשעוואָרט האָט שוין אין דער דאָזיקער צייט געהערט אַן אַנדערן. נאָר ער האָט פונדעסטוועגן געהאָפט. דעם איבער די אויערן פאַרליבטן שול-ייִנגל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק סיי מיט זיין אויסערלעכקייט, סיי אויך מיט זיינע רייד. ער האָט זיך באַמיט צו שפּילן פאַר מיס טשעוואָרט די ראָל פון אַ פרויען האַרץ-פרעסער. כדי זי פולשטענדיק אויף זיין זייט צו געווינען, האָט ער איר איינמאָל געוויזן, אַלס באַווייז פון זיינע גרויסע דערפאָלגן ביי פרויען, אַ לאָק, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן דורך איינער פון זיינע אָן אַ שיעור קרבנות. דאָס איז געווען דערזעלבער לאָק, וועלכן ער האָט ערשט אינגאַנצן מיט אַ יאָר צוריק באַקומען פון זיין וואונדער-שיינער קוזינע מאַרגאַריטע פּאַרקער, אין וועלכער ער איז דעמאָלט געווען אַזוי ליידנשאַפטלעך פאַרליבט, און וועלכער ער פלעגט אין אַסך יאָרן אַרום נאָך זיין דריטן ראָמאַן, נאָך אַלץ מיט אַזאַ צערטלעכקייט דערמאָנען אין זיין טאָג-בוך. נאָר אַלע האָפנונגען און באַמיונגען פונם יונגן בייראָנען זענען געווען בחנם. די מיס טשעוואָרט, וועלכע איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון איר פאַרערער און מיט אַסך יאָרן דערפאַרענער פון אים, האָט אין האַרץ אויסגעלאַכט דעם פאַרליבטן שול-ייִנגל. די אויסערלעכקייט פונם דאָזיקן דורך און דורך פולשטענדיקן ייִנגל מיט די גראָבע באַקן און מיט פעטס פאַרגאָסענע אויגן, האָט זי געהאַלטן פאַר ווייט נישט ראָמאַנטיש, און זיין זיכערע מיט-זיך באַנעמונג — פאַר נישט ווייניקער לעכערלעך. דער סוף צו דעם דאָזיקן ראָמאַן איז פונדעסטוועגן געקומען פול שנעלער, ווי בייראָן האָט דערוואַרט, און איז געווען מער גרויזאַמער, ווי ער האָט זיך דאָס פאַררינט. דער פאַרליבטער יונגערמאַן האָט געהאַט אַמאָל דאָס

אומגליק ביינאַכט אומגעריכט אונטערצוהערן, ווי אין שכנישן צימער האָט זיין הייס-געליבטע זיך רויק באַמערקט איר שטוב-מיידל: „צי שטעלסטו דאָס זיך באמת פאָר, אַז איך לייג אַן ערנס-טע אויפמערקזאמקייט אויף דעם דאָזיקן לאָמען יינגל?" די דאָ-זיקע אומברחמנותדיקע ווערטער האָבן ווי אַדונער בייראָנען דער-שלאָגן. נישט קוקנדיק, וואָס עס איז שוין געווען שפעט ביי-נאַכט, איז ער מאָמענטאל ארויסגעשפרונגען אויפן הויף אַרויס און זיך געלאָזט לויפן, ווי נאָר די אויגן האָבן אים געטראָגן. ער איז געקומען צו זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך פּלוצלינג דערזען אין ניוסטעד...

בייראָן האָט זיך נאָכדעם נאָך איין מאָל געטראָפן מיט מיס טשעוואָרט, אין זומער פון קומענדיקן יאָר. די דאָזיקע זע-ונג, וועלכע איז שוין אויך געווען די לעצטע, איז פאָרגעקומען אויפן אַ בערגל נישט ווייט פון עפיזלי. בייראָן האָט שוין דע-מאָלט געהאַט דעם אויסזען פון אַ פולשטענדיק רויקן, הגם אין זיין האַרץ איז נישט געווען איבעריק פריילעך. „ווען איך וועל אייך זעען א צווייטן מאָל, — האָט ער איר געזאָגט, זיך געזעג-נענדיק, — וועט איר שוין אוודאי האָבן חתונה געהאַט". — „יאָ, איך האָף אַזוי" — האָט זי רויק געענטפערט.

אזוי האָט זיך געענדיקט דער דריטער ראָמאַן אין ביי-ראָנס לעבן און אויך — זיין לעצטע אמת-ראָמאַנטישע ליבע...

II

אין אוניווערזיטעט. — די ערשטע שאַפונגען.

אין אָקטאָבער 1805 האָט זיך בייראָן נאָך אַ פיר־יעריקן פאַרברענגען אין גאַראָ, זיך מיט דער דאָזיקער שטאָט געזעגנט, און איז אָפּגעפאָרן קיין קעמברידזש אויף אַריינצוטרעטן אין דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט, וועלכער האָט שטאַרק באַרימט געמאַכט די דאָזיקע שטאָט. די געפילן, מיט וועלכע דער 17־יעריקער יונגערמאַן האָט די באַליבטע שולע פאַרלאָזט, זענען ווייט נישט געווען קיין פריילעכע. „ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען צופאָרן אין אוניווערסיטעט — דערציילט ער אין זיין טאָג־בוך, — האָט דאָס נייע אָרט אויף מיר געמאַכט אַ דערדריקנדן איינדרוק. עס האָט זיך מיר זייער נישט געוואָלט פאַרלאָזן גאַראָ. נאָך מיט עטלעכע חדשים פאַרן אָפּפאָרן האָב איך שוין אָנגעהויבן מיט אַ פייניקנדער בענקשאַפט צו ציילן די טעג, וועלכע זענען מיר נאָך איבערגעבליבן דאָרט צו זיין. איך האָב שטענדיק גאַראָ פיינט געהאַט. נאָר אין די לעצטע אנדערהאַלבן יאָר האָב איך זי ליב געקריגן. דערנאָך האָט זיך מיר גאָר פאַרוואָלט פאָרן קיין אָקספאָרד, און נישט קיין קעמברידזש; און לסוף בין איך

פולשטענדיק געווען איינזאַם אין דער דאָזיקער פאַר מיר נייער וועלט... דער געדאַנק, אַז איך בין שוין נישט קיין ייִנגל, האָט מיר פאַרשאַפט איינס פון די סאַמע פייניקנדיקסטע געפילן, וואָספאַרע מיר איז נאָר ווען אויסגעקומען צו פילן ביז דער דאָזיקער צייט און נאָך איר.

דער דאָזיקער פיינלעכער מצב האָט פונדעסטוועגן ביי בייראָבן נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. ביסלעכווייז, איז ער אַריין אין דער ליניע פונם נייעם לעבן און זיך אָנגעהויבן אין קעמברידזש צו פילן, אויב נישט בעסער, איז לכל הפחות אויך נישט ערגער, ווי פריער, אין גאַראָ. זיין איינזאַמקייט האָט אויך גישט, איבריקנס, לאַנג געדויערט. ער האָט באַלד געפונען אַ פריינט אין דער פערזאָן פון איינעם פון די כאָריסטן פון אוניווערסיטעט-קירכע, אַ זייער פילנדער יונגערמאַן, וועלכער איז יונגער געווען פון אים אויף צוויי יאָר. די דאָזיקע ערשטע אוניווערסיטעט-פריינטשאַפט, איז פאַר אים געווען אַ נאָך גרעסערע „ליידנשאַפט", ווי זיינע פאָריקע שול-פריינטשאַפטן. אָפּפאָרנדיק פון גאַראָ, מיט אַ זייער אָרימען זאַפּאַס קענטעניש, האָט בייראָן נאָכן אָנקומען אין קעמברידזש, נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן פאַרלאַנג כאָטש אויף וויפיל עס איז זיי צו פאַרגרעסערן. דאָס דאָזיקע דערקלערט זיך איבריקנס מיט דעם, וואָס דאָס לערנען אין קעמברידזשער אוניווערסיטעט איז אינדעראמתן גאָר געווען אַ פאָרזעצונג פונם לערנען אין גאַראָ. דאָרט האָט מען אויך פאַר דער הויפּט-זאַך פונם לערנען געהאַלטן די קלאַסישע שפּראַכן און מאַטעמאַטיק. דאַדורך איז עס טאַקע נישט געווען קיין חדוש, וואָס בייראָן האָט אין אוניווערסיטעט פיינט געהאַט די זעלבע לערעס, צו וועלכע ער האָט געפילט אַ פאַראַכטונג נאָך אין שולע. אָבער אין קעמברידזש האָט ער זיך מיט דער לערע פאַרנומען נאָך ווייניקער, ווי אין גאַראָ, וואָרים דאָ איז ער געווען פרייער און אומאָפּהענגיקער, ווי אין דער שולע אינדעראמתן, האָט זיך בייראָן אין אוניווערסיטעט נישט געלערנט

ער האָט בלויז אין אים געווינט, אַזוי, אַז די מערסטע טייל פון זיין צייט פלעגט ער פאַרברענגען מחוץ אים, און פלעגט נאָר אַהין קומען שלאָפן. אין קעמברידזש האָט ער פאַרנומען שיין־מעבלירטע צימערן און געהאַלטן אַ בעזונדערן לאָקאַי. אין די אָוונטן פלעגן זיך צו אים אָפט פאַרזאַמלען געליבטע חברים, און דעמאָלט פלעגט די יונגע חברה פאַרברענגען די צייט (אָפט אַ גאַנצע נאַכט) אין לייענען, שמועסן, זינגען און שפּילן אויף פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן; טיילמאָל, פלעגט מען אויך מאַכן אַ טרונק; מ'האָט אויך נישט ווייניק צייט אָפּגעגעבן דאָס שפּילן אין קאָרטן. בייטאָג האָט בייראָן זיך געוויינלעך פאַרנומען מיט אַלערליי פאַר אים מעגלעכע ספּאָרטן. ער איז געפאָרן ריי־טנדיק, זיך געלערנט שיסן אָדער שווימען אינם אָרטיקן שמאָלן, נאָר זייער טיפן טייכל קעם. ער האָט שוין דאַמאָלס געשמט אַלס אויסגעצייכנטער שווימער. בייראָן האָט ליב געהאַט צו פאַר־ברענגען גאַנצע שעהן אין וואַסער, מאַכנדיק איבונגען אין שווי־מען און באַווייזנדיק דאָרט אַלערליי מעגלעכע קונצן. למשל, ער פלעגט וואַרפן צום גרונט, אין די סאַמע טיפסטע ערטער פון טייך, פאַרשידענע קליינע חפצים און דערנאָך, אַראָפּלאָזנדיק זיך אונטן, פלעגט ער זיי פון דאָרט אַרויסגעמען. ער איז אין וואַסער גע־ווען אויף אַזוי פיל פלינק, אויף וויפיל ער איז דאָס נישט געווען אויף דער יבשה. זייענדיק בייראָנען, אַ לייכטן און גראַציעז שווימענדיקן אין וואַסער, איז קיינעם פון די, וואָס האָבן אים געקענט, אפילו אין קאָפּ אַריין נישט געקומען, אַז דער ראָזיקער זעלבער יונגערמאַן האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין הונ־דערט טריט אויף דער יבשה, נישט ווערנדיק דערביי מיד און נישט פילנדיק דערביי דעם שטאַרקסטן ווייטיק אין די פיס. נאָר די גרעסטע טייל פון זיין צייט, טיילמאָל אפילו צו עטלעכע חדשים דורכאַנאַנד, פלעגט בייראָן פונדעסטוועגן פאַרברענגען אוי־סער קעמברידזש, וואָרים ער האָט פיינט געהאַט זיין אוניווער־סיטעט מיט זיינע לערעס, פּראָפעסאָרן און פאַרוואַלטער און האָט

אפילו קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר נויטיק דאָס דאָזיקע צו באַהאַלטן. ער האָט זיך געהאַלטן מיט דער פאַרוואַלטונג פונם אוניווערסיטעט שטאָלץ און חוצפּהדיק און זייט אַ קורצע צייט האָט ער באַוויזן אַרויסצורופן ביי איר צו זיך אַ שרעקלעכע שנאה. זי האָט אויף אים און אויף זיינע פּריוואַט געקוקט, ווי אויפן סאַמע שעדלעכסטן, און אַפילו געפערלעכסטן עלעמענט אינם אוניווערסיטעט, און מיט אומגעדולט האָט זי געוואַרט, ווען ער וועט זיך פונדאַנען אָפּטראָגן. אין משך פון זיין גאַנץ וויטערדיק לעבן האָט בייראָן נישט אויפגעהערט מיט פיינדשאַפט זיך אָפּצורופן וועגן זיין געוועזענער alma mater און אירע כהנים, און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער זיך מיט זיי אין זיינע שאַפּונגען אומברחמנותדיק אָפּרעכענען.

זומער, אין יאָר 1806, איז בייראָן פון קעמברידזש אָפּגעפאָרן קיין סויטוועל, ווו זיין מוטער האָט דעמאָלט געוווינט. אין דער דאָזיקער נישט גרויסער שטאָט איז ער כמעט אָפּגעוועזן אַ גאַנץ יאָר, אַרויספאָרנדיק פון צייט צו צייט פונדאַנען אויף עטלעכע טעג קיין לאָנדאָן אָדער אין אַנדערע ערטער. אין אוניווערסיטעט האָט ער אין משך פונם דאָזיקן יאָר זיך צומאָל נישט געוויזן. אין סויטוועל האָט זיך בייראָן זייער נאָנט באַקאַנט מיט דער שיינער פאַמיליע פּיגאָט און מיט דעם געלערנטן פּאַסטאָר בּיטשער. צו די שכנישע אַדל-לייט פלעגט ער קיינמאָל נישט פאָרן, נישט קוקנדיק וואָס זיי פלעגן אים אָפט פאַרבעטן. בכלל, האָט ער זיך פון די מענטשן פון זיין קלאַס געהאַלטן פונדערווייטנס; טיילווייז, מחמת דער שטאַרקער פּחדנות, נאָר איבערהויפּט צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געקוועלט דורך זיינע נישט געהעריקע מאַטעריעלע מיטלען מיט זיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט. דערפאַר ביי די פּיגאָטס האָט ער זיך גוט געפילט: ער איז יעדן טאָג ביי זיי געווען, גענומען אנטייל אין אַלע היימישע שמחות און אַפילו צוזאַמען מיט זיי באַזוכט זייערע באַקאַנטע. אין זייער

סביבה איז ער געווען פשוט, ליב, גוטהערציק און גאַרנישט שעמעוודיק. אָבער ער האָט נאָר געדאַרפט דערהערן, זיצנדיק ביי די פיגאָטס, אַז צו זיי איז געקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנט פּאַר איר פּנים, — און די פריערדיקע שעמעוודיקייט האָט אים ווידער פלוצלינג באַהערשט. ער פלעגט טיילמאָל פאַר שרעק דורכן פענסטער אַרויסשפּרינגען, כּדי זיך נישט צוטרעפן מיט אַ פרישן מענטש.

ווי אין קעמברידזש, אַזוי אויך אין סויטוועל, זענען ביי־ראָנס באַליבסטע באַשעפטיקונגען געווען — דאָס שווימען, דאָס שיסן אין ציל און דאָס פאָרן רייטנדיק. נאָר אַ חוץ דעם, האָט ער זיך דאָ זייער פלייסיק פאַרנומען מיט לייענען און שרייבן לידער. ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו שרייבן אין קעמ־ברידזש, נאָר אין סויטוועל איז שוין דאָס שרייבן ביי אים גע־וואָרן אַ געוויינלעכע און רעגולערע באַשעפטיקונג. ווי אין משך פון זיין שפּעטערדיק לעבן, אַזוי אויך אין דער סאַמער פריסטער תקופה פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט ער ליב געהאַט זיך צו ווידמען דער מוזע איבערהויפּט ביינאַכט; ער פלעגט זיך לייגן זייער שפּעט און פלעגט אויפשטיין שפּעט. נאָך פרישטיק פלעגט בייראָן געוויינלעך גיין צו דער מיס פיגאָט, וועלכע האָט פאַר אים דערפילט די ראָל פון אַן איבערשרייבערין, און פלעגט איר איבערגעבן די פרוכטן פון דער לעצטער נאַכט; דערנאָך פלעגט ער באַזוכן דעם פּאַסטאָר ביטשער און געשמועסט מיט אים וועגן ליטעראַטור אָדער פלעגט פאַר אים איבערליי־ענען זיין לעצטע שאַפונג. די רעשט טאָג האָט ער זיך געוויד־מעט די פיזישע איבונגען, און די אָוונטן פלעגט ער מערסטנ־טייל פאַרברענגען ביי דער פאַמיליע פיגאָט, הערנדיק דאָס שפּילן פון דער מיס פיגאָט אויף דער פאָרטעפּיאַן. טיילמאָל, האָט דער יונגער פּאָעט צוזאַמען מיט איר און אונטער איר אַקאָמפּאַנימענט געזונגען זיינע ליבע פאָלקס־לידער.

מיט דער מוטער אַליין האָט ער זיך באַמיט צו בלייבן

ווי נאָר מעגלעך ווייניק, כדי אויסצומיידן זיך מיט איר צו קריגן. אָבער קריגערייען זענען פאָרט פאָרגעקומען, און טיילמאָל אַפילו געגוג גרויסע. זיי פלעגן געוויינטלעך פאָרקומען ביינאַכט, ווען בייראָן איז געווען אינדערהיים. איינמאָל האָבן זיי זיך אַזוי שטאַרק צוקריגט, אַז נאָכדעם, האָט יעדער מורא געהאַט, אַז איינער פון זיי זאָל זיך אַמאָל דאָס לעבן נישט נעמען; געהיים, אַז איינער זאָל פון צווייטן נישט וויסן, זענען זיי אין דער דאָזיקער נאַכט געגאַנגען אין דער אָרטיקער אַפּטייק אַריין געוווּיר צו ווערן, אין דער שרעקלעכסטער אומרויקייט, צי האָט נישט אַמעצער געקויפט קיין סם, און געבעטן נישט צו פאַרקויפן אין פאַל, ווען מען וועט נאָך דעם קומען.

בעת די דאָזיקע קריגערייען פלעגט בייראָן געוויינלעך שפּילן די ראָל פון א פאַסיוון. ער האָט געלאָזט דער מוטער זיך בייזערן, וויפיל זי האָט נאָר אַליין געוואָלט, און אַליין האָט ער אין דער דאָזיקער צייט געשוויגן. אין אַזעלכע פאַלן, ווען זיין מוטער, נישט באַפרידיקנדיק זיך מיטן בלויזן זידלען, האָט געדרויט אויסצוגיסן איר צאָרן אין ענערגישע מעשים, פלעגט ער זיך געוויינלעך ראַטעווען מיטן מאַכן א „ויברח” אויף א גאַנצע נאַכט. נאָך איין אויסערגעוויינלעך שטאַרקער מחלוקה, ווען די מוטער, אין איר צאָרן, איז דערגאַנגען אויף אַזוי ווייט, אַז זי האָט אים א וואָרף געטון די אייזערנע קאַמין-צוואַנג, איז בייראָן אינמיטן דער נאַכט געקומען צו לויפן אָן הוט צו די פיגאָטס און געבעטן, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן ביי זיי איבערצונעכטיקן. אויף צומאָרגנס איז ער אין געהיים פון דער מוטער אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן און, נאָכן אָנקומען אַהין, האָט ער צו די פיגאָטס אָנגעשריבן, אַז זיי זאָלן אים מודיע זיין וועגן „מצב און די שריט פונם שונא”, נישט געבנדיק אים חס ושלום צו וויסן זיין אַדרעס. ער האָט געהאַט בדעה זיך נישט צוריקצוקערן א היים ביז וואַנען דער „שונא” וועט נישט

ווערן נאָכגיביקער און וועט אויף אַ געהעריקן אופן נישט אויסדרוקן זיין חרטה. נאָר דער „שונא" האָט זיך פונדעסטוועגן באַלד דערוווּסט דאָס אָרט פון זיין אַנטלויפן, און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך אומגעריכט פאַר אים באַוויזן.

אָט ווי בייראָן האָט אַליין, אין אַ בריוו צו די פיגאָטס, דעמאָלט באַשריבן דאָס דאָזיקע טראַגי-קאָמישע באַגעגענען זיך מיט דער מוטער. „איך קען נישט מיט דער גאַנצער רעכט זאָגן צוגלייך מיט צעזאַרן: „veni, vidi, vici" („ער איז געקומען, געזען, געזיגט"), פונדעסטוועגן איז דער סאַמע וויכטיקסטער טייל פון דער דאָזיקער לאַקאָנישער ידיעה וועגן דערפאָלג נוגע אויך מיין איצטיקן מצב, וואָרים נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מאַדאַם בייראָן האָט זיך באַמרויקט „צוקומען און צו זען", דאָך איז עס נישט איר, נאָר אונזער אונטערטעניקן דינער זיך איינגעגעבן „צו זיגן". נאָך אַ לאַנגן און עקשנותדיקן קאַמף, אין וועלכן „מיר האָבן געהאַט באַדייטנדע פאַרלוסטן מחמת דער שנעלקייט פונם פייער פון שונא, האָבן „זיי" לסוף אין אומאָרדנונג אָפּגעטרעטן, האָבן איבערגעלאָזט אויפן שלאַכט-פעלד זייער גאַנצע אַרטילעריע, זייער רייטוואָגן און עטלעכע פאַרווונדעטע אין זייער מפּלה איז געווען אַן אַנטשלאָסענע. פּשוט גערעדט: די מאַדאַם בייראָן פאָרט באַלד צוריק קיין סויטוועל, און איך מיט אַלע מיינע לאָרבער-בלעטער — קיין וואָרטינג"...

אין דער צייט פון די דאָזיקע אַלע צאַנקערייען האָט זיך בייראָן פאַרנומען מיטן צוגרייטן צום דרוק דאָס ערשטע זאַמלבוך פון זיינע לידער, וועלכעס איז אַרויס אין דרוק אין נאָוועמבער 1806. דאָס איז געווען אַ קליין ביכל, אַרויסגעגעבן דורך איינעם פון די פּראָווינציעלע אַרויסגעבער, אויף די הוצאות פון מחבר אַליין. עס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אין אַ זייער באַגרענעצטע צאָל עקזעמפּלאַרן און איז באַשטימט געווען פאַר די סאַמע נאָנטסטע באַקאַנטע פונם יונגן פּאָעט. דעם ערשטן עקזעמפּלאַר האָט מען געשיקט בישערן, פון וועלכן בייראָן האָט

אין אַ פּאָר טעג אַרום באַקומען אַ בריוו, געשריבן אין גראַמען, אין וועלכן ער האָט זיך שטרענג אַרויסגעזאָגט וועגן זיין ביכל. די דאָזיקע מיינונג פונם פּאַסטאָר, וועלכן דער מחבר האָט זייער געאַכטעט, האָט דעצידירט דעם גורל פונם בוך. בייראָן האָט אין זיין ענטפער צו ביטשערן (אויך אין גראַמען) אָנערקענט די קריטיק פונם לעצטן און אים געמאָלדן זיין גרייטקייט צו פאַרברענען די גאַנצע אויפלאַגע. אין עטלעכע טעג נאָכדעם, האָט דער יונגער פּאָעט אין דער אַנוועזנהייט פונם שטרענגן קריטיקער מיט זיינע אייגענע הענט פאַרברענט אַלע עקזעמפּלאַרן פון זיין ערשטן בוך. דער דאָזיקער טאַט איז אומבאַדינגט געווען אַ גרויסער קרבן פאַרן נייַנצן-יעריקן בייראָנען און ווייזט, ווי הויך ער האָט געשטעלט ביטשערס מיינונג און אויף אַ וואָספאַר אופן דער דאָזיקער, לויט זיין נאַטור שטאָלצער און נישט בויגזאַמער, איז געווען פעיק זיך אונטערצוואַרפן דער הדרכה פון די יעניקע, וואָס האָבן געקאָנט אים באַאיינפלוסן די ליבע און אַכטונג צו זיך.

צוויי חדשים נאָכן פאַרברענען זיין ערשטע אויסגאַבע פון זיינע לידער, האָט בייראָן אַרויסגעלאָזט אַ צווייטע אַ באַדייטנד פאַרגרעסערטע מיט נייע שאַפונגען; נאָר אין אים זענען פונדעסטוועגן נישט אַריינגעגאַנגען די פריערדיקע לידער, וועלכע דער פּאַסטאָר האָט אָוועקגעפּסקנט. דאָס דאָזיקע צווייטע זאַמלבוך, וואָס האָט געטראָגן דעם לאַטייניש טיטל: „Juvenilia“, איז געווען געדרוקט אין דער צאָל פון הונדערט עקזעמפּלאַרן, און איז באַשטימט געווען פאַר אַ מער ברייטערן קרייז לעזער, ווי דאָס ערשטע. די דאָזיקע אויפלאַגע האָט זיך נאָך כמעט נישט באַוויזן פונאַנדערצוגיין, און בייראָן האָט שוין אָנגעהויבן צוגרייטן צום דרוק אַ דריטע. ערמוטיקט דורכן דערפאָלג, וועלכן „Juvenilia“ האָט געהאַט צווישן זיינע באַקאַנטע, האָט ער שוין באַשלאָסן אַרויסצוגעבן פאַרן גאַנצן ענגלישן לעזער-פּובליקום. זיין דריטע זאַמלונג, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען

„שעהן פון אַ לײדיק-גײער", האָט זיך באַװיזן אין מערץ פון 1807-טן יאָר. זי האָט ענטהאַלטן, מיט אײניקע אױסנאַמען, אַלע לידער פון דער פריערדיקער אױסגאַבע און אחוץ דעם — נאָך אַן עטלעכע נײע. דער דאָזיקער עפנטלעכער אַרױסטריט פון בײראָנען אױף דער ליטעראַרישער סצענע, איז לכתחילה געװאָרן אױפגענומען גאַנץ פרײנטלעך. די מערהײט ענגלישע זשורנאַלן האָבן זיך זײער גוט אָפּגערופן װעגן דעביוט פון יונגן פּאָעט, און דאָס בוך האָט זיך גאַנץ שנעל פאַרקױפט. בײראָן איז פאַרשטײט זיך געװען זײער צופרידן מיטן דערפאָלג פון זײן „שעהן פון אַ לײדיק-גײער", נאָר פונדעסטװעגן האָט ער באַלד אין אָנהױב פאַרגעפילט, אַז דער דאָזיקער דערפאָלג איז עפּעס נישט איבעריק שטאַרק.

נאָכן דערשײנען פון די „שעהן פון אַ לײדיק-גײער" האָט זיך בײראָן צוריקגעקערט קײן קעמברידזש און איז דאָרט פאַרבליבן ביז הערבסט 1808. ער האָט מיט זיך מיטגעברענגט אַ הײמיש בערעלע, װעלכעס ער האָט געהאַלטן אין זײן װױנונג צוזאַמען מיט צװײ גרױסע הינט. װען מען האָט אים געפרעגט, צו װאָס ער האָט מיטגעברענגט אין אוניװערסיטעט אַרײן אַ בער, האָט ער געענטפערט, אַז ער „װעט האַלטן עקזאַמען אױף געלערנטקײט". די באַציִונג צו אים מצד די פּראָפעסאָרן אין דער אוניװערסיטעט-פאַרװאַלטונג, איז אומבאַדינגט נאָכן דערשײנען פון זײן בוך, אין װעלכן ער האָט זיך װעגן זײ אָפּגערופן מיט נישט קײן איבעריקן דרך-ארץ, נאָך ערגער געװאָרן. ער האָט זיך װײטער זײער װײניק אינטערע-סירט מיט דער לערע, װי אין ערשטן יאָר פון זײן פאַרברענגען אין קעמברידזש.

אין יאַנואַר פון 1808 האָט זיך באַװיזן די באַקאַנטע רעצענזיע אױף די „שעהן פון אַ לײדיק-גײער" אין „עדינבורגער אָנצײגער", װאָס האָט זיך אין יענער צײט גערעכנט פאַרן סאַמע אָנגעזענסטן זשורנאַל פאַר דער קריטיק. די רעצענזיע טוט אַנאָ-

נימען קריטיקער איז געווען זייער אַ שאַרפע און אומבאַרחמנותדיקע. מען האָט אין איר פון בייראָנען געמאַכט כּעפּרא דאַרעה; איך זיינע לידער האָט מען נישט געפונען קיין שום שיין פון אָרי־גינעלן טאַלאַנט, און לסוף האָט מען נאָך אויסגעדרוקט די האָפ־נונג, — אַפילו די זיכערקייט, — אַז דאָס דאָזיקע ערשטע בוך וועט שוין אַוודאי אויך זיין דאָס לעצטע. די דאָזיקע האַרבע אומפאַרדינטע קריטיק האָט אויף בייראָנען געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. ער האָט שפּעטער דערציילט, אַז אין דעם זעלבן טאָג, ווען מען האָט אים געגעבן איבערצולייענען די דאָזיקע רעצענזיע, האָט ער ביים מיטאָג אויסגעטרונקען גאַנצע דריי פלעשער וויין, נאָר דאָס האָט אים נישט געהאָלפן. די אויפ־רעגונג האָט זיך נאָר עטוואָס אַביסל געשטילט נאָכדעם, ווי דער פּאָעט האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אין צוואַנציק פערזן. ער האָט זיך געפילט טיף באַליידיקט און האָט געדורשט נאָך אַ שטאַרקער נקמה. די רעצענזיע פונם „עדינבורגער אָנצייגער" האָט מען דעמאָלט געהאַלטן פאַר זייער נישט קיין גע־רעכטע, הגם אַ טייל האָבן דאָך מסכּים געווען מיט די אַרויס־געזאָגטע אין איר מיינונגען וועגן בייראָנס ערשטע שאַפונגען.

נאָכן באַווייזן זיך פון דער רעצענזיע פון „עדינבורגער אַנצייגער" איז שוין פאַר בייראָנען אוממעגלעך געווען צו בלייבן לענגער אין קעמברידזש, וואָרים אויף יעדן טריט און שריט האָט ער אָנגעהויבן צו טרעפן די טריומפירנדע פּנימער פון זיינע שונאים — די פּראָפעסאָרן פון דעם אוניווערסיטעט. דער פּאָעט איז דעריבער אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן, ווו ער איז געווען ביז האַרבסט. דער אופן פון זיין לעבן אין דער הויפטשטאָט איז גאָרנישט ענלעך געווען צו זיין פריערדיק לעבן אין סויטוועל. פריי פון דער אויפזיכט פון זיין מוטער, און נישט זייענדיק אונטערגעוואָרפן דער גוטער השפּעה פון זיינע פריינט פיגאָט און די עצות פונם פּאַסטאָר בימשער, האָט דער צוואַנציק־יעריקער

יונגערמאַן מיט איינמאָל זיך אַריינגעוואָרפן אינם סאַמע קעסל־
כוואַל פון לאָנדאָנער לעבן, ביי וואָס ער איז, אין קאָמפּאַניע
פון עטלעכע יונגעלייט, אַרומגעפאָרן אין די היילן פון דער
הויפט־שטאָט, און זיך דאָרט אָנגעשעפט מיט דערפאַרנקייט און
קענטעניש פונם לעבן. ער האָט איבעריקנס פאַרברענגט די
צייט גאָרנישט ערגער, ווי די אַלע יונגעלייט פון זיין קלאַס.
דעמאָלט האָט מען אויף אַזאַ ענלעכע אויפפירונג מצד דער יוגנט
געקוקט, ווי אויף עפּעס אַ נאַטירלעכע זאַך. דעם יונגן פּאָעט
פלעגט מען אין דער דאָזיקער צייט גאַנץ אָפט באַגעגענען אויף
די גאַסן פון לאָנדאָן און ברייטאָן אין דער באַגלייטונג פון אַ
שיינעם יונגן פּאַזש, אין וועלכן עס איז נישט שווער געווען צו
דערקענען אַן איבערגעטוענע קאָקעטע. זיינע באַקאַנטע פלעגן
בלויז ביי די דאָזיקע באַגעגענישן שמייכלען, נישט געפונענדיק
אין דעם קיין שום שלעכטס. די נאָכמיטאָג־צייט פלעגט ביי־
ראָן אָפט פאַרברענגען אין דער „שולע פון זעלבסטשוץ־
קונסט", — דער אַנשטאַלט פונם דעמאָלט זייער באַקאַנטן
אין לאָנדאָן באָקסער דזשעקסאָן, ביי וועמען עס פלעגט זיך
טאָג־טעגלעך פאַרזאַמלען די גאָלדענע יוגנט פון דער הויפט־שטאָט,
כדי צו מאַכן איבונגען אין דער פיינער קונסט פון באָקסעריי.
מיטן פּראָפעסאָר דזשעקסאָק האָט דער יונגער לאָרד זיך אַזוי
באַפריינדט, אַז אין די בריוו צו אים האָט ער אים אָנגערופן
„טייערער דזשעק". אַזאַ מין אַרט לעבן האָט געפאָדערט גרויסע
מיטלען, און בייראָן, נישט האָבנדיק זיי, האָט געמוזט אָנקומען
צו פּראָצענטניקעס. אין איינעם פון זיינע בריוו אין יענער
צייט, באַמערקט ער טרויעריק, אַז צו דער צייט פון זיין ווערן
פוליעריק, וועלן זיינע חובות דערגרייכן צו דער סאָלידער סומע
פון צען טויזנט פונט.

זיין פריי לעבן האָט פונדעסטוועגן בייראָנען נישט גע־
שטערט אַ סך צו לייענען און זיך אָפּצוגעבן דער פּאָעטישער
שאַפונג. ער האָט זיך אין דער דאָזיקער צייט פאַרנומען מיט

פֿאַרפֿאַסן אַ סאַטירע, װעלכע האָט געזאָלט האַרב באַשטראָפֿן די עדינבורגער לייט פֿאַר דער באַלײדיקונג, װאָס די אומגערעכטע קריטיק האָט אים פֿאַרשאַפֿט. ער האָט די דאָזיקע סאַטירע געשריבן, קעגן זײַן געװױנהײט, זײער פֿאַמעלעך, פֿלײסיק באַאַרבעטנדיק אין איר יעדע שורה, װאָרים ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿונם דערפֿאָלג פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, װעט זײַן אָפּהענגיק זײַן גאַנצע קומענדיקע ליטעראַרישע קאַריערע. דער יונגער פּאָעט האָט אין דעם דאָזיקן יאָר נאָך אַמאָל באַזוכט דעם קעמברידזשער אוניװערסיטעט, כּדי צו באַקומען די בילדונגס־צענזור. אױף װעלכער ער האָט אַ רעכט לױט זײַן באַרוף. אין האַרבסט פֿון זעלבן יאָר, איז בײראָן אַריבערגעפֿאָרן אין זײַן ניוסטעדער שלאָס און דאָרט אין דער שטילער אײנזאַמקײט פֿאַרגעזעצט דאָס שאַרפֿן דאָס געװער קעגן זײַנע ליטעראַרישע שונאים. אין נאָװעמבער 1808 האָט אים געטראָפֿן אַ גרױס אומגליק: עס איז אים אומגעקומען זײַן באַליבטער הונט באָטסװײן. אין דער צײַט פֿון זײַן קראַנקײט איז בײראָן זאָרגפֿעלטיק אומגעגאַנגען אַרום אים און מיט דער בלױזער האַנט אָפּגעװישט די סלינע פֿון זײַן מױל. אין אײנעם פֿון זײַנע דעמאָלטיקע בריװ האָט ער אױף פֿאָלגנדן אופֿן מודיע געװען זײַן פֿרײַנט װעגן דעם אומגליק, װאָס אים האָט געטראָפֿן. „באָטסװײן איז געשטאָרבן! ער איז אױסגעגאַנגען דעם 18־טן נאָװעמבער פֿון משוגעת, װאָס האָט אים פֿערשאַפֿט גרױסע יסורים; ער איז ביזן סוף אַרײַן געװען אײדל און צומאָל נישט קײן אײן מאָל אַרױסגעװיזן אַ פֿאַרלאַנג צו טון די מינדסטע אומאַנגענעמלעכקײט די יעניקע, װאָס זענען מיט אים געװען. איך האָב אַצינד אַלץ פֿאַרלױרן, אַחוץ דעם אַלטן מורײ“ (זײַן לאָקײ).

באָטסװײן איז באַגראָבן געװאָרן אין ניוסטעדער פּאַרק און אױפֿן קבר איז דורך זײַן באַלעבאָס געשטעלט געװאָרן אַ זײער שײנע מצבה מיט פֿאָלגנדער אױפֿשריפֿט:

אויף דעם דאָזיקן אָרט
טוט דער שטויב פון דעם יעניקן רוען,
וואָס נישט מיט זיין שיינקייט האָט שטאָלצירט,
נישט מיט זיין כח תקיפות געטריבן,
נישט מיט זיין פרייקייט אכזריותדיק געוועזן,
און מיט אַלע מעלות פון א מענטש, אָן זיינע אַלע חסרונות.
דער דאָזיקער שבח, מיט וועלכן מ'וואָלט זיך נישט
געמעגט שעמען,
ווען ער וואָלט געזאָגט געוואָרן אויף א מענטש, —
ווייזט בלויז די אמתע גרויסקייט לזכרון באָטסוויינען, דעם
הונט,
וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ניופאַונדלענד, אין
מאַי 1803,
און געשטאָרבן אין ניוסטעד, דעם 18-טן נאָוועמבער 1808.

אויף דער זעלבער מצבה איז געווען אויסגעקריצט בייראָנס א
געווויסער מיזאַנטראָפּישער פערז, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט
פאָלגנדע טרויעריקע שורות:

אונטער דער מצבה א ליבער שטויב ליגט דאָ;
געהאַט איין פריינט האָב איך, און ר'איז שוין מער
נישטאָ!

אין יאנואר 1809 האָט בייראָן באַשיידן אין ניוסטעד גע-
פייערט אין אַ קרייז פון נאָנטע פריינט, זיין פּוליעריקייט
נאָכדעם, איז ער באַלד אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן, כדי איבערצוגעבן
אין דרוק זיין שוין דעמאָלט פאַרענדיקטע סאַטירע. וועגן זיין
שטימונג אין דער צייט פון שרייבן די דאָזיקע סאַטירע קען
מען אורטיילן, לויט די פילמאָליקע ענדערונגען, וועלכע ער האָט
אין איר געמאַכט בעתן דרוקן. דעם 13-טן מערץ האָט זיך ביי-
ראָן דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אין דער לאָרדן-פּאַלאַטע און
איינזאַם, אומעטיק, האָט ער פאַרנומען זיין אָרט אויף די בענק

פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע. אַ פּאָר טעג נאָכדעם, איז אַרויס פון דרוק זיין סאַטירע. זי האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם. איר ערשטע אַנאָנימע אויסגאַבע איז זיך צעגאַנגען אין משך פון איין חודש. די אויסערגעוויינלעכע קראַפט און שאַרפזיניקייט, מיט וועלכער דער יונגער פּאָעט האָט אין זיין סאַטירע צוקלאַפּט די שאָטלענדישע קריטיקער, וואָס האָבן זיך שוין צופיל באַנוצט מיט דער אויסשליסלעכער פּריווילעגיע אָנצופאַלן און חוזק צו מאַכן איבער די יונגע שרייבער, זענען כמעט דורך אַלעמען איינשטימיק אויפגענומען געוואָרן, און די דרייסטקייט און יוגנטלעכע אויפגעבראַכטקייט, מיט וועלכע ער האָט אַראָפּגעריסן די קרוין פון די דעמאָלטיקע ליטעראַרישע אָפּגעטער, האָבן זי געמאַכט אומגעהויער אָריגינעל און נייגעריק פאַרן דעמאָלטיקן לעזער-פּובליקום. נאָר די דאָזיקע סאַטירע האָט אין דערזעלבער צייט אַריינגעבראַכט אין אַ שרעקלעכער אומצופרידנקייט די מאַסע אָנגערירטע אין איר פּערזענלעכקייטן צוזאַמען מיט זייערע פריינט און אָנהענגער. נישט אַלע אָנפאַלן, אין בייראָנס סאַטירע, זענען געווען גערעכטע, אָרער לכל הפחות — אויסגעהאַלטענע. זייענדיק באַליידיקט דורך אַ קליינע גרופּע שאָטלענדישע קריטיקער, האָט ער אין זיין אויפרעגונג שיער נישט פאַרטשעפּעט אַלע ענגלישע און שאָטלענדישע שרייבער פון יענער צייט. דער פּאָעט האָט געהאַט די דרייסטקייט אָנצורירן אַזעלכע שרייבער, מיט וועמעס שאַפונגען ער האָט זיך אפילו אין דערזעלבער צייט אַנטציקט, און וועלכע אין אַ פּאָר יאָר אַרום זענען זיי געוואָרן זיינע בעסטע פריינט, ווי למשל: וואַלטער-סקאָט און טאָמאַס מור. בייראָן האָט דאָס שפּעטער אַליין מודה געווען, און אין זיינע שאַפונגען פלעגט ער נישט איינמאָל אַרויסזאָגן זיין באַדויערונג, וואָס ער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע „ווילדע" סאַטירע.

נאָך דער ערשטער אויפלאַגע איז זייער שנעל אַרויס אַ צווייטע, שוין מיטן נאָמען פון מחבר, און אַ חוץ דעם, אַ פּאַר-

גרעסערטע מיט הונדערט נייע לידער. איבערגעבנדיק אין דרוק די דאָזיקע נייע אויסגאַבע פון זיין סאַטירע, האָט זיך בייראָן אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער ווייטער רייזע, וועגן וועלכער ער האָט פאַנטאַזירט פון דער סאַמע קינדהייט אָן. אין סוף מאַי 1809 האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין ניוסטעד, ווו באַלדערנאָך זענען זיך צונויפגעפאָרן זיינע אַלע פריינט, כדי אויף א גע־הערין אופן צו פייערן זיין אָפּפאָרן אויפן מזרח. אָפּפאָרנדיק אויף דער ווייטער רייזע, וועלכע איז אין יענער אומרויִקער צייט געווען נישט אינגאַנצן אומגעפערלעך, האָט בייראָן קודם כל אָנ־געשריבן א צוואה, אין וועלכער ער האָט צווישן אנדערעס גע־בעטן, אַז אין פאַל פון זיין טויט, זאָל מען אים באַגראָבן אין ניוסטענדער פּאַרק, נעבן זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט — דעם הונט באָטסווין.

IV

די רייזע. — „טשיילד האראלד“.

מאכנדיק א בייע הלוואה, געזעגנענדיק זיך מיט דער מו-טער און פארגיסנדיק א געזעגן-טרער איבער באטסוויינס קבר, איז בייראן אין אנהייב פון יוני 1809 אפגעפארן פון ניוסטעד קיין פאלמוט, ווו ער האט געזאלט אויפזיצן אויף דער שיף, וועלכע איז אפגעגאנגען צום מזרח. דער יונגער לארד, וועלכנס גאנצע דאמאלסטיקע הכנסה האט קוים געסטארטשעט אויף אפ-צוצאלן בלויז די פראצענטער פון זיינע חובות, האט מיט זיך מיטגענומען אין וועג אריין דריי קאמערדינערס און א גרויסע גארדעראבע פון טייערע קליידער, צווישן אנדערע — א העל-רויטן זשאקעט, אויסגעניית מיט גאלד, וועלכער האט מיט זיין שניט דערמאנט אן דעם מונדיר פון אן ענגלישן אדיוטאנט. דער דאזי-קער גרויסארטיקער זשאקעט איז געווען באשטימט פאר די סאמע פייערלעכע געלעגנהייטן, ענלעך צו זיין קומענדיקן העלד טשיילד האראלד, אין וועלכן ער האט געשילדערט זיך אליין, האט בייראן אין דער טרויעריקסטער שטימונג זיין געבורט-ארט פארלאזט. ער איז געווען איבערגעזעטיקט „מיט פרויען, וויין און רום“ און געזען ארום זיך בלויז כמארעס און פינסטערניש“.

שטלעכע טעג פאר זיין אפפארן פון פאלמוט האט דער פאעט צו א פריינט אנגעשריבן פאלגנדעס: „איך פארלאז ענגלאנד אן באדויערן און וועל מיך צוריקקערן אומצופרידן. איך בין ענלעך צו אדמען, דעם ערשטן פארברעכער, וועלכער איז פאר־משפט געווארן אויף ארויסצושיקן, נאר איך אבער האב נישט קיין שום חוה'ן און האב נישט פארזוכט קיין שום עפל, אחוץ שוין אפשר זייער א זויערן"...

אין צווייטן יולי, האט די שיף, וואס האט געפירט בייראנען און זיין פריינט האבהויזענען, דערווארטנדיק זיך אויפן גינסטיקן ווינט, זיך פון אנקער אפגעטשעפעט און איז אפ־געפארן פון פאלמוט. לאנג איז דער יונגער פאעט געשטאנען אויפן דעק פון דער שיף, וואס האט זיך שנעל דערווייטערט, און מיט א טיפן אומעט געקוקט צום ברעג פון זיין געבורט־ארט, וועלכער איז אין די לעצטע שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון פארשוואונדן געווארן. דאס, וואס איז אים אויסגעקומען דורכצולעבן אין די דאזיקע מינוטן, האט ער עס דערנאך אויסגעדרוקט אין „טשיילד האראלד", אינם פרעכטיקן ליד, וואס הייבט זיך אן מיט די פאלגנדע רירנדע שורות.

אדיע! א, מיין היים־ברעג פארגייט און פארשווינדט,
דארט שנעל אין דער בלוילעכער ווייט;
עס שטורמען די כוואליעס, עס יאמערט דער ווינט,
א פויגל, א ווילדער, דארט שרייט.
די זון זינקט אראפ אין איר ימישער טיף,
צו רו זינקט זי רויק און זאכט.
אדיע! א, מיין ליבסטע! דערהער איצט מיין רוף!
מיין היים־לאנד, אדיע, גוטע נאכט!

. . . .

א דאנק דעם גוטן וועטער, איז די שיף צייט צוויי און א האלבן טאג שוין געווען אין ליסאבאן. דא האט זיך בייראן אויסגעצייכנט מיט דעם, וואס ער איז אריבערגעפארן דעם שרעק־

לעך שטראָמיקן טייך טאַגאָ, אין זיין סאַמע ברייטסטן אָרט. פון ליסאַבאָן האָט ער און האָבהויז באַשלאָסן, אָפּצושיקן דעם באַגאַזש מיטן ים נאָך גיבראַלטאַר, און אַליין צופאָרן אַהין אויף פערד דורך דרום-מערב שפּאַניע. אין זיינע פילצאָליקע בריוו, וועלכע ער האָט פון וועג געשיקט דער מוטער און פריינט, האָט בייראָן זייער בפרטות באַשריבן דאָס אַלץ, וואָס אים איז אויסגעקומען צו זען, הערן און דורכמאַכן. דער טאָן פון די אַלע בריוו איז זייער אַ לייכטער; אין זיי איז נישטאָ קיין שפּור פון דעם דראָזיקן אומעט, מיט וועלכן ער האָט פאַרלאָזט ענגלאַנד. אַ חוץ באַשרייבונגען פון די געגנטן און כאַראַקטערן אַנטהאַלטן זיי אויך באַטראַכטונגען וועגן פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן דעמאָלט אויפגערודערט דעם פּירענעישן האַלב-אינדזל.

אַדורכפאָרנדיק אויף פערד אַן ערך פינף הונדערט ענגלישע מיילן צייט זיבן טעג, האָט זיך בייראָן אָפּגעשטעלט אין סעוויל זיך אָפּצורוען. ווי עס איז אים דערגאַנגען אין סעוויל, האָט ער צווישן אַנדערעס געשריבן דער מוטער פאָלגנדעס: „מיר האָבן געוווינט ביי צוויי שפּאַנעזערינס, וועלכע האָבן מיר געגעבן אַן אינטערעסאַנט בילדל פון די שפּאַנישע מנהגים. זיי זענען פרויען מיט כאַראַקטער, און די עלטערע פון זיי איז פּרעכטיק. די פרייהייט פון כאַראַקטער, וועלכע איז דאָ אַ געוויינלעכע דערשיינונג, האָט מיך פשוט פאַרוווּנדערט, און נאָך געוויסע באַאָבאַכטונגען האָב איך מיך איבערצייגט, אַז באַשיידנקייט איז נישט דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די שפּאַנישע פרויען, וועלכע זענען בכלל זייער שיינע, האָבן גרויסע, שוואַרצע אויגן און זענען זייער שיין געבויט. די עלטסטע באַלעבאָסטע האָט באַוואָרט אייער אומווירדיקן זון מיט איר באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. זי האָט אים אַרומגענומען מיט גרויס צערטלעכקייט ביים שיידן זיך (איך האָב ביי איר איינגאַנצן געוווינט דריי טעג) און, אָפּשניידנדיק פאַר זיך אַ לאָק פון זיינע האָר, האָט זי אים אירן געשענקט, וועלכער האָט אין דער לענג אַן ערך דריי פוס; איך

שיק אים אייך און בעט איך באהאלטן ביז מיין צוריקקומען. אירע לעצטע ווערטער זענען געווען: „Adois, tu hermoso! me gusto mucho“ (זיי געזונט, דו שיינער, דו געפעלסט מיר זייער). זי האָט מיר פאָרגעשלאָגן, זיך טיילן מיט איר איר צימער, נאָר מיין גוטסקייט האָט מיך געצוואונגען דעם דאָזיקן פאָרשלאַג אָפּצוואַרפן“...

נאָך סעוויל האָט בייראָן באַזוכט דעם „וואונדערלעכן“ קאַדיקס, וועלכער האָט זיך אים אויסגעוויזן „די שענסטע שטאָט אין דער וועלט“. פונדאַנען האָט ער זיך אויף אַ קריגס-שיף צוגעקריגן צום גיבראַלטאַר, ווו ער איז דעם 19-טן אויגוסט איבערגעזעצן אויף אַ פּאָסט-שיף וואָס איז געגאַנגען קיין מאַלטאַ. אין דער צייט פון זיין קורצן פאַרברענגען אויף דעם דאָזיקן אינדזל האָט דער טוריסט באַוויזן צופאַרבונדן א פּלאַטאָנישן ראָמאַן מיט דער מאַדאַם ספּענסער סמיט, די פרוי פון אַן ענגלישן שליח אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די העלדין פון אַן עטלעכע אויסערגעוויינלעכע געשעענישן. די דאָזיקע דאַמע איז דאָס טאַקע די פלאָרענס, וועלכער עס איז געווידמעט עטלעכע זייער שיינע זייטלעך אין צווייטן ליד פון „טשיילד האַראָלד“. דעם 21-טן אויגוסט האָט בייראָן מאלטא פאַרלאָזט און ווייטער זיך אוועקגעלאָזט אויף מזרח. זיין שיף איז אין וועג פאַרביי געגאנגען די ברעגעס פון גריכנלאנד, זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע שעה ביי פּאַטראַס און ענדלעך איז זי דעם 28-טן אויגוסט אָנגעקומען קיין פּרעוויזאַ, ווו בייראָן און זיין מיטרייזנדער זענען אויסגעשטיגן אויפן ברעג, און זיך אוועקגעלאָזט אויף אַן עקסקורסיע קיין אלבאַניע. די אומגעהייערע שיינקייט פון דער געגנט און דער אומאָפּהענגיקער כאַראַקטער פון אירע האַלבווילדע באַוווינער האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויפן פּאָעט אין אָנהויב נאָוועמבער האָט ער באַזוכט דעם גובערנאטאָר פון אלבאַניע, דעם דאַמאָלס באַקאנטן אַלי-פּאשאַ, און ער האָט זוכה געווען צו אַ גלענצענדן קבלת-פּנים. בייראָן איז צוויי מאָל שיער

נישט אומגעקומען בעת דער דאָזיקער רייזע איבער אַלבאַניע. איינמאָל האָט אים אין די בערג, אינמיטן דער נאַכט, אָנגעטראָפן אַ שרעקלעכע במאָרע, ווען ער איז געגאַנגען מיט וועג־ווייזער, וואָס האָבן דעם וועג נישט געוווּסט. אַ צווייט מאָל איז ער שיער נישט דערטרונקען געוואָרן בעת אַ שטאַרקן שטורעם־ווינט ביי די ברעגן פון גריכנלאַנד, ביי וואָס, לויטן עדות זאָגן פון איינעם פון זיינע דעמאָלדיקע מיטרייזנדע האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייערע העלדישקייט און זעלבסטבאַ־הערשונג. אין דער צייט, ווען דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און אַלע פּאַסאַזשירן זענען געווען פולשטענדיק פאַרצווייפלט, איז זיך בייראָן, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צוצוהעלפן אין דער אַרבעט, צוליב זיין הינקע־דיקייט, רויק געזעסן און חוזק געמאַכט איבער זיין טויט־דער־שראָקענעם לאָקײַ; און ווען די געפאַר איז פאַראיבער און אַלע זענען עטוואָס צו זיך געקומען, האָט דער קאַפּיטאַן, צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג, אים געפונען אַ שטאַרק שלאָפנדיקן אויף דער דעק פון דער שיף.

אין מיטן נאָוועמבער איז בייראָן אָפּגעפאָרן קיין מאָרעיאַ, און אין אָוונט פון 25־טן דעצעמבער האָט ער פונדערווייטנס פאַר זיינע פאַרוווּנדערטע אויגן דערזען אַטען. ביים אָנבליק פון די חורבות פון דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, האָבן זיך פון דער התלהבותדיקער ברוסט פונם פּאָעט אַרויסגעריסן די באַקאַנטע פערזן:

אַ אַטען, דו מעכטיקער אַלטער!
דיין העלדנטום זינקט איצט אין רו
מיט רום און נצחון געקומען,
וווּ זענען זיי איצטער, אָ וווּ?

די דאָזיקע חורבות פון דער אַלטער שטאָט זענען דורך בייראָנען באַזונגען געוואָרן אין זיין אויסגעצייכנט ליד „מינערוועס קללה", אין וועלכן דער פּאָעט האָט אויסגע־

גאָסן זיין טיפן צאָרן קעגן די ענגלענדער דערפאַר, וואָס זיי, כאַראַכטנדיק דעם פּאַטריאָטיזם פון די גריכן, האָבן זיי צוראַבירט זייערע אלטע מאָנומענטן אויף צו באַרייכערן זייערע אייגענע מוזעומס. אינם דאָזיקן ערשטן באַזוך אין אַטען, איז בייראָן דאָרט געוועזן אַן ערך דריי חדשים. ער פלעגט יעדן טאָג באַזוכן די חורבות פון דער שטאָט און געמאכט עקסקורסיעס איבער אירע באַרימטע געגנטן. בעתן באַזוכן גריכנלאַנד, ווי אויך שפּעטער בעתן באַזוכן איטאַליע, האָט דער גרויסער פּאָעט, צו דער פאַרווונדערונג פון זיינע מיטרייזנדע, ארויסגעוויזן זייער ווייניק אינטערעס צו די היסטאָרישע ערטער אָדער מאָנומענטן פון דער אַנטיקער קונסט. ער האָט אומעטום בלויז הנאה געהאַט פונם אַלגעמיינעם בילד, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף איינצלהייטן, ווי זיי זאָלן נישט האָבן געווען פאַרהייליקט לויט זייער אַלטקייט. „איך האָב נישט ליב צו זאַמלען קאָלעקציעס פון אַלטערטימלעכקייטן — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע באַמערקונגען צו „טשיילד האַראָלד" — און קאָן מיך מיט זיי נישט אַנטציקן". ער איז נאָר פעיק געווען זיך צו אַנטציקן מיט די וואונדער-שיינע בילדער פון דער נאַטור און אַפילו צווישן די באַרימטע חורבות פון אַטען און רוים האָט ער בלויז נאָר באַוואונדערט זייער אייביקע שיינקייט. אין דער צייט פון זיין פאַרברענגען אין אַטען האָט בייראָן געוווינט ביי אַ זייער בכבודיקער אלמנה, וועלכע האָט געהאַט דריי שיינע טעכטער; די עלטסטע פון זיי, טערעזע, צו וועלכער ער איז געווען נישט זייער גלייכגילטיק, האָט דער פּאָעט שפּעטער באַזונגען אונטערן נאָמען: „די בתולות פון אַטען". אין מערץ 1810 איז בייראָן אָפּגעפאָרן קיין סמירנע, ווו ער האָט פאַרענדיקט די צוויי ערשטע לידער פון „טשיילד האַראָלד", וועלכע ער האָט אָנגעהויבן מיט פינף חדשים צוריק אין יאַני, און דערנאָך האָט ער געמאַכט אַן עקסקורסיע צו די חורבות פון עפעס און צום אָרט, ווו לויט דער מסורה איז אַמאָל געשטאַנען די טראָיאַ. אָפּפאָרנ-

ריק אין 11-טן אפריל קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז דער פּאָעט דורכגעפאָרן דעם דאַרדאַנעלן-אויסגוס צווישן זעסטאָס און אַבידאָס. מיט זיין דאָזיקער בריהשאַפט האָט בייראָן זייער שטאָלצירט; ער האָט זיך מיט דעם גערימט אין אַלע בריוו צו די פריינט און אַפילו פאַר איינעם עטלעכע מאָל דאָס איבערגעחזרט. אין די בריוו צו דער מוטער באַשרייבט ער דאָס אויף פאָלגנדן אופן: „היינט אינדערפרי בין איך געפאָרן פון זעסטאָס צו אַבידאָס. דער קורצסטער שטח צווישן די דאָזיקע צוויי פונקטן האַלט צומאָל נישט קיין מייל; נאָר דאָס שטאַרקע שטראָמען מאַכט דאָס דאָזיקע אָרט פאַר געפערלעך אויף צו פאָרן. איך האָב געפרוווט דאָס דאָזיקע אָרט אַדורכפאָרן מיט אַ וואָך צוריק, נאָר דאַמאָלס האָט זיך מיר דאָס נישט איינגעגעבן, אַ דאַנק דעם צפון-ווינט און דעם שרעקלעכן שטראָמען. אָבער היינט אינדערפרי, ווען עס איז געווען גאַנץ שטיל, האָט זיך עס מיר איינגעגעבן, און איך בין דורכגעפאָרן דעם ברייטן „העלעספאָנט" צייט איין שעה מיט צען מינוט".

אַרומשלעפנדיק זיך איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָנזעטנדיק זיך געצוג מיטן באַספאָר און באַפרידיקנדיק זיין גאוה מיטן באַזוך (אינם מונדיר פון אַן אַדיוטאַנט) צוזאַמען מיטן ענגלישן געזאַנדטן דעם טערקישן סולטאַן, איז בייראָן דעם 14-טן יולי ווידער אָפּגעפאָרן קיין גריכנלאַנד, ווו דאָס מאָל איז ער שוין געווען ביזן האַרבסט 1811. אויפן וועג אַהין, באַמערקנדיק איינמאָל אויפן דעק פון דער שיף אַ גרויסן טערקישן קינזשאַל, האָט ער אויסגערופן: „איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי עס פילט זיך דער מענטש נאָכן באַגיין זעלבסטמאָרד!" אויפן סמך פונם דאָזיקן מעלאָדראַמישן אויסגעשריי איז בייראָן שפּעטער דורך זיינע לאַנד-לייט באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, אַז ער האָט אַמאָל אַליין אויסגעפירט אַ מאָרד; מיט דעם דאָזיקן כלומרשטן מאָרד האָט מען געוואָלט דערקלערן לאָרדס משונהדיקן כאַראַקטער און מאַנפרעדס געהיימניש.

ביים צווייטן מאָל זיין אין גריכנלאַנד, האָט זיך בייראָן בסדר אויפגעהאַלטן אין אַטען, פונוואַנען ער פלעגט מאַכן אָפטע עקסקורסיעס אין אַנדערע ערטער פון לאַנד. אין דער דאָזיקער צייט האָט דער פּאָעט געשריבן באַמערקונגען צו „טשיילד האַראָלד", „דאָס נאָכמאַכן האָראַציען" און „מינערוועס קללה". אין אויגוסט 1810 איז ער דאָס ערשטע מאָל קראַנק געוואָרן אויף דער זעלבער מחלה, פון וועלכער עס איז אים לסוף באַשערט געווען פריצייטיק צו שטאַרבן. די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים באַזוכט אין דער צייט פון זיין קראַנק זיין, האָבן זיך אינגאַנצן אויף דער דאָזיקער קרענק נישט געקענט, און ער איז געראַטעוועט געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער געטריישאַפט פון זיינע דינער, וועלכע האָבן גאַנץ ערנסט געמאָלדן די דאָקטוירים, דאָס אויב זייער באַלעבאָס וועט שטאַרבן, וועלן זיי זיך באַמיען, אַז אויך זיי זאָל טרעפן דערזעלבער גורל, נאָך וואָס די דאָקטוירים האָבן באַלד איבערגעריסן זייערע וויזיטן, און דעם קראַנקן האָט זיך שנעל אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן. בייראָן האָט נאָך לכתחילה גערעכנט, פאַרן צוריקקערן זיך קיין ענגלאַנד, נאָך צו באַזוכן עגיפּטן, נאָר מחמת די נישט גינסטיקע ידיעות, וועלכע ער האָט באַקומען פון זיין פאַרוואַלטער, האָט ער געמוזט דעם דאָזיקן פּלאַן אויפגעבן און זיך איילן אַהיים. אויף צוריקוועגס האָט זיך דער פּאָעט ווידער אָפּגעשטעלט אין מאַלטאַ און דאָ איז ער אַ צווייט מאָל קראַנק געוואָרן. דעם דריטן יוני איז ער פונדאַנען אַרויסגעפאָרן אויף אַן ענגלישער קריגס־שיף און אינמיטן יולי איז ער, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון העכער צוויי יאָר, שוין צוריק געווען אויף זיין געבורטס־אָרט.

פון דער צייט פון זיין קראַנק זיין אין גריכנלאַנד, האָט זיך בייראָנס געמיט באַדייטנד געענדערט צום שלעכטן. אין זיינע בריוו האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו הערן, שטאָט די פריערדיקע שפּילעוודיקייט פון טאָן, — אַן אומעטיקייט. ער האָט זיך צו-

ריקגעקערט אַ היים זייער נישט גערן, ווי ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט טרעפֿן זיינע פינאַנס-ענינים אין אַ זייער שלעכטן מצב. און ווירקלעך, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פיל ערגער פון זיינע ערוואַרטונגען. ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצוגיין פון דער שיף אין פּאָרטסמוט, ווי מען האָט אים שוין מודיע געווען וועגן דעם טויט פון זיין זייער געליבטן פריינט אידלעסטאָן, טאַקע דעם זעלבן כאָריסט, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפריינדעט אין קעמברידוש. אין עטלעכע טעג נאָכדעם, ד. ה. דעם 31-טן יולי, האָט ער אין לאָנדאָן באַקומען אַ ידיעה וועגן דעם, אַז זיין מוטער איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, און דעם 1-טן אויגוסט ביינאַכט — אַ צווייטע ידיעה: וועגן איר טויט; אין דערזעלבער נאַכט איז ער אויך געוויר געוואָרן וועגן טויט פון זיינעם אַ צווייטן פריינט און שול-חבר — וועגנפעלד, און דעם 7-טן אויגוסט האָט מען אים מודיע געווען וועגן טויט פון אַ דריטן און זייער געאַכטעטן פריינט — מאַטיוס. די ידיעה וועגן טויט פון זיין מוטער האָט בייראָן באַקומען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך שוין אויפגעזעצט אויף דער קאַרעטע, כדי צו איר צופאָרן. קומענדיק קיין ניוסטעד, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז געשטאָרבן צוליב אַן אויסברוך פון אַן אויסערגעוויינלעכן צאָרן, וואָס איז איר געקומען דורך איבערלייענען אַ זייער גרויסן רעכענונג, וואָס איר טאַפּעטן-קלעבער האָט איר צוגעשטעלט. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס בייראָן איז געווען מער ווי גלייכגילטיק צו זיין מוטער ביי איר לעבן, — האָבנדיק אויף דעם, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען, זייער גענוג סיבות, — האָט אים איר טויט פונדעסטוועגן זייער מצער געווען. די וועכטערין פון דער פאַרשטאָרבענער מאַדאַם בייראָן פלעגט דערנאָך דערציילן, אַז, דערהערנדיק אין דער נאַכט, ווען דער יונגער לאָרד איז געקומען צופאָרן, עפּעס אַ גערויש אין צימער, וווּ די געשטאָרבענע איז געלעגן, איז זי אַהין אַריינגעגאַנגען, און צו איר גרויס פאַרווּנדערונג, האָט זי דאָרט געטראָפן בייראָנען

א טרויעריקן זיצן צוקאָפּנס פונם טויטן קערפּער פון זיין מוטער. „אָ, מיס בעי, — האָט ער, ווען ער האָט זי דערזען אויסגעשריגן, זיך פונאַנדערוויינענדיק, — איך האָב געהאַט אויף דער וועלט נאָר איין פריינט און דער דאָזיקער איז שוין אויך נישטאָ!...

אין א בריוו פון 2-טן אויגוסט האָט ער אויף פאָלגנדן אופן מודיע געווען זיין פריינט וועגן דעם פאַמיליע-אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן: „די אָרימע מאַמע מיינע איז נעכטן געשטאָרבן! אויפן צווייטן טאָג, נאָכן באַקומען די ידיעה וועגן איר קראַנק זיין, בין איך געוווּיר געוואָרן וועגן איר טויט. גאָט צו דאַנקען, אירע לעצטע מינוטן זענען זייער רויקע געווען. אַצינד פיל איך די ריכטיקייט פון גרעי׳ס באַמערקונג, אז „מיר קענען נאָר האָבן איין „מוטער". זאָל איר די ערד גרינג זיין".

אַזוי פיל פאַרלוסטן כמעט אין איין צייט, — און נאָך אַזעלכע שטאַרקע — וואָלטן געקאָנט אַפילו אָוועקליייגן א מער האַרטערן און קעלטערן מענטש, ווי בייראָן איז געווען. עס איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס אויף דער אויסערגעוויינלעך-צאַרטער און פילבארער נשמה פונם יונגן פּאָעט, האָבן די דאָזיקע שווערע קלעפּ געווירקט אויף זייער א דערדריקנדן אופן. אין משך פון עטלעכע חדשים האָט אים די שווערע אומעטיקייט נישט אָפּגעלאָזט; צייטנווייז, פלעגט ער אַפילו זיין נאָנט צו א פולשטענדיקער פאַרצווייפלונג. די דאָזיקע גאַנצע צייט האָט ער געלעבט איינזאַם אין זיין ניוסטענדער שלאָס, און נאָר זעלטן פלעגן אים דאָרט באַזוכן אייניקע פון זיינע זייער ווייניק איבערגעבליבענע פריינט. דעם 7-טן אויגוסט האָט ער צו איינעם פון זיי געשריבן פאָלגנדעס: „עפּעס א קללה הענגט איבער מיר און איבער מיינע נאָנטע. מיין מוטער ליגט א טויטע אין דעם דאָזיקן הויז; איינער פון מיינע בעסטע פריינט איז אין קאַנאַל דערטרונקען געוואָרן. וואָס-זשע האָב איך צו רעדן, טראַכטן אָדער טון? מיין טייערער סקראָפּ, אויב דו קאָנסט זיך אָפּרייסן אויף א מינוט, קום צו מיר צו פאָרן, איך צוריק

מיר אַצינד אין אַ פריינט... קום צו מיר, סקראַפּ, איך בעט דיך, איך בין כמעט פאַרצווייפלט; איך בין איינער אַליין געבליבן אויף דער וועלט; איך וואָלט געוואָלט, ביז וואַנען דאָס איז נאָך מעגלעך, זיך פרייען מיט דער אָנוועזנהייט מיט די יעניקע, וועלכע זענען מיר נאָך געבליבן"... אין איינעם פון די באַמערקונגען צו „טשיילד האראָלד" זאָגט ער: „אין משך פון איין חודש האָב איך אָנגעווירן די יעניקע, וועלכע האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט, און אַ סך פון די, וועלכע האָבן מיר דאָס לעבן דערטרעגלעך געמאַכט". ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פון די דאָזיקע אַלע אומגליקן, ווי עס האָט אים שוין אַ נייע ענלעכע צרה געטראָפן. „איך בין ערשיטערט פון איין טויט-פאַרפאַל, האָט ער דעם 11-טן אָקטאָבער געשריבן צו דאַלאַס — זיין קרוב, — איך האָב פאַרלוירן אַ פריינט, וועלכער איז מיר אין די מער גליקלעכסטע צייטן טייער געווען. נאָר איך בין שוין אַזוי צו דעם דאָזיקן צוגעווינט, אַז עס איז מיר שוין פשוט שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דער גרויס פון די דאָזיקע אומגליקן, וואָרים מיינע געפילן זענען מיר שוין ענדלעך אינגאַנצן פאַרטעמפּט געוואָרן, און ביי מיר איז שוין מער נישט פאַרבליבן קיין איין טרער פאַר דעם דאָזיקן קלאַפּ, וועלכער וואָלט מיר מיט אַ פינף יאָר צוריק דעם קאָפּ צו דער סאַמע ערד אַראָפּגעבויגן. אַ פּנים, אַז מיר איז שוין באַשערט אין מיין יוגנט די גרעסטע אומגליקן דורכצומאַכן וועלכע קאָנען נאָר מעגלעך זיין ביי דער דאָזיקער עלטער. מיינע פריינט פאַלן אַרום מיר, און איך וועל בלייבן אַן אייבּיקער בוים, נאָך איידער איך וועל ווערן פאַרוועלקט. אַנדערע קאָנען אין ענלעכע פאַלן געפונען אַ מקום מקלט ביי זייערע פאַמיליעס; איך אָבער בלייב בלויז איבער ביי מיינע אייגענע טרויעריקע מחשבות"...

אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער פון יאָר 1811 האָט בייראָן פאַרלאָזט דעם פינסטערן ניוסטענדער שלאָס און זיך

איבערגעצויגן קיין לאָנדאָן. נאָך כּמעט אַ דריי-חדשימדיק אָנגעצונדערט לעבן האָט דאָ דער יונגער פּאָעט, אין דער גרויסער און פריילעכער געזעלשאַפט, זייער שנעל אויפגעלעבט. אין אַ קורצער צייט האָט ער באַוויזן צו ווערן אַ מיטגליד אין עטלעכע אַריסטאָקראַטישע קלובן און זיך צו באַקענען מיט דער מערהייט אָנגעזעענע ליטעראַטן פון יענער צייט. צו דער דאָזיקער צייט געהער אויך דער אָנהייב פון זיין באַפריינדן זיך מיטן באַרימטן אירלענדער פּאָעט טאָמאַס מור, וועלכער איז אויך שפּעטער געווען זיין ביאָגראַף. דעם 27-טן פעברואַר 1812 האָט בייראָן געהאַלטן זיין ערשטע רעדע אין לאָרדן-הויז אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גלענצנדן אַריסטאָקראַטיש פּובליקום, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט צו הערן דעם יונגן לאָרד, וועלכער איז שוין דאַן באַקאַנט געווען מיט זיינע פּאָעטישע שאַפונגען און מיט זיין נישט-לאַנגסטיקע רייזע אויפן מזרח. די רעדע איז אַרויסגעקומען זייער געלונגען און נאָכן ענדיקן זי האָבן זיך באַגריסונגען און קאָמפּלימענטן געשאָטן אויף בייראָנען, אַפילו מצד די יעניקע, וועלכע ער האָט מיט צוויי יאָר צוריק אויסגעלאַכט אין זיין סאַטירע. ער האָט אַליין געשיינט פאַר פרייד פון דעם גרויסן דערפאָלג. דערפאַר האָבן זיינע צוויי שפּעטערדיקע רעדעס אין דער אויבערשטער פּאַלאַטע זיך שוין אַרויסגעוויזן פאַר ווייניקער געלונגען און זענען געוואָרן אויפגענומען גענוג קאַלט. אַלס אָראַטאָר איז עס פון אים געווען אַ גרויסער פעלער דאָס, וואָס ער האָט גערעדט צו טעאַטראַליש און דערביי — זינגענדיק, וואָס דאָס דאָזיקע געפעלט לגמרי נישט די ענגלענדער, וועלכע זענען נישט געוווינט צו אַזאַ מין שיין-ריידן. בייראָן האָט שוין נאָך זיין דריטער רעדע פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט געשאַפן געוואָרן צו דער פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע, און פון דער דאָזיקער צייט אָן האָט מען אים שוין מער אין דער לאָרדן-פּאַלאַטע נישט געזען.

אין צוויי טעג אַרום נאָך דער ערשטער פּאָליטישער רעדע, איז דערשינען זיין אומשטערבלעכע פּאָעמע „טשיילד האַראָלד". די געשיכטע פון דעם דאָזיקן ווערק, וואָס האָט מיט איינמאָל געשאַפן אַ גרויסן נאָמען דעם מחבר, איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. ווען נאָכן צוריקקערן קיין ענגלאַנד האָט איינער פון בייראָנס פריינט אים געפרעגט, וואָס ער האָט באַוויזן אָנצושרייבן אין דער צייט פון זיין צוויי־יעריק אַרומוואַנדערן אויפן מזרח, האָט ער אים געוויזן דעם כתב־יד פון „נאָכמאַכן גראַציען", שוין פולשטענדיק גרייט צום דרוק, און דערביי אים געזאָגט, אַז ער איז זיכער איגם גרויסן דערפאָלג, וואָס דאָס דאָזיקע ווערק וועט האָבן. ווען דעם פּאָעטס פריינט האָט אַריינגעקוקט אינם כתב־יד פון דעם דאָזיקן שוואַכן ווערק, איז ער געווען שטאַרק אַנטוישט און זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון נישט צו פרעגן דעם מחבר צי נישט שוין זשע זאָל אַזאַ לאַנגע נסיעה זיין אַזוי אָרעם אין פּאָעטישע רעזולטאַטן? אויף דעם דאָזיקן האָט בייראָן געענטפערט, אַז ער האָט נאָך עטלעכע קורצע פּאָעמעס און אַ געגנוג גרויסע צאָל פערזן, אין וועלכע עס איז באַשריבן די אַלע געגנטן, וועלכע ער האָט באַזוכט. „זיי (די דאָזיקע פערזן) פאַרדינען נישט אייער אויפמערקזאַמקייט, — האָט ער צוגעגעבן, — נאָר איר קענט זיי נעמען, אויב איר ווילט. איך האָב זיי געוויזן נאָר איין פערזאָן, און יענער האָט אין זיי געפינען ווייניק גוטס און זייער פיל נאַרישקייטן. איך בין אויך פון דער זעלבער מיינונג און איך בין זיכער, אַז אויך איר וועט זיי פאַר אַזעלכע האַלטן". די דאָזיקע פערזן האָבן אַנטהאַלטן דעם כתב־יד פון די ערשטע צוויי לידער „טשיילד האַראָלד".

אין אָווגוסט פונם זעלבן טאָג האָט בייראָן באַקומען פון זיין פריינט, וואָס האָט ביי אים גענומען דעם כתב־יד, אַ בריוו, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאָלגנדע ווערטער: „איר האָט אָנגעשריבן איינע פון די פּערפעקטסטע פּאָעמען, וואָס מיר איז נאָר ווען אויסגעקומען צו לייענען; איך בין אַזוי געוואָרן באַצויבערט

מיט „טשיילד האראָלד", אַז איך בין נישט געווען אומשטאַנד זיך אָפּצורייסן פון אים"... אָבער בייראָן האָט זיך נאָך פונדעסטוועגן נישט אַנטשלאָסן די דאָזיקע פּאָעמע צו דרוקן פריער פאַר זיין „נאָכמאַכן גראַציען". און ווען ער האָט זיך שוין אויף דעם אַנטשלאָסן, האָט פאַר אים זיין פּריוואַט דאַלאַס, דער ערשטער אַנטדעקער פון „טשיילד האַראָלד", וועלכן דער פּאָעט האָט איבערגעגעבן דאָס רעכט אָפּצודרוקן, לאַנג נישט געקאָנט געפינען קיין פאַרלעגער. נאָך אַ לאַנגן זוכן, האָט ענדלעך די דאָזיקע דאַנקבאַרע ראָל אויף זיך גענומען דער בוכהענדלער מורעי, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן, אַלס דער פאַרלעגער און פּריינט פונם גרויסן פּאָעט. בעתן דרוקן פון „טשיילד האַראָלד" האָט בייראָן, לויט זיין געוווינהייט, יעדן טאָג געמאַכט אַלץ נייע ענדערונגען אין דער קאָרעקטור און צוגעגעבן אַלץ נייע פערזן, אַזוי, אַז ווען די פּאָעמע האָט זיך באַוויזן אויף דער ליכטיקער שיין, האָבן דעם פּאָעטס פריינט, וועלכע האָבן זי געזען אינם ערשטן כתב-יד, זי קוים דערקענט — אויף אַזוי פיל איז זי געווען געענדערט און פאַרבעסערט בעתן זעצן.

די גאַנצע ערשטע אויפלאַגע פון דער דאָזיקער פּאָעמע איז פאַרקויפט געוואָרן צייט עטלעכע טעג. אין משך פון פיר וואָכן האָט זי אויסגעהאַלטן גאַנצע זיבן אויפלאַגעס. דער דערפאָלג פון „טשיילד האַראָלד" איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. „איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין איין פרימאָרגן — דערציילט בייראָן אין זיין טאָג-בוך — און זיך דערזען אַ באַרימטן". „דער רושם, וועלכן די דאָזיקע פּאָעמע האָט געמאַכטביים דערשיינען — זאָגט דער ביאָגראַף פונם גרויסן פּאָעט טאָמאַס מור, — איז געווען לויט זיין שנעלקייט און קראַפט ענלעך צו אַן עלעקטרישן פונק. דער רום פון פּאָעט האָט זיך גערויבן נישט שטופנווייז, נאָר איז אויסגעוואַקסן, ווי דער פּאַלאַץ אינם מעשה-ביכל, אין איין נאַכט.

די ערשטע אויפלאַגע פון זיין ווערק איז זיך מאָמענטאַל צוגאַנגען, און די נעמען „טשיילד האַראָלד" און „בייראָן" זענען גע-

ווען אויף אַלעמענס ליפּן. די סאַמע באַדייטנדסטע מענטשן פון יענער צייט, אַפילו די יעניקע, וועלכע ער האָט אין זיין סאַטירע באַליידיקט, האָבן געאיילט זיך מעלדן צו אים, כדי אים פּערזענלעך אויסצודריקן זייער פאַרוווּנדערונג און אַנטציקונג. זיין טיש איז יעדן טאָג געווען פאַרלייגט מיט הונדערטער בריוו, פול מיט די חניפהדיקסטע אויסדרוקן מצד אַלע, אָנהייבנדיק פון מלוכה-לייט און פילאָזאָפן, און ענדיקנדיק מיט די קעניגינס פון דער העכערער וועלט. די גאַס, אויף וועלכער ער האָט געוווינט, איז געווען פון אינדערפרי ביז ביינאַכט פאַרלייגט מיט אַ מאַסע פּרעכטיקע קאַרעטן, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַן ענגשאַפט פאַר זיינע טירן. מיט סך הכל עטלעכע וואָכן צוריק האָט זיך בייראָן אין לאָנדאָן געפילט, ווי אין אַ מדבר, און אַצינד האָט ער מיט איינמאָל דערזען אַלע לוקסוס-סאַלאָנען פון דער העכערער וועלט ברייט געעפנט פאַר זיך".

אין די לאָנדאָנער ליטעראַרישע קרייזן האָט מען דעמאָלט דערציילט די ווונדערלעכסטע געשיכטעס וועגן דעם אויסערגעוויינלעך הויכן האָנאָראַר, וועלכן דער מחבר פון „טשיילד האַראָלד" זאָל האָבן באַקומען פאַר זיין פּאָעמע. מ'האָט דערציילט, אַז ער האָט באַקומען צו איין גיני (מער ווי אַ פונט) פאַר אַ שורה. אָבער אינדעראמתן האָט אים דער גליקלעכער פאַרלעגער באַצאָלט נישט מער ווי 600 פונט, און אויך מיט דער דאָזיקער סומע האָט בייראָן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיינע עסקים זענען דעמאָלט געווען נישט אין קיין גלענצנדן צושטאַנד, נישט געהאַלטן פאַר רעכט זיך פּערזענלעך מיט איר צו באַנוצן, און האָט זי אַוועקגעשענקט דאַלאַסן, זיין קרוב, פאַר זיין באַמיען זיך וועגן דרוקן די פּאָעמע. אין יענער צייט האָבן די שרייבער פון אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג געהאַלטן פאַר נידעריקער פון זייער כבוד צו נעמען האָנאָראַר פאַר זייערע ווערק

ביירָאָן האָט אָבער שפּעטער נישט געהאַלטן פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ, עס איז שוין אפילו ביי אים דערגאַנגען צו דעם, דאָס ער פלעגט זיך פשוט דינגען מיט זיין פאַרלעגער צוליב צוועלף שילינג.

V

די מזרח־פּאָעמעס. — די חתונה.

אין יאָר פון 1812 האָט מען אין בייראָנען, אין דעם דאָזיקן 24-יעָ-ריגן שיינעם יונגנמאַן, וועלכער פלעגט, אַפילו ביי זיין הינקעדיקייט אזוי לייכט, און אפשר נאָך אַפילו גראַציעז, אַרויסטרעטן אויף די טרעפּן פון די לאָנדאָנער גרויסוועלטישע סאלאָנען — קוים געקאָנט דערקענען דעם מיאוסן און שווער-באַוועגלעכן שילער בייראָן פון גאַראָ. אין דעם יונגן, נאָר שוין באַרימטן פּאָעט, וועלכער האָט שטאָלץ און זיכער געקוקט אַרום זיך, און וואָס האָט זיך באַצויגן סיי צו מענער און סיי צו פרויען מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט, האָבן זיינע באַקאַנטע מיט שווער-קייט קוים געקאָנט דערקענען דעם פחדנישן, נישט געזעלשאַפט-לעכן בייראָנען פון די פריערדיקע צייטן. אינם שפּעטער פון „טשיילד האַראָלד“, וועלכער איז פלוצלינג געוואָרן דער אָפּגאָט פון דער גאַנצער לאָנדאָנער געזעלשאַפט און אַפילו פונם גאַנצן ענגלישן לעזער-פּובליקום, איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען [illegible]עם מחבר פון „די [illegible] פון אַ ליידיקגייער“ וועלכער [illegible] ראַז [illegible] די שטאָלענדישע קריטיק[illegible]

נאָר ווער זענען דאָס געווען די יעניקע, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט צום פּאָעט געבוקט, וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט איז דאָס געווען, אין וועלכער בייראָן האָט אין יאָר 1812 געקיניגט? „דאָס איז געווען די צייט פון דער פולער פונאנדערבליונג פונם דענדיזם, — זאָגט פּראָפ. עלזע, — וועלכער האָט אונטער דער היכער באַשיצונג פונם „ערשטן דזשענטלמאַן אין איראָפּע“ *) דעמאָלט געפייערט זיינע אָרגיעס... פון די צייטן פון קאַרל II איז נאָך נישט געווען אַזאַ נאַריש בוקן זיך צו דער מאָדע און אַזאַ צולאָזנקייט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט. רייכע באַנקעטן, בעלער און שלאָפלאָזע נעכט; ליידנשאַפט צו טעאַטער, אַזאַרט-שפּילן און מאַכן חובות; ליבע-פּאַסירונגען, אַלגעמיינע אויסגע-לאַסנקייט פון די פרויען און די סאַמע אוממאָראַלישסטע פּאַרפי-רונגען צוגלייך מיט די דועלן, וואָס זיי האָבן נאָך זיך אַרויס-גערופן — אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער אינהאַלט פון לעבן פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט, און אַזוי האָט אויך בייראָן געלעבט, וועלכער איז דורך איר געפאַלן אַ קרבן“...

דער דערפאָלג פון יונגן פּאָעט ביי פרויען, נישט קוקנדיק אויף זיין שלעכטער באַציונג צו זיי, איז אין דער דאָזיקער צייט געווען אַ קאָלאָסאַלער. ווען ער האָט זיך געוויזן אויף אַ וואָס פאַר נישט איז באַל, האָט ער זיך בוכשטעבלעך נישט געקאָנט פון זיי אָפּטשעפּען; זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען מחנות-ווייז, און האָבן זיך שיער נישט עפנטלעך אים אויפן האַלז גע-וואָרפן. מ'האָט אים באַוואָרפן מיט ליבעס-בריוו, מ'האָט אים באַשטימט אָן אַ שיעור ליבעס-זעונגען. די פרויען זענען פּשוט צוליב אים משוגע געוואָרן. „בכלל, — דערציילט זיין בייאָגראַף פּראָפ. ניקאָלס — קען מען זאָגן, אַז די פרויען, וועלכע זענען אליין קיין שרייבערינס נישט געווען, האָבן ביי-

---

*) אַזוי האָט מען גערופן דעם ענגלישן רעגענט, שפּעטער — דער קעניג דזשאָרדזש III.

ראָנען פאַרגעטערט, און די יעניקע, וועלכע האָבן אָנגעשריבן אָדער געשריבן עפּעס ביכער, פּלעגן זיך, מערסטנטיילס, צו אים בּאַציִען מיט אומצוטרוי, האָבן אים נישט ליב געהאַט, און אין זייערע ווערק אים דאָס געוויינלעך בּאַמערקט". בּייראָן האָט נישט געהערט צו די יעניקע נאַטורן, וועלכע קאָנען זיך לייכט לאָזן אָנרעדן. ער פּלעגט זיך אָפט אָפּזאָגן פון די תּענוגים, וואָס מען האָט אים פאָרגעלייגט, און אין משך פון זיין פינף-יעריקן פאַרברענגען אין לאָנדאָן, פון דער צייט פון זיין צוריקקערן פון גריכנלאַנד ביז זיין פולשטענדיק אָפּפאָרן פון ענגלאַנד, האָט ער געהאַט א מאַסע פאַרשידנאַרטיקע ראָמאַנטישע פּאַסירונגען. נאָר זיינע פילצאָליקע ראָמאַנען, זענען ווי איצט, אַזוי אויך שפּעטער, געווען בּלויז פשוטע אינטריגעלעך. אין זיי פלעגט כמעט שטענדיק זיין אַ געוויסע טייל אמתע קאָפּ-פאַרדרייעניש, לכל הפּחות — פון זיין זייט, נאָך וואָס, ווי ער פלעגט זיך אַליין מודה זיין, ער האָט קיינמאָל נישט געשפּילט די ראָל פון אַ פרויען-פאַרפירער; ער איז קיינמאָל נישט געווען דער ערשטער אין דער סיבּה פון פאַרפירן עפּעס אַ פרוי. בּכלל, פלעגט בּייראָן ענדער אַליין זיין דער קרבּן פון פרויען, איידער די פרויען — פון אים. פאַר א פיינעם בּיישפּיל קאָן דינען זיין ראָמאַן מיט דער לעדי קאַראָלינע לאַמבּ, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גערויש אין זיינער צייט. די לעדי לאַמבּ איז אין יענער צייט געווען די דורך אַלעמען אָנערקענטע קעניגין פון דער הויכער וועלט, ווען בּייראָן איז געוואָרן איר אָפּגאָט. דאָס איז געווען א לייכטזיניקע, קאַפּריזנע, זייער בּאַרימערישע, אָבער אַן אויסערגעוויינלעך בּאַצויבּערנדע יונגע פרוי. ווען זי האָט דאָס ערשטע איבּערגעלייענט „טשיילד האַראָלדן" און געוויר געוואָרן וועגן דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג, האָט זי בּאַשלאָסן, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, דער מחבּר פון דער דאָזיקער פּאָעמע מוז ווערן איינער פון אירע אָן אַ שיעור פאַרערערס. דאָס דאָזיקע, פאַרשטייט זיך, האָט זיך איר זייער לייכט איינ-

געגעבן, הגם נישט אויף אַזאַ שטופּע, ווי דאָס איז געווען געוווּנשן. בייראָן איז געוואָרן איר הייסער אָנהענגער באַלד נאָכן ערשטן מאָל זיך זעען מיט איר און האָט אָנגעהויבן צו קומען צו איר אַהיים אַלע טאָג. גאַנץ לאָנדאָן האָט גערעדט וועגן זיין פריינטשאַפט מיט לעדי לאַמב. די לעצטע האָט להלוטין נישט באַהאַלטן אירע באַציונגען צום פּאָעט און בעתן טרעפן זיך מיט אים אָפט אויף בעלער, פלעגט זי אויף אַזוי פיל אַרויסווייזן אירע געפילן צו אים, אַז דאָס פלעגט אים אָפט אריינברענגען אין גרויס פאַרלעגנהייט. דער מאַן פון דער דאָזיקער דאַמע, אַ מענטש מיט א הויכער שטעלונג און אַ זייער געאַכטעטער אין דער געזעלשאַפט, האָט זיך צו דעם דאָזיקן ראָמאַן פון זיין געליבטער פרוי באַצויגן מיט אַ פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט: ער איז געווען איבערצייגט, דאָס ביי איר גאַנצער לייכטזיניקייט, האָט פונדעסטוועגן זיין ערע נישט געדראָאט קיין שום ערנסטע געפאַר. אין דעם זענען כמעט אַלע געווען זיכער; אַלע האָבן געוווּסט, אַז די באַציונגען פון פּאָעט צו דער באַצויבערנדער לעדי לאַמב, האָבן געטראָגן א פּלאַטאָנישן כאַראַקטער. און אַזוי האָט עס געהאַלטן עטלעכע חדשים. לסוף האָט זיך בייראָן אָנגעהויבן צו פילן געקוועלט מיט דעם דאָזיקן ראָמאַן, וועלכער איז פאַרבונדן געווען מיט אַ מאַסע דאגות און אומאָנגענעמלעכקייטן, צוליב דער שטאַרקער לייכטזיניקייט און משונהדיקן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער לעדי לאַמב. ער האָט אָנגעהויבן זעלטענער צו איר צו קומען און אויסצומיידן זיך מיט איר צו טרעפן. דעמאָלט האָט די באַליידיקטע מאַדאַם קאַראָלינע, וועלכע איז שוין נישט אויף אַ שפּאַס געווען פאַרליבט אינם פּאָעט, עקשנותדיק אים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן. זי איז געקומען אין אַלע ערטער, ווו זי האָט נאָר געקאָנט בייראָנען טרעפן. ווען בייראָן איז געווען אויף עפּעס א באַל, אויף וועלכן מען האָט זי נישט פאַרבעטן, פלעגט זי אים ביים אַרויסגאַנג אָפּוואַרטן אויף דער גאַס, טיילמאָל, אונטער אַ רעגן, פאַרן הויז, ווו ער

האָט דעם אָוונט פאַרבראַכט. צוריקקערנדיק אהיים, שפּעט אין דער נאַכט, דורכן סענדזשעמער פּאַרק, פלעגט זיך ביירען נישט איינמאָל אָנשטויסן אויף איר, וועלכע איז אַהין און צוריק געגאַנגען איבער דער אַלייע, אָפּוואַרטנדיק אים. זי איז אפילו איינמאָל געקומען צו אים אין זיין וווינונג, אָנגעטון אין מענער־קליידער. זי האָט אים פאַרגעלייגט, ער זאָל מיט איר אַוועק, ערגעץ אַנטלויפן מיט איר, און לסוף האָט דאָס שוין דערגרייכט צו דעם, דאָס אויף איין באַל, האָט זי זיך אין אַן אָנפאַל פון פאַרצווייפלונג געוואָלט אַרויסוואַרפן דורכן פענסטער. אָבער דאָס דאָזיקע האָט נאָך מער בייראָנען אָפּגעקילט פון איר; ער האָט לסוף פשוט אָנגעהויבן פאַר איר מורא האָבן. ווען זי איז געווויר געוואָרן, אין אַ יאָר אַרום, נאָכן לעצטן מאָל זיך זעען מיט אים, ווען דעם, אַז ער האָט חתונה געהאַט, און נאָך מיט איר קוזינע, — איז איר ווילדע ליבע צו אים מיט איינמאָל איבערגעגאַנגען אין אויך אַזאַ ווילדע שנאה. זי האָט זיך באַלד גענומען צו שרייבן אַ ראָמאַן, אין וועלכן זי האָט געשילדערט בייראָנען און זיין באַציונג צו איר אין די סאַמע פינסטערע פאַרבן. דער דאָזיקער ראָמאַן, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן „גלענאַרוואָן“, איז אָנגעקומען צו בייראָנען דאַמאָלס, ווען ער האָט „אָפּגעריכט גלות“, ד. ה. ווען דער בעכער פון צרות, וואָס זיינע לאַנדסלייט האָבן אים צוגעטיילט, איז שוין געווען אויך אָן דעם איבערגעפולט...

נאָר מיט וואָס דערקלערט זיך בייראָנס אומגעהייער דערפאָלג ביי פרויען? וואָס האָט מער פון אַלץ זיי צוגעצויגן און באַצויבערט אין אים? דאָס איז נישט בלויז געווען זיין הויכער טיטל, דאָס איז אויך נישט געווען זיין בלויזער רום און די אויסערגעוויינלעכע פרעכטיקייט פון זיין פּאָעזיע. דאָס דאָזיקע איז איבערהויפּט געווען זיין וווּנדערבאַרע שיינקייט; דאָס דאָזיקע איז אויך געווען זיין געהיימנישפולע מעלאַנכאָליע אויף זיין געטלעך־שיין געזיכט, און דאָס הימלישע פייער פון זשעני אין

זיינע גרויסע בלאָע אויגן. און דערזעלבער בייראָן איז גאָר מיט אַן ערך פון פינף יאָר צוריק כּמעט מיאוס געווען! זיין כּמעט העסלעכע פולקייט, דאָס אומגעווינלעך דיק פּנים און די פאַרגאָסענע אויגן מיט פעטס פלעגן אַרויסרופן געלעכטער און טיילמאָל אפילו אַן עקל. ער איז ענלעך געווען צו זיין מוטער, וואָס איז גענייגט געווען פון דער נאַטור צו ווערן פעט, און דאָס דאָזיקע האָט זיך אָנגעהויבן שנעל אַרויסווייזן, ווי נאָר ער האָט אויפגעהערט צו וואַקסן. ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען 19 יאָר, האָט ער ביי זיין נישט גרויסן וווקס (צוויי אַרשין און 7 ווערשקעס) שוין געוווֹיגן אַן ערך $5\frac{1}{2}$ פוד. עס וואָלט אים איבריקנס נישט שווער געווען אָפּצושטעלן דעם פּראָצעס פונם ווייטערדיקן פעט ווערן, אָדער, לכל הפּחות, אין אַ באַדייטנדער מאָס אים אָפּצושוואַכן, ווען ער וואָלט נאָר אַ סך געגאַנגען. אָבער צום אומגליק, האָט ער צוליב דער הינקעדיקייט נישט געקאָנט אַ סך גיין. האָט ער דעריבער באַשלאָסן אָנצוווענדן קעגן דעם אַנדערע מיטלען. קודם כּל, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו היילן מיט הונגער; ער האָט זיך אויף שטענדיק אָפּגעזאָגט פון פלייש, ווייַן און אַלע אַנדערע געטראַנקען; ער האָט אָנגעהויבן צו נעמען עפּסאָמער זאַלץ און אפילו אָפּיום; לסוף האָט ער אויך אָפּט גענומען הייסע וואַנעס. אויף אַזאַ אופן איז ער צייט עטלעכע וואָכן צוגעקומען צו אַ נאָרמאַלער דיקייט, און פאָרזעצנדיק די זעלבע דיעטע ווייטער, איז ער אימשטאַנד געווען צו דערהאַלטן די דאָזיקע נאָרמאַלקייט שוין אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. די גוטע רעזולטאַטן פון אַזאַ קוראַציע, וועלכע ער האָט באַקומען אין אַזאַ אומפאַרגלייכלעך קורצער צייט, האָבן אַריינגעבּרענגט בייראָנען אין אַנטציקונג. „פון דער צייט אָן, ווי מיר האָבן זיך געזען דאָס ערשטע מאָל— שרייבּט ער אין יאָר 1807 פיגאָטן, — האָב איך פאַרקלענערט מיין וואָג פון 202 פונט אויף 175 פונט. אויף אַזאַ אופן איז מיר אָפּגעקומען גאַנצע 27 פונט. בּראַוואָ!" ווען בייראָן איז, נאָך

אַן עטלעכע וואָכן קורירן זיך, געקומען קיין קעמברידזש, האָט
אים דאָרט קיינער נישט דערקענט — אויף אזוי פיל האָט ער
זיך געענדערט. „איך האָב געמוזט, — האָט ער דער מאַדאַם פּיגאָט גע-
שריבן — אַלעמען זאָגן מיין נאָמען, וואָרים קיינער האָט נישט געקאָנ
דערקענען נישט מיין פּנים, נישט מיין פיגור". בייראָנס נייער
אַרט לעבן האָט געווירקט נישט נאָר אויף זיין קערפּער, נאָר
אפילו אויף זיין גייסט: „דער הונגער און די רייצנדע מיטלען —
זאָגט זיין ביאָגראַף דזשעפּערסאָן — האָט גוט געווירקט אויף זיין
נערוון-סיסטעם, און ער איז געוואָרן אַ געניע. דאָס דאָזיקע
האָט זיך אויך גוט אָפּגערופן אויף זיינע אויגן און אויף זיין
קול. קיינער האָט נישט פאַרמאָגט אַזעלכע קלאָרע אויגן און
אַזאַ ריין קול, ווי ער". אָבער דאָס כּראָנישע הונגערן און דאָס
באַנוצן אַזעלכע רייצנדיקע מיטלען, ווי עפּסאָמער זאַלץ און
אָפּיום, פלעגט אויך ביסלעכווייז אונטערגראָבן זיין געזונט. און
דאָס דאָזיקע אומנאָרמאַלע אַרט לעבן האָט סוף כּל סוף אָפּגע-
שוואַכט זיין, פון דער נאַטור שטאַרקן, אָרגאַניזם, אז ער האָט
שוין נישט געקענט מער אויסהאַלטן די קרענק, וועלכע ביי אַנ-
דערע באַדינגונגען, וואָלט ער זי לייכט געקאָנט בייקומען,
און וועלכע האָט אים פריצייטיק אין קבר אַריין געפירט. דער
פּאָעט האָט כּמעט שטענדיק געהונגערט, און אויף צו באַרויקן
דעם מאָגן איז ער געצוווּנגען געווען שטענדיק צו שמעקן
טאַבאַק. נאָך אַ לאַנגער צייט הונגערן האָט ער איינמאָל, שוין
נישט קענענדיק זיך מער איינהאַלטן, אויפגעגעסן אַ גרויסע צאָל
שווער עסן, אַדאַנק וואָס, ער האָט זיך שרעקלעך פאַרדאָרבן און
דערנאָך — ווידער לאַנג געהונגערט. אָבער ער האָט נאָר געדאָרפן
אַ שטיקל צייט זיך ווי געהעריק צו דערנערן, און ער האָט ווי
דער שנעל אָנגעהויבן דיק ווערן און פאַרלירן זיין שיינ-
קייט.

דאָס וועלטלעך לעבן, וואָס בייראָן האָט אָנגעהויבן צו פירן נאָכן דערשיינען פון זיין „טשיילד האַראָלד" האָט אים לחלוטין נישט געשטערט זיך ענערגיש צו פאַרנעמען מיט זיין שעפעריִשער טעטיקייט. די נעכט אָדער ריכטיקער, די רעשט פון די נעכט — וואָרים די גרעסטע טייל פון יעדער נאַכט פלעגט ער, געוויינלעך, פאַרברענגען אויף בעלער אָדער איז די טעאַטערן — האָט ער זיך ווי פריער געווידמעט זיין מוזע. אין יאָר 1813 האָט זיך באַוויזן אַ פּרעכטיקער פראַגמענט פון זיין „גיאַור". אין משך פון עטלעכע חדשים האָט דאָס דאָזיקע ווערק אויסגעהאַלטן גאַנצע פינף אויפלאַגעס. יעדע נייע אויפלאַגע האָט זיך אויף אַזוי פיל אונטערגעשיידט פון דער פריערדיקער, אַז מען האָט דרייסט אויף איר געקאָנט קוקן, ווי אויף אַ פולשטענדיק ניי ווערק. די פאַבולע פונם ערשטן פראַגמענט איז געשאַפן אויף פאַלגנדן עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען מיט בייראָנען אין דער צייט פון זיין פאַרברענגען אין אַטען. צוריקקערנדיק איינמאָל פון שפּאַציר, האָט ער דאָרט געטראָפן אַן אָריגינעלע פּראָצעסיע: עטלעכע טערקישע סאָלדאַטן האָבן געטראָגן אין אַ פאַרנייטן זאַק אַ מוסולמענער מיידל, כּדי זי לויטן באַפעל פון גובערנאַטאָר צו דערטרונקען אין ים פאַר חתונה האָבן קעגן געזעץ מיט עפּעס אַ קריסט. ווי נאָר בייראָן איז וועגן דעם דאָזיקן געוווּר געוואָרן האָט ער באַלד די יאַני-טשאַרן באַפוילן זייער קרבן צו באַפרייען, דראָענדיק זיי, אין פאַל ווען זיי וועלן נישט פאָלגן, אָנצונעמען מיטלען. די לייט האָבן זיך דערשראָקן און האָבן מסכּים געווען צו גיין מיט אים צום גובערנאַטאָר. נאָכן אָנקומען אַהין, האָט זיך בייראָנען איינגעגעבן, אַ ביסל מיט געלט, אַ ביסל מיט דראָונגען דאָס מיידל צו באַפרייען, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז זי זאָל תּיכּף פאַרלאָזן דאָס לאַנד. פון גובערנאַטאָר האָט ער זי באַגלייט אין עפּעס אַ גריכישן קלויסטער און פון דאָרט אין דער זעלבער נאַכט זי אָפּגעשיקט קיין פּיווי, ווו זי האָט פאַר זיך

געפֿונען אַ פֿולשטענדיק רויקן מקום־מקלט. ווען „גיאַור" איז דערשינען, האָבן בייראָנס לעזער, וועלכע זענען געווינט געווען צום אויטאָביאָגראַפֿישן כאַראַקטער פֿון זיינע ווערק, לכתחילה געמיינט, אַז אינם העלד פֿון דער דאָזיקער דערציילונג האָט ער פֿאַרגעשטעלט זיך אַליין, און אַז ער איז דאָס טאַקע געווען דער קריסט, צוליב וועלכן עס איז שיער נישט אומגעקומען די יונגע טערקין. די זיכערקייט פֿון פּובליקום איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז אַפֿילו בייראָנס הכחשה, וואָס ער האָט דעמאָלט אָפּגעדרוקט, האָט גאָרנישט געהאָלפֿן.

דעם 2-טן דעצעמבער 1813, ד. ה. אַ האַלב יאָר נאָכן דערשיינען פֿון דער ערשטער אויפֿלאַגע פֿון „גיאַור" האָט זיך באַוויזן אין דרוק די „אַבידאָסער כלה", בייראָנס צווייטע מזרח־פּאָעמע. דאָס דאָזיקע גלענצנד ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן דורכן פּאָעט אינגאַנצן אין משך פֿון פֿיר נעכט. בעתן דרוקן איז עס פֿאַרגרעסערט געוואָרן אויף צוויי הונדערט שורות; די פּרעכטיקע שורות באַלד ביים אַריינפֿיר: „צי קענסטו דאָס דאָזיקע לאַנד"..., ווי ער וואָלט זיי גענומען פֿון געטעס „מיניאָנען", זענען געוואָרן אַריינגעשטעלט בעת מ'האָט די דאָזיקע פּאָעמע קאָרעגירט. אין משך פֿון איין חודש איז די „אַבידאָסער כלה" פֿאַרקויפֿט געוואָרן מער פֿון 6.000 עקזעמפּליאַרן. דאָס ענגלישע לעזע־פּובליקום האָט נאָך נישט באַוויזן זיך רעכט אָנצוזעטיקן מיט דער דאָזיקער פּאָעמע, ווי בייראָן האָט עס שוין אונטערגעטראָגן אַ נייע, און די בעסטע פֿון זיין גאַנצער סעריע מזרח־פּאָעמעס. דאָס איז געווען „דער ים־גזלן" (קאָרסאַר), וואָס האָט זיך באַוויזן דעם 1-טן יאַנואַר 1814, ד. ה. אינגאַנצן אַ חודש נאָכן דערשיינען פֿון דער „אַבידאָסער כלה". באַלד נאָך אין ערשטן טאָג איז ער פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין 14.000 עקזעמפּלאַרן. „דעם ים־גזלן" האָט בייראָן אָנגעשריבן אין משך פֿון צען נעכט.

נאָר צוזאַמען מיטן אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם האָט דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע ווערק אויך אַרויסגערופן אַן אומגעהייערע אומצופרידנהייט ביי אַ געוויסן טייל פון דער ענגלישער געזעלשאַפט. די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע איז מיט צאָרן אָנגעפאַלן אויף בייראָנען פאַר די צוויי פּערזן, וואָס האָבן זיך געפונען אינעם „ים-גזלן", און ווי ער האָט, אויסדרוקנדיק זיין מיטגעפיל צו די ליידן פון דער פּרינצעסין וועלסקאַ, באַליידיקט דעם פּרינץ-רעגענט, וועלכער איז געווען די סיבה פון די דאָזיקע ליידן. בייראָנס אַרויסטרעטן, איז אַפילו לויט דער מיינונג פון די יעניקע, וואָס האָבן מסכּים געווען מיט זיין אָנשויונג וועגן רעגענט, — געווען אַ גרויסע טאַקטלאָזיקייט. זיינע פיינט האָבן דאָס אויך געהאַלטן פאַר אַן עולה, וואָרים אַ דאַנק דעם האָט ער אָן שום נוצן אָנגעלאָדן קעגן זיך אַ באַדייטנדן טייל פון דער ענגלישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָן דעם שוין אַזוי אויך אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים קרום פאַר זיין רעליגיעזן סקעפּטיציזם. זיין אָנפאַלן אויפן רעגענט איז דאַריבער נאָך מער נישט געווען אויפן אָרט, ווייל אין דער זעלבער צייט איז זיין פּערזענליכע באַציונג צו אים לחלוטין נישט געווען קיין פיינטלעכע. אינגאַנצן עטלעכע חדשים פאַרן אַרויסגעבן דעם „ים-גזלן" איז ער געוואָרן פאָרגעשטעלט פאַרן רעגענט אויף אַ געוויסן באַל און איז געווען זייער צופרידן פון געשפּרעך מיטן פּרינץ און מיט דער פּערזענלעכער מיינונג פון לעצטן וועגן זיין „טשיילד האַראָלד". ער איז אַפילו איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען אין הויף אַריין. נאָך מער: אַ שטיקל צייט פאַרן דערשיינען פונם „ים-גזלן" האָט זיך דער פּאָעט אַפילו געגרייט צו זיין אויפן באַל, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין הויף, און האָט דאָס דעמאָלט נישט געטון בלויז צוליב דעם, וואָס דער באַל איז צוליב עפּעס אַ סיבה אָפּגעלייגט געוואָרן. נאָר בייראָן, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָט עקשנותדיק זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצונעמען די אומגליקלעכע פּערזן פון די קומענדיקע אויפ.

ד[illegible]עס פונם „ים־גזלן" אויף אַלע אָנפאַלן אין דער פּרעסע האָט ער געענטפערט מיט אַ שטאָלץ און פאַראַכטעט שווייגן. „קיין זאַך אין דער וועלט, — האָט ער, אינם סאַמע ברען פון די דאָזיקע אָנפאַלן, געשריבן צו איינעם פון זיינע פריינט, — וועט מיר נישט באַוועגן זיך אָפּצורופן מיט אַ גוט וואָרט, פאַר וועמען דאָס זאָל נישט זיין. איך וועל אַלץ איבערטראָגן, וואָס איך וועל קאָנען, און דאָס, וואָס וועט אוממעגלעך זיין איבערצוטראָגן, קעגן דעם וועל איך מיך אַנטקעגנשטעלן. דאָס ערגסטע, וואָס זיי קענען מיר אָפּטון — מיך אויסשליסן פון זייער געזעל־שאַפט. נאָר איך האָב קיינמאָל די דאָזיקע געזעלשאַפט נישט געזוכט און האָב קיינמאָל נישט געפונען קיין איבעריקן פאַרגע־ניגן אין איר צו פאַרברענגען; איבעריקנס, עס עקזיסטירט דאָך נאָך אַ גאַנצע וועלט אַ חוץ דער דאָזיקער געזעלשאַפט"...

אַזוי איז אַנטשטאַנען בייראָנס באַרימטער קאַמף מיט דער ענגלישער געזעלשאַפט, אַ קאַמף, אין וועמענס צייט ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויף איין מאָמענט געפילט באַזיגט, פון וועלכן ער איז סוף כל סוף אַרויס דער זיגער, אָבער וועלכער האָט אים מער אָדער ווייניקער געמאַכט אומהיילבאַרע וווּנדן אין דער נשמה און פולשטענדיק צובראָכן זיין לעבן. שוואַרצע כמאַרעס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אויפן הימל פון פּאָעט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַזוי העל געווען... אונטער דער השפּעה פון די אָנפאַלן אויף אים אין דער פּרעסע, האָט בייראָן אין יענער צייט באַשלאָסן שוין קיינמאָל מער גאָרנישט צו שרייבן און אויפהערן צו דרוקן אַפילו דאָס, וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן.

דעם 29־טן אַפּריל פון דעם זעלבן יאָר האָט ער אַרויס־געשיקט זיין פאַרלעגער אַ טשעק אויף דער גאַנצער סומע וועלכע ער האָט פון אים באַקומען פאַר אַלע אַרויסגעגעבענע ווערק, און האָט געבעטן אים צוריקגעבן דאָס רעכט ווי־ אַרויסצוגעבן. דעם דאָזיקן משונהדיקן באַשלוס האָט דער

פּאָעט פּונקט אַזוי שנעל געענדערט, ווי ער האָט אים אָנגענו־מען. אויפהערן צו שרייבן פאַר בייראָנען האָט געהייסן דאָס זעלבע, וואָס אויפהערן עקזיסטירן, דעריבער איז נישט קיין חדוש, וואָס שוין דעם 1-טן מאַי, נאָך איין איבערצייגנדן בריוו פון זיין איבערגעשראָקענעם פאַרלעגער, האָט ער אים דערלויבט דעם טשעק צו פאַרניכטן און ווייטער מיט זיין רעכט זיך צו באַנוצן. צייט צוויי חדשים נאָכן דאָזיקן באַשלוס האָט שוין בייראָן איבערגעשיקט צום דרוק אַ נייע פּאָעמע „לאַרע", וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין פיר נעכט, אין דער צייט, ווען ער פלעגט זיך אויסטון נאָכן צוריקקומען פון די בעלער און מאַסקאַראַדן. די דאָזיקע פּאָעמע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט נישט ווייניקער מעלות, ווי אירע פריערדיקע, האָט געהאַט אויך נישט קיין קלענערן דערפאָלג, ווי יענע.

צו דעם דאָזיקן פעריאָד פון בייראָנס פּאָעטישער טעטי־קייט געהער אויך זיינע אָפּגעדרוקטע, אין זומער און אין האַרבסט פון יאָר 1815, פּרעכטיקע פּאָעמעס: „די באַלאַגערונג פון קאָרינט" און „פּאַריזין". וועגן די מזרח-פּאָעמעס פון גרויסן פּאָעט רופט זיך דער ענגלישער קריטיקער, פּראָפעסאָר ניקאָלס, אָפּ אויף פאָלגנדן אופן: „זיי אַלע ווייזן אַרויס אַזאַ קראַפט איבער דער שפּראַך פונם פּאָעט, אַזאַ עשירות פונם ריטם און מעלאָדישקייט פון פערז, אַז נאָך זייער דערשיינען, האָבן זיך אפילו מור און סקאָט געפילט באַזיגט".

* *

*

אין דער זעלבער צייט, ווען „לאַרע" איז אַרויס פון דרוק, איז דער מחבר געשטאַנען פאַר ערב אַ גרויסער איבערקערעניש אין זיין לעבן. בייראָן האָט זיך געקליבן צו מאַכן אַ שריט, וועלכער האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן פאַר זייער וויכטיק פאַר זיין גליק און רו. דעם 20-טן אָקטאָבער 1814 האָט ער צו זיין פריינט טאָמאַס מור געשריבן פאָלגנדעס: „מיין טייערער

מור, איך קלויב זיך חתונה צו האָבן, — מיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, און דאָס איבעריקע, דאַרף מען האָפן, וועט שוין קומען... דאָס איז — די לעדי מילבאַנק; איך האָב שוין באַקומען אַן איינלאַדונג פון איר פאָטער, איך זאָל צו אים קומען שוין אַלס חתן; אָבער דאָס דאָזיקע וועט פאַר מיר זיין אוממעגלעך, ביז איך וועל נישט מאַכן קיין סוף מיט אייניקע ענינים אין לאָנדאָן, און וועל מיר נישט שאַפן קיין בליען ראָק... מ'זאָגט, אַז זי האָט אַ רייכע ירושה, נאָר וואָס נוגע דאָס, ווייס איך נאָך נישט קיין גענויעס. איך ווייס נאָר, אַז זי איז אַ פעיקע און האָט א סך מעלות, און דו וועסט דאָס אוודאי האַלטן פאַר אַ נאַרישקייט פון איר זייט, ווען איך וועל דיר זאָגן, אַז זי האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאָג, נאָכדעם ווי זי האָט זעקס אירע פאַרערער אָפּגעזאָגט... פאַרשטייט זיך, אַז איך דאַרף מיך אומבאַדינגט פאַרבעסערן און זיך ערנסט פאַרבעסערן, וואָרים אויב איך וועל זי קענען גליקלעך מאַכן, וועל איך מיט דעם אויך מיין אייגן גליק פאַרפעסטיקן. זי איז אַזאַ גוטע, אַז — אַז — מיט איין וואָרט — אַז איך וואָלט אַליין געוואָלט בעסער זיין"...

בייראָן האָט זיך באַקאַנט מיט דער פריילין מילבאַנק נאָך אין יאָר 1812, בעתן רעכטן גלאַנץ פון זיין רום און פּאָפּולאַריטעט. זי האָט דעמאָלט אויף זיך געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט נישט דערפאַר, וואס זי זאָל האָבן געווען זייער שיין, באַרימט אָדער רייך. אַרום יונגן פּאָעט האָבן זיך דעמאָלט געדרייט פרויען פיל שענערע, רייצנדערע, באַרימטערע און רייכערע פון איר. זי האָט אים איבערראַשט מיט דעם, וואָס זי איז געווען דער פולקאָמער קאָנטראַסט פון די אַלע אַנדערע פרויען, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. איר רויק און ערנסט אויסזען איז אים געפעלן געוואָרן, און ער האָט געטראַכט, אַז מיט אַ פרוי פון אַזאַ טעמפּעראַמענט וואָלט ער, דער ווילדער און צעלאָזענער געקאָנט זיין גליקלעך. נאָר אויף זיין פאָרשלאָג האָט דער פּאָעט באַקומען אַן אָפּזאָג: ער איז איר

געפעלן אלס געניע, אָבער זי האָט פאַר אים מורא געהאַט אַלס מענטש. דער אָפּזאָג איז איבעריקנס געווען אין אַ פיינער פאָרם, און נאָכדעם האָבן זיי צווישן זיך געפירט אַ זייער פריינטלעכע קאָרעספּאָנדענץ. עס איז אַדורך צוויי יאָר פון דער צייט פון ערשטן פאָרשלאַג. דער פּאָעט האָט שוין אָנגעהויבן צו פילן אַ מידקייט און טיילמאָל שוין אַפילו אויך אַן עקל צום דאָזיקן אָרט לעבן, וועלכעס ער האָט געפירט פון דער צייט פון זיין צוריקקערן זיך פון גריכנלאַנד. ער פלעגט שוין טיילמאָל אָנהייבן צו טראַכטן וועגן אַ דויערהאַפט גליקלעך פאַמיליען-לעבן.

זייענדיק אין אַזאַ שטימונג, האָט בייראָן אין האַרבסט פון יאָר 1814 באַשלאָסן ווידער צו פּרובן זיין גליק און האָט אַוועקגעשיקט דער מיס מילבאַנק אַן אויסערגעוויינלעך באַצויבערנדיקן בריוו מיט אַ נייעם פאָרשלאַג. דאָס מאָל האָט ער שוין באַקומען אַ באַפרידיקנדן ענטפער. אָננעמענדיק דעם צווייטן פאָרשלאַג פון פּאָעט, האָט די מיס מילבאַנק באַין אופן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז בייראָן זאָל זיך קענען אַלס מענטש אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר אויף אַזוי פיל זיך ענדערן, וואָרים זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ער איז נאָך גאַנץ ווייט פון דעם דאָזיקן. מען קאָן דעריבער מיינען, אַז זי, באַשליסנדיק צו ווערן זיין ווייב, איז דאָס אוודאי געווען אַ ביסל א דאַנק זיין רום, אַ ביסל מיט דער האָפענונג, אַז זי וועט אים קענען אויסבעסערן. אָבער נישט מצד איר, און נישט מצד בייראָנען, איז דאָ געווען די מניעה זיך נישט צו געפעלן. אין די לעצטע צוויי יאָר פלעגן זיי זיך טרעפן זייער זעלטן, און זיין צווייטן פאָרשלאַג האָט בייראָן געשיקט דער מיס מילבאַנק נאָכדעם, ווי ער האָט זי נישט געזען גאַנצע צען הדשים. זיי האָבן זיך איינס דאָס אנדערע געפאָלן, נאָר נישט געווען פאַרליבט. בייראָן האָט דערוואַרט פונם דאָזיקן חתונה-האָבן אַ באַדייטנדע איבערקערעניש צום גוטן אין זיין לעבן, און די גוטהאַרציקע מיס מילבאַנק האָט געהאָפט צו זיין גליקלעך מיטן פּאָעט און מיט איר גוטן איינפלוס אים

צוריפצופירן אויפן דרך הישר... ווי מען האָט דאָס פריער געקענט פאַרזען, און ווי אייניקע פרייַנט פון פּאָעט האָבן דאָס ווירקלעך פאַרגעזען, האָט דאָס חתונה האָבן ביי אַזעלכע באַדינגונגען און ביי דעם פולקאָמען קאָנטראַסט פון די כאַראַקטערן פונם קומענדיקן פּאָר-פּאָלק, זיך געקאָנט גאַנץ שנעל ענדיקן מיט אַ קעגנזייטיקער אַנטוישונג.

אין סוף דעצעמבער פון יאָר 1814 איז בייראָן אין דער באַגלייטונג פון זיין פריינט האָבהויז אָפּגעפאָרן אין גיט פונם סער ראַלף מילבאַנק, דער פאָטער פון זיין כלה, אין וועמענס הויז עס איז אויך דעם 2-טן יאַנואַר 1815 גאַנץ באַשיידן געפייערט געוואָרן זיין חתונה. אין דעם דאָזיקן טאָג, ווען עס איז נאָרגעקומען די חופה, איז בייראָן געווען אין אַן אויסערגעוויינלעך מעלאַנכאָלישער שטימונג. דער פּאָעט האָט איינער אַליין געשפּאַצירט אַ גאַנצן פרימאָרגן איבערן פּאַרק, ביז מען האָט אים נישט גערופן צו דער חתונה-צערעמאָניע. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און מעכאַניש נאָכגעזאָגט די ווערטער פון דער תפילה נאָכן פּאַסטאָר; זיינע אויגן זענען אינם דאָזיקן מאָמענט פאַרצויגן געוואָרן מיט עפּעס אַ נעפּל, און די געדאַנקען זענען אים ערגעץ אַנדערש געפלויגן. ער איז ערשט דעמאָלט געקומען צו זיך, ווען אַלע אָנוועזנדע האָבן אים אָנגעהויבן צו באַגריסן. אין דעם זעלבן טאָג, אויפזעצנדיק זיין יונג ווייבל אויף דער קאַרעטע, כדי צו פאָרן מיט איר אין צווייטן גיט פונם סער מילבאַנק, ווו זיי האָבן געזאָלט פאַרברענגען דעם האָניק-חודש, האָט זי בייראָן מחמת צושטרייטקייט אָנגערופן „מיס מילבאַנק”. דער דאָזיקער טעות פונם יונגן מאַן איז דורך די אנוועזנדע געוואָרן אויסגעטייטשט פאַר אַ שלעכטן סימן. פונדעסטוועגן, איז דער אנהייב פונם ניי לעבן פאָרן פּאָעט געווען אַ גליקלעכער. אַ חודש נאָך דער חתונה האָט ער געשריבן צו מורן פּאָלגנדעס: „איך און מיין ווייב לעבן זייער בשלום. סוויפט זאָגט, אַז אַ חכם האָט קיינ-

מאָל נישט חתונה; נאָר איך מיין, אז פאַר אַ נאַר, איז דאָס חתונה־לעבן דאָס אָנגענעמסטע פון אַלע מעגלעכע זאַכן. איך בין נאָך אַלץ פון דער מיינונג, אַז חתונה־האָבן דאַרף מען אויף אַ געוויסער צייט; נאָר איך בין אויך טיף איבערצייגט, אַז איך וואָלט נאָך־אַמאָל געווען באַנייט מיין חתונה־קאָנטראַקט נאָכן אויסגיין פון זיין טערמין, ווען עס וואָלט אַפילו אויסגעקומען צו מאַכן אַ נייעם אויף גאַנצע 99 יאָר".

אין אָנהייב מערץ איז בייראָן מיט זיין פרוי אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן. דער שלום־בית האָט נאָך געהערשט ביים יונגן פאָר־פאָלק אַ עטלעכע חדשים, נאָר שוין אין האַרבסט פון זעלבן יאָר האָבן צווישן פאָעט און זיין ווייב זיך אָנגעהויבן מיספאַרשטייענישן. בייראָן האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון גלייכגעוויכט, אין וועלכן דאָס חתונה האָבן האָט אים, ווי ווייט מעגלעך, געהאַלטן. צו דעם דאָזיקן האָט באַזונדערס צוגעהאָלפן די לאַגע פון זיינע פינאַנסיעלע ענינים, וועלכע האָבן זיך מיט יעדן טאָג פאַרערגערט. זיינע חובות זענען כסדר געוואַקסן, און די קרעדיטאָרן זענען געוואָרן אומגעדולדיקער מיט יעדן טאָג. אין משך פון די עטלעכע חדשים פון זיין פאַרברענגען אין לאָנדאָן, האָט מען אין זיין וווינונג צוויי מאָל אָפּגעשריבן זיין פאַרמעגן פאַר די חובות. בייראָנען איז געווען אַ אַ ווייטאָג, אי אַ חרפה פאַר זיינע מעשים, און ער האָט זיך איצט געפילט כסדר צושטרייט און אויפגערעגט. זיין געמיט־צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט מיט יעדן טאָג, און דאָס דאָזיקע פאַרשטייט זיך, האָט זיך אָפּגעשפיגלט אויף זיינע באַציונגען צום ווייב. נישט זייענדיק אומשטאַנד זיך איינצוהאַלטן, פלעגט ער, אין דער צייט פון שטאַרקע אָנפאַלן פון ווילדן צאָרן, זיך מיט איר באַגיין זייער גראָב, טיילמאָל — אויך געמיין. די באַציונגען צווישן דעם פאָרפאָלק זענען מיט יעדן טאָג אַלץ מער געוואָרן אָנגעצויגן. לסוף האָט בייראָן כמעט אויפגעהערט מיט איר צו רעדן. פון זיינע בריוו פון יענער

צייט זעט זיך אַרויס אַ טיפע, הגם באַהאַלטענע מרה־שחורה. דעם 10־טן דעצעמבער איז אים געבוירן געוואָרן אַ טעכטערל, וועלכעס ער האָט אַ נאָמען געגעבן אויגוסטע אַדע. דעמאָלט איז צו אים געקומען צו פאָרן זיין שוועסטער און זי איז ביי אים געווען עטלעכע וואָכן. נאָר נישט דער געבורט פון דער טאָכטער, נישט די אָנוועזנהייט פון דער געליבטער שוועסטער האָבן נישט געקאָנט באַזייטיקן דעם קריזיס, וואָס האָט זיך שנעל דערנענטערט.

אין מיטן יאַנואַר 1816 איז די פרוי בייראָן אָפּגעפאָרן מיטן קינד צו גאַסט צו איר פאָטער. נאָך איר האָט אין אַ צייט אַרום געזאָלט קומען איר מאַן. זיי האָבן זיך געזעגנט אין גוטע באַציונגען, און פון וועג האָט פרוי בייראָן אַפילו געשיקט דעם מאַן אַ זייער ליבן בריוו. בייראָן האָט גאָרנישט חושד געווען, און דערווייל איז שוין דער סוף געווען זייער באַנד. די סיבה איז דאָס, וואָס דאָס ווייב האָט אַלע זיינע אויפרעגונגען און די משונהדיקע באַציונג צו איר, זיך דערקלערט מיט זיין גייסטיקער צעשטרייטקייט. נאָר קומענדיק צו אירע קרובים, און דערציילנדיק וועגן זיין באַציונג צו איר, האָבן זיי באַשלאָסן אומבאַדינגט עמעצן פון זיי אַרויסצושיקן קיין לאָנדאָן, כדי דאָס דאָזיקע אויפצוקלערן. ווען די דאָקטוירים האָבן זיך באַשטימט אַרויסגעזאָגט, אַז דער פּאָעט ליידט נישט אויף קיין שום נערוון־דערשיטערונג, האָט זיך די באַציונג פון דער פרוי בייראָן צו איר מאַן באַלד געענדערט. זי האָט באַשלאָסן צו אים מער נישט צוריקצוקערן און האָט דאָס איבערגעגעבן איר פאָטער, ער זאָל אים וועגן דעם מודיע זיין. דעם דאָזיקן אומגליקלעכן בריוו פון זיין שווער האָט בייראָן באַקומען דעם 2־טן פעברואַר. ער האָט אים געטראָפן ווי אַ דונער. — אַזוי אומגעריכט איז ער פאַר אים געווען. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט מען אים נישט נאָר מודיע געווען דעם באַשלוס

פון זיין פרוי שוין מער צו אים נישט צוריקצוקערן, נאָר עס איז שוין אויך געוועזן אַ טענה וועגן אַ פולשטענדיקן גט.

ווי טרויעריק, און אין דער זעלבער צייט אויך ערהאַבן, עס זענען די פאָלגנדע שורות, וואָס ער האָט געשריבן צו מורן, דעם 8-טן מערץ 1816: „די שולד, אפילו דאָס אומגליק, איז לחלוטין נישט באַשטאַנען אין מיין אויסוואַל, וואָרים איך טראַכט צומאָל נישט, — און דאַרף דאָס אויך זאָגן ביים סאַמע אָנהייב פון אונזער אומגליקלעך צעשיידן זיך, — אַז עס זאָל וועזן זיך האָבן געפונען אַ פרוי, וואָס זאָל זיין בעסער און סימפּאַטישער, ווי די מאַדאַם בייראָן. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט און קאָן אויך נישט אַצינד זי פאָרוואַרפן אין דער באַציונג צו מיר. אויב עס איז דאָ פאַראַן עפּעס אַ שולד, איז זי מיינע, און אויב איך קען זי נישט אויסקויפן, דאַרף איך פאַר איר ליידן... מיינע עסקים האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכן מצב; מיין געזונט איז געווען אויף אַ באַדייטנדער שטופע צושטערט און מיין גייסטיקער צושטאַנד אין דער לעצטער צייט — אומנאָרמאַל. אַזעלכע סיבות (איך רוף זיי נישט אָן קיין תירוצים), וועלכע האָבן מיר צוגעפירט ביז גאָר, האָבן מיר אויך דאָס לעבן פאַרביטערט... נאָר איך מיין, פונדעסטוועגן, אַז ווען מען וואָלט מיר נאָר געגעבן די מעגלעכקייט און ווען מען וואָלט זיך צו מיר באַצויגן מיט מער געדולט, וואָלט איך מיך מיט דער צייט געקאָנט אויסבעסערן. אָבער אויף דעם, ווייזט אויס, איז נישטאָ צו האָפן, און דאַריבער טאַקע, איז נישטאָ מער וועגן דעם צו רעדן"... ווען מען וואָלט זיך צו אים בעסער באַצויגן! אָבער צו דעם האָט זיך זיין גוט און איבערגעגעבן ווייב, וואָס האָט מיט אים חתונה געהאַט צוליב דעם, כדי צו ראַטעווען זיין נשמה פון אַ זיכערן טויט, — אַרויסגעוויזן פאַר נישט פעיק! אינם רירנדן ליד: „זיי מוחל, און אויך שוין אויף שטענדיק"... אין וועלכן ער גיסט אויס זיין האַרץ, אין אַ צייט אַרום נאָך זיין גטן זיך מיטן ווייב, איז דאָס איינציקע, וואָס ער האָט

איר פאַר — איר קאַלטע באַציונג. דאָס דאָזיקע ליד האָט ער געשריבן, באַגייסנדיק זיך מיט ביטערע טרערן, אין מאָמענט פון אַ פייניקנדיקער בענקשאַפט נאָך זיין פאַרלוירענעם פאַמיליע-גליק, וואָס וועט זיך צו אים שוין מער נישט צוריקקערן...

בייראָנס פאַמיליע-אומגליק האָט געדינט אַ סך פון זיינע שׂונאים, פאַר אַ גוט מיטל צו אַ נייעם אָנפאַל אויף אים. אצונד האָבן שוין הויך געזידלט דעם פּאָעט אפילו די יעניקע, וועלכע האָבן ביז איצט נישט געהאַט די דרייסטקייט אָפן קעגן אים אַרויסצוטרעטן. מ'האָט דערציילט, אַז דער פּאָעט איז זיך באַגאַנגען מיט זיין פרוי אויפן אוממענטשלעכסטן אופן; אַז ער האָט כלומרשט מיט איר חתונה געהאַט, נאָר צוליב דעם, כדי זיך נוקם צו זיין אָן איר, פאַרוואָס זי האָט אים ביים ערשטן מאָל אָפּגעזאָגט; אַז ער זאָל זי האָבן געסטראַשעט מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, ווען זי איז געלעגן אין בעט; אַז ער פלעגט אויך אין דער אָנוועזנהייט פון זיין פרוי אויפנעמען ביי זיך זיין געליבטע, עפּעס אַן אַקטיאָרין, און אַז. וו. אין דעם אַלעם איז אָבער נישט געווען קיין טראָפּן אמת, און דאָס אַלץ האָבן גערן געגלויבט אפילו די יעניקע, וועלכע האָבן אים, אינגאַנצן מיט דריי יאָר צוריק, שיער נישט פאַרגעטערט.

אויף די אַלע אָנפאַלן האָט בייראָן נישט געענטפערט; ער האָט אויך נישט אָפּגעלייקנט די אַלע פאַלשע און באַליידיקנדיקע קלאַנגען. ער האָט אויך דאָס מאָל געהאַלטן פאַר גלייכער אויפצונעמען דעם שטורם פון דער אומגערעכטער געזעלשאַפטלעכער אויפרעגונג מיט אַ שטאָלץ און פאַראַכטנדיק שווייגן. נאָר בלייבן לענגער צווישן זיינע לאַנדסלייט, איז שוין נאָכדעם פאַר אים געווען אוממעגלעך. דעריבער האָט דער גרויסער פּאָעט באַשלאָסן אַ צווייט מאָל צו פאַרלאָזן זיין געבורטס-אָרט, און אַצינד — שוין אויף שטענדיק.

VI

אינם פרייוויליקן גלות.

די איינציקע פערזאָן, מיט וועלכער בייראָנען איז אַ שאָד געווען זיך צו שיידן, פאַרלאָזנדיק דאס געבורט-אָרט, איז געווען זיין שוועסטער אויגוסטע. בייראָן האָט ביזן סאַמע טויט, מיט איר געפירט אַ געטרייע קאָרעספּאָנדענץ. די שוועסטער האָט פאַר אים געדינט אַלס פאַרמיטלערין אין אַלע פאלן, ווען אים פלעגט נאָר אויסקומען זיך נאָך עפּעס צו ווענדן צו דער מאַדאַם בייראָן, און פון איר איז ער געוויינלעך געוואָרן וועגן זיין קליין טעכטערל אַדע, וועגן וועלכעס ער האָט זיך שטענדיק נאָכגעפרעגט מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט. בייראָנס אויסערגעוויינלעכע הייסע ליבע צו אויגוסטען האָט געגעבן די געלעגנהייט זיין פרוי, אים צו באַשולדיקן אין נאָנטע באַציונגען מיט זיין שוועסטער. נאָר דער אמתער באַוויז, אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג איז נישט אמת, און אַז זי איז בלויז געווען אַ פּראָדוקט פונם נישט נאָרמאַלן צושטאַנד, אין וועלכן די מאַדאַם בייראָן האָט זיך געפונען אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן, קאָן אויך דינען דאָס, וואָס אפילו נאָכן גטן זיך מיט איר זענען די באַציונגען פון דער לעצטער צו זיין שוועסטער, נאָך ווייטער

געווען זייער פריינטלעכע, און זענען אזעלכע אויך פארבליבן אין משך פון אן עטלעכע יאר נאך זיין טויט.

בייראן האט זיך געזעגנט מיט זיין שוועסטער דעם 16-טן אפריל 1816, און דעם 25-טן איז ער שוין געווען אין וועג קיין בעלגיע. דעם 26-טן אפריל איז דער פאעט אנגעקומען קיין אסטענדע, פונוואנען ער איז אפגעפארן קיין ברוסעל אין זיין אייגענער קארעטע. א באזונדערע קארעטע האט געפירט דריי באדינער פון פאעט און זיין באגאזש. אין בעלגיע האט בייראן באזוכט דאס ארט, אויף וועלכן עס איז דא נישט לאנג פארגעקומען די וואטערלאער שלאכט, ווו ער האט אנגעשריבן די בארימטע פערזן, וואס האבן זיך אנגעהויבן מיט די ווערטער:
„Stop, for the tread is on an ampire’s dust“ *).

פון בעלגיע איז ער מיטן ריין אפגעפארן קיין באזעל, און פון דארט דורך בערן און לאזאן קיין גענעווע, ווו ער האט געטראפן א צווייטן בארימטן ענגלישן פאעט שעלי, וועלכער איז אויך, ווי ער, געווען אין אן אפענער און נישט נאכגיביקער קריג מיט זיינע לאנדסלייט. די נארישע קלאנגען צוליב בייראנס פאמיליע-סקאנדאל האבן שוין באוויזן אין דער דאזיקער צייט צו דערגרייכן אויך קיין גענעווע, און ווען דער פאעט איז דארט אהין אנגעקומען, האט ער שוין געפונען די גאנצע ארטיקע געזעלשאפט אנגעלאדנט קעגן זיך. אבער די פיינטלעכע באציונג פון דער גענעווער אריסטאקראטיע האט נישט איבעריק בייראנען באאומרויקט. ער האט זיך באמיט אין דער צייט פון זיין פארברענגען אין דער שווייץ צו לעבן, ווי ווייט מעגלעך, פונדערווייטנס פון יעדער געזעלשאפט און, ווי פריער, אויסגעמיטן יעדע באגעגעניש מיט זיינע לאנדסלייט. די לעצטע האבן אין פונדעסטוועגן נישט אויסגעמיטן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס זיי האבן אויף אים געקוקט, ווי אויף עפעס א בייז אנשי-

*) שטיי, דו טרעטסט מיט דיינע פיס דעם שטויב פון דער אימפעריע.

קעניש. די ענגלישע לעדיס פלעגן נישט איינמאָל פאַלן
אין חלשות, ווען זיי האָבן זיך אומגעריכט מיט בייראָנען
געטראָפן, און זייערע מענער פלעגן זיך אָפקערן מיט שרעק, טרעבּ-
דיק זייער גרויסן לאַנדסמאַן. נאָר אי די אי יענע האָבן קיינ-
מאָל נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אויפן פּאָעט א קוק צו
טון, כאָטש דורכן פענסטער אָדער דורך די לאָרנעטע, שוין
נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט
יעדער קלייניקייט פון זיין פריוואט לעבן, און פאַרשטייט זיך,
אַז איבערהויפּט צוליב דעם, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט נאָך
מערער אויף אים צו ריידן.
כדי פטור צו ווערן פון דער חוצפּהדיקער נייגעריקייט פון
זיינע לאַנדסלייט, האָט בייראָן געמוזט זייער שנעל פאַרלאָזן דעם
האָטעל און זיך איבערציען אין אַן אָפּגעזונדערטער ווילע.
אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. דער באַלעבאָס פון האָ-
טעל, נישט וועלנדיק שטערן זיינע איינוווינער אין פאַרגעניגן צו
קוקן אויפן פּאָעט אפילו אויך דעמאָלט, ווען יענער האָט זיך
פון אים אַרויסגעצויגן, האָט ער זיי פאַרזאָרגט מיט ספּעציעלע
שפּאַקטיוון, דורך וועלכע זיי האָבן געקאָנט, זיצנדיק אויפן באַל-
קאָן פון האָטעל, זען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין בייראָנס
ווילע. דעמאָלט האָט זיך דער פּאָעט שוין אין גאנצן דער-
ווייטערט פון האָטעל און זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער ווילע,
וואָס איז געווען באַשיצט פון די נייגעריקע בליקן מיט געדיכטע
ביימער. צוגלייך מיט אים האָט זיך אויך שעלי מיט זיין פאַ-
מיליע איבערגעצויגן. ביים לעצטן האָט אין דער זעלבער צייט
געוווינט דאָס פריילין קלער, זיין ווייבס שוועסטער. דאָס דאָ-
זיקע מיידל איז געווען פאַרליבט אין בייראָנען. ער האָט זיך
מיט איר באַקאַנט נאָך אין ענגלאַנד, פאַר זיין אָפּפאָרן פון דאָרט,
און צוליב אים טאַקע איז זי דאס געקומען קיין גענעווע. די
פרוכט פון דער דאָזיקער נישט לאַנגער ליבע פון פּאָעט איז
געווען זיין טעכטערל אַלעגרע, וועלכעס איז געבוירן געוואָרן אין

פֿנהייב יאָר פֿון 1817 אין לאָנדאָן. פֿון דער צייט אָן ווי ביי־
ראָן האָט זיך איבערגעצויגן אין דער דאָזיקער ווילע, פֿלעגט
ער אָפֿט זיין ביי שעלין, און כמעט פֿאַרברענגט זיין גאַנצע
פֿרייע צייט אין דער געזעלשאַפֿט פֿונם חבר־פּאָעט. זיי פֿלעגן
צוזאַמען אַלע טאָג מאַכן שפּאַצירן איבער דער אָזערע און עקס־
קורסיעס — איבער די געגנטן פֿון גענעווע. בעת זייער שפּאַ־
צירן פֿלעגן די פּאָעטן שמועסן וועגן פּאָעזיע און זיך מתוכח
געווען וועגן פֿאַרשידענע פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגן. שעליס פּאַנ־
טעיזם האָט דעמאָלט געמאַכט א גענוג שטאַרקן איינדרוק אויף
בייראָנען, וואָס דאָס האָט זיך טיילווייז אָפּגעשפּיגלט אויף זיין
„מאַנפֿרעד"; אָבער דער דאָזיקער איינדרוק האָט נישט לאַנג אָנ־
געהאַלטן. די פּאָעטן האָבן אויך צווישן אַנדערעס באַזוכט דעם
שילאָנער שלאָס, וואָס איז טאַקע פֿון דאַמאָלט אָן געוואָרן באַ־
רימט. אויף צוריקוועגס פֿון שילאָן האָט זיי אָנגעטראָפֿן אַ
שטאַרקע כמאַרע און זיי האָבן געמוזט בלייבן גאַנצע צוויי טעג
אין דאָרף אושי, צוליבן אָן אויפֿהערלעכן גאָס־רעגן. די דאָ־
זיקע צוויי טעג האָט בייראָן אויסגענוצט אויף אָנצושרייבן דעם
„שילאָנער צרעסטאַנט" און צו פֿאַרענדיקן דאָס דריטע ליד פֿון
„טשיילד האַראָלד", וועלכעס ער האָט נאָך אָנגעהויבן בעת דער
רייזע איבערן ריין. אין דער צייט פֿון זיין פֿאַרברענגען אין
דער שווייץ האָט דער פּאָעט באַזוכט די באַרימטע מאַדאַם סטאַל
אין איר פּרעכטיקער ווילע, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף די
ברעגן פֿון לעמאַן, אין דאָרף קאָפּע. ער איז מיט איר געווען
גוט באַקאַנט נאָך פֿון לאָנדאָן. ווען די באַרימטע פֿראַנצויזין
האָט צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט זיין רירנדיק ליד „זיי
מוחל", וועלכעס ער האָט אָנגעשריבן אַ געוויסע צייט נאָכן גטן
זיך מיטן ווייב, האָט זי אויסגעשריגן: „ווי וואָלט איך דאָס גע־
וואָלט זיין אויפֿן אָרט פֿון דער לעדי בייראָן!" אַצינד, ווען
די פֿרוי סטאַל האָט זיך מיט אים געטראָפֿן אין דער שווייץ,
האָט זי אים שטאַרק אָנגערעדט, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ שלום־

בריוו צו זיין ווייב. בייראָן האָט לאַנג אויף דעם נישט גע־וואָלט מסכּים זיין, נאָר לסוף האָט ער איר נאָכגעגעבן. אַלס ענטפער אויף בייראָנס פאָרשלאַג צו מאַכן שלום, איז געקומען א טרוקענער און לאַקאָנישער אָפּזאָג, וואָס האָט טיף דעם פּאָעט באַליידיקט, נאָך וואָס טאָקע זיין באַציונג צום ווייב האָט זיך מיט איינמאָל געענדערט, און אין זיינע קומענדיקע שאַפונגען האָט ער שוין מער נישט געהאַלטן פאַר נויטיק זי צו שוינען.

אין סוף אויגוסט זענען שעלי מיט זיין פרוי און דאָס פריילין קלער אָפּגעפאָרן קיין ענגלאַנד, און בייראָן איז געבליבן אין גענעווע אַליין. אָבער זיין איינזאַמקייט האָט נישט לאַנג געדויערט. שוין אין אָנהייב סעפּטעמבער האָט ער געהאַט דאָס פאַרגעניגן אָרומצונעמען זיינע אַלטע חברים און פריינט דעוויסן און האָבהויזען, וועלכע האָבן אים געבראַכט די פרישסטע נייעס פון זיין געבורטס-אָרט. אין סוף סעפּטעמבער האָט דער פּאָעט צוזאַמען מיט האָבהויזענען געמאַכט א דרייסיק-טאָגיקע נסיעה איבער די בערגער אַלפּן. באַלד נאָכדעם האָט ער, אונטערן נאָך פרישן איינדרוק, וועלכן עס האָט אויף אים געמאַכט די גרויסאַרטיקע נאַטור פון דער שווייץ, אָנגעהויבן צו שאַפן זיין גרויסן „מאַנפרעד". אין משך פונם זומער, וואָס בייראָן איז געווען אין דער שווייץ, האָט ער זייער פיל געאַרבעט. א חוץ דאָס דריטע ליד פון „טשיילד האַראָלד", דעם „שילאָנער אַרעס־טאַנט" און דעם אָנהייב פון „מאַנפרעד", האָט דער פּאָעט אין דער זעלבער צייט אָנגעשריבן: „א חלום", „פינסטערניש", „די אָזערע לעמאַן", „פּראָמעטעי" און „די סטאַנסן צו אויגוסטען".

אין אָנהייב אָקטאָבער האָט ער פאַרלאָזט די שווייץ, און אין דער באַגלייטונג פון זיין פריינט האָבהויז אָפּגעפאָרן קיין אי־טאַליע. באַזוכנדיק מילאַן און וועראָנע, איז דער פּאָעט אין אָנ־הייב נאָוועמבער אָפּגעפאָרן קיין ווענעציע, וווּ ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אויף א לענגערע צייט. אין זיין ערשטן בריוו פון דער דאָזיקער שטאָט, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אינגאַנצן אין עטלעכע טעג אַרום נאָך זיין אָנקומען אַהין, לייענען מיר

צווישן אַנדערעס אויך פאָלגנדעס: „...אַ חוץ דעם האָב איך זיך פאַרליבט, און דאָס טאַקע איז דאָס בעסטע אָדער דאָס ערגסטע, וואָס איך האָב געקאָנט טון. איך האָב אַ זייער גוטע וווינונג אין הויז פון איינעם אַ „ווענעציאַנער סוחר", וועלכער איז שטענדיק פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און האָט אַ 22-יעריק ווייבל, מיטן נאָמען מאַריאַנע, וועלכע דערמאָנט זייער מיט איר אויסערלעכקייט אין אַן אַנטילאָפּ. זי האָט גרויסע, שוואַרצע, אָריענטאַלישע אויגן מיט דעם באַזונדערן אויסדרוק, וועלכן מען טרעפט זעלטן ביי די אייראָפּעישע פרויען"...

אַזעלכער איז געווען בייראָנס דעביוט אין ווענעציע. אין אַ בריוו צו זיין פאַרלעגער פון 2-טן יאַנואַר 1817, האָט דער פּאָעט אויף פאָלגנדן אופן באַשריבן די זיטן, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין דער שטאָט פון „קאַנאַלן און שיפלעך": אַ פרוי רעכנט זיך דאָ פאַר אַ צניעה, אויב זי באַגרענעצט זיך מיט איר מאַן און מיט איין געליבטן; די, וואָס האָבן צוויי, דריי און מער געליבטע, רעכענען זיך שוין אַ ביסל פאַר פ ל אַ-ט ע ר-ק ע פּ... עס איז אומגעהייער שווער אויפצווייזן אַ היגע פרוי, אַז עס איז גאָר נישט יושרדיק פון איר זייט, וואָס זי האָט אַ געליבטן. מען קוקט דאָ, ווי אויף אַן עבירה נאָר דעמאָלט, ווען די פרוי היט זיך מיט איר געליבטן אָדער, ווען די צאָל געליבטע איז מער פון איינעם"... ביי אַזאַ צושטאַנד פון די אָרטיקע זיטן, איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דער קבלת-פּנים, וואָס מ'האָט דעם פּאָעט געמאַכט אין ווענעציע, איז לגמרי נישט ענלעך געווען צו דעם, וואָס אין גענעווע. די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען האָבן זיך מיט אַמאָל געעפנט פאַרן ענגלישן לאָרד און פּאָעט, וועלכער איז אין אַ קורצער צייט אויך געוואָרן די קרוין פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט.

וועגן בייראָנס אַרט לעבן אין די ערשטע חדשים פון זיין פאַרברענגען אין ווענעציע, לייענען מיר אין זיין בריוו צו מורן פון 24-טן דעצעמבער 1816 פאָלגנדעס: „איך פיר דאָ אַ זייער

דרעגולער לעבן. אין די פרימאָרגנס פאָר איך אויף מיין שיפל אין קלויסטער פון הייליקן לאַזאַר, ווו איך שמועס מיט די אַרמענער מאָנאַכן און העלף זיי אין צונויפשטעלן אַן ארמעניש-ענגלישע גראַמאַטיק. אין די אָוונטן ווידער פאַרברענג איך אין טעאַטער אָדער גאָר אויף עפּעס א ראַוט. דעם נעכטיקן אָוונט האָב איך פאַרבראַכט אויף אַ ראַוט ביים גובערנאַטאָר; עס איז דאָ, פאַרשטייט זיך, געווען די גאַנצע סמעטענע פון דער היגער געזעלשאַפט"... אין קאַרנאַוואַל פון יאָר 1817 האָט בייראָן גענומען אַ זייער אַקטיוון אַנטייל, אַ דאַנק וואָס ער איז קראַנק געוואָרן אויפן פיבער, וואָס איז דעמאָלט אומגעגאַנגען אין וועגעציע. בעת זיין קראַנק זיין איז אַרום אים אומגעגאַנגען זיין פאַרליבטע מאַריאַנע; פון דאָקטוירים און רפואות האָט ער זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט, און טאַקע דאָס האָט ער שפּעטער צוגעשריבן זיין געזונט ווערן. קוים פּטור ווערנדיק פון דער קרענק, האָט דער פּאָעט אונטערגענומען אַ רייזע קיין רוים; אין וועג האָט ער באַזוכט פעראַרע, ווו אַ באַגייסטערטער פונם אָנבליק פון דער תּפיסה, אין וועלכער עס איז אַמאָל געזעסן אַ גרויסער איטאַליענישער פּאָעט, האָט ער אָנגעשריבן „טאַסאָ'ס קלאָג". נאָך פעראַרע האָט דער באַרימטער טוריסט באַזוכט פלאָרענץ, וועלכע האָט אים פאַרכשופט מיט אירע פּרעכטיקע בילדער-גאַלעריען. אין רוים איז ער אָנגעקומען אין אָנהייב מאַי. די קורצע צייט, וואָס ער האָט דאָרט פאַרברענגט, האָט בייראָן אויסגענוצט אויף צו באַזוכן די באַרימטע מערקווירדיקייטן פון דער גרויסער שטאָט און זיינע געגנטן, און אויף איבערצואַרבעטן דעם 3-טן אַקט פון „מאַנפרעד". אין אָנהייב יוני האָט ער זיך שוין צוריקגעקערט קיין ווענעציע, ווערנדיק אויפגענומען דורך זיין מאַריאַנען, נאָך וועלכער ער האָט נישט אויפגעהערט צו בענקען די גאַנצע צייט פון זיין פאַרברענגען אין רוים. אין ווענעציע האָט ער זיך אַצינד איבערגעצויגן אין זיין אייגענער וווינונג, אין דער פּרעכטיקער ווילע „לאַ-מיראַ", וואָס האָט זיך געפונען אין דער

נאָנטסטער געגנט פון דער שטאָט. מאַריאַנע האָט מיט אים געוווינט מיטן וויסן פאַר איר מאַן, וועלכער האָט פון צייט צו צייט באַקומען פון דער דאָזיקער „געפעליקייט" גענוג גרויסע סומעס געלט. אינם אָרט לעבן פון פּאָעט איז אויך פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג. ער האָט אַ באַדייטנדע טייל פון טאָג איצט געווידמעט דאָס שפּאַצירן רייטנדיק, אַליין אָדער אין דער באַגלייטונג פון אַ פריינט. די דאָזיקע שפּאַצירן זענען געווען דער באַיעקט פון דער שטענדיקער נייגעריקייט מצד זיינע לאַנדסלייט, וועלכע פלעגן אים אין גאַנצע מחנות אָפּוואַרטן יעדן טאָג אויף דעם דאָזיקן אָרט, וווּ ער פלעגט געוויינלעך טוישן דאָס שיפל אויף אַ פערד, און פאַרקערט. דער פּאָעט פלעגט שטענדיק האָבן גרויס פאַרגעניגן, ווען אים פלעגט זיך איינגעבן אָפּצונאַרן זיין עולם, וואָס פלעגט אים אָפּוואַרטן, און זיך אַרויסדרייען פון אים אומבאַמערקט.

אין אָנהייב פון יאָר 1818 האָט בייראָן ענדלעך צוריק אָפּגעשיקט מאַריאַנען צו איר מאַן און דערנאָך — זיך איבערגעצויגן פון דער הינטער־שטאָטישער ווילע אינם פיינעם פּאַלאַץ, וואָס ער האָט זיך געדונגען אין צענטער שטאָט. אין קאַרנאַוואַל פון דעם דאָזיקן יאָר האָט ער גענומען אַ נאָך מער אַקטיווערן אנטייל, ווי אין פאָריקן, און פון דער דאָזיקער צייט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקסטע תקופה פון זיין פאַרברענגען אין ווענעציע. די צו גרויסע פרייהייט און די אומגעהייערע נאָכגיביקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, האָט פונם סאַמע אָנהייב אָן באַלד געהאַט אַ שעדלעכן איינפלוס אויף דער ליידנשאַפטלעכער, נישט איינגעהאַלטענער נאַטור פונם פּאָעט. ביז וואַנען בייראָן האָט געוווינט מיט מאַריאַנען, איז ער נאָך פונדעסטוועגן געבליבן אויף דער הויך פון די פאָדערונגען פון דער אָרטיקער מאָראַל, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך מיט דער פרוי פונם „ווענעציאַנער סוחר" צושיידט, האָט ער שנעל אָנגעהויבן צו זינקען אינם סאַמע אָפּגרונט פון אויסגעלאַסנקייט און

איז לסוף צוגעקומען צו דעם, דאָס אַפּילו די ווענעציאַנער זענען
געווען שאָקירט דורך זיין אַרט לעבן. בייראָן האָט אָנגעהויבן
צו טוישן זיינע געליבטע שיער נישט יעדן טאָג, און דערצו נאָך
האָט ער זיי גענומען פון די סאַמע נידריקסטע שיכטן פון דער
װענעציאַנער געזעלשאַפט. זיין פּרעכטיקער פּאַלאַץ אויפן גרויסן
קאַנאַל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַרעם, ווו, אַרומגע-
רינגלט פון א מחנה געפאַלענע פרויען, פלעגט ער גאַנצע נעכט
פאַרברענגען אין הוליען און אין שכרות. די דאָזיקע ווילדע אויס-
געלאַסנקייט פון פּאָעט אין די ערשטע יאָרן פון זיין פאַרברענ-
גען אין איטאַליע, דערקלערט זיך אויך אויף אַ געוויסער שטופּע
מיט זיין דעמאָלסטיקן צושטאנד. ער האָט זיך נאָך אַלץ געפו-
נען אונטער דעם פייניקנדן איינדרוק פון זיין פּלוצלינג צושטערטן
פאַמיליע-גליק און האָט דאָס געוואָלט פאַרגעסן אינם דאָזיקן אומנאָר-
מאַלן ארט לעבן. לסוף האָט ער נאָך געפילט א שרעקלעכע
באַליידיקונג, וואָס זיינע לאַנדסלייט האָבן אים פאַרשאַפט, און
געוואָלט זיי ווייזן מיט זיין אויפפירונג, ווי טיף ער האָט פאַראַכ-
טעט זייער מיינונג וועגן אים. אין דער דאָזיקער צייט האָט זיך ביי-
ראָן אויך אָפּגעזאָגט פון זיין דיעטע, אַ דאַנק וואָס ער האָט
שנעל אָנגעהויבן צו ווערן דיק און אָנצווערן זיין שיינקייט. אין
אַ בריוו צו זיין פאַרלעגער פון 6-טן אַפּריל 1819, ד. ה. נאָך
צוויי יאָר פון אזאַ אַרט לעבן, האָט ער אויף פאָלגנדן אופן
באַשריבן דעם צושטאַנד פון זיין געזונט. „איר פרעגט מיך וועגן
געזונט? אין אָנהייב פון דעם יאָר האָב איך מיך געפונען אין אַ
צושטאַנד פון אַ שרעקלעכער ערשעפּונג אין די כוחות און האָב
שטאַרק געליטן אויפן מאָגן. איך בין געווען געצוווּנגען זיך
אָפּצוזאָגן פון פריערדיקן אַרט לעבן, וואָס האָט מיך שנעל צום
קבר דערנעענטערט. איך בין ערשט געוואָרן בעסער אי אין גע-
זונט, אי אין דער אויפפירונג".

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין משך פון דעם דאָזיקן
טרויעריקן פעריאָד פון בייראָנס לעבן אין ווענעציע, אין דער

צייט, ווען זיין קערפּער איז וואָס אַמאָל מער געוואָרן צושטערט, איז זיין געני נישט נאָר געוואָרן בלאַסער און שוואַכער, נאָר פאַרקערט, ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיין אַנטוויקלונג. בייראָן האָט אין דער דאָזיקער צייט געאַרבעט נאָך מיט אַ גרעסערער ענערגיע ווי פריער, און די צאָל זאַכן, וואָס ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן, איז אין דער אמתן איבעראַשנד. צו דער דאָזיקער תקופה געהערן אַזעלכע באַדייטנדע ווערק, ווי דאָס פירטע ליד פון „טשיילד האַראָלד", „מאַנפרעד", די ערשטע לידער פון „דאָן זשואַן", „בעפּאָ" און „מאַזעפּע". דאָס פירטע און לעצט ליד פון „טשיילד האַראָלד", וואָס איז געווידמעט איטאַליע, איז דורכן פּאָעט פאַרענדיקט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1817 און איז אַרויס פון דרוק אין אָנהייב 1818.

„די דאָזיקע טייל פון „טשיילד האַראָלד" — זאָגט בייראָנס ענגלישער ביאָגראַף, דער פּראָפ. ניקאָלס, — האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן דעם גאַנצן ריזיקן טאַלאַנט פון פּאָעט. ווען בייראָנס ליטעראַרישע קאַריערע וואָלט זיך געענדיקט מיט זיין אָפּפאָרן פון ענגלאַנד, וואָלט מען אים געדענקט אין משך פון איין יאָרהונדערט, אַלס אַ מחבר פון עטלעכע מעלאָדישע פּאָעמעס, פון אַ קלוגער סאַטירע, פון אַ פּאָעטישן רייזע-טאָגבוך, ווו עס שיינט אַרויס דער גלאַנץ פון אַ געניע, און אַ גאַנצע רייע פון באַצויבערנדיקע פּאָעטישע דערציילונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אָבער דאָס דריטע און פירטע ליד פון „טשיילד האַראָלד" האָבן אים אוועקגעשטעלט אויף אַ צווייט אָרט: אויפן אָליימפּ פון דער ענגלישער דיכטונג.

און אָט ווי דער באַרימטער געטע האָט זיך אָפּגערופן וועגן צווייטן גרויס ווערק פון בייראָנען, וואָס האָט זיך באַוויזן אין זעלבן יאָר, וואָס דאָס לעצטע ליד פון „טשיילד האַראָלד". בייראָנס טראַגעדיע „מאַנפרעד" איז פאַר מיר געווען אַ וווּנדער-לעכער פענאָמען און אַ זעלכער, וואָס האָט אַ גרויסן שייכות מיט מיר. דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער געני האָט גענומען מיין

„פֿאַוסט" און פֿון אים אַרויסגענומען דאָס רייכסטע שפּייז פֿאַר זיין מרה-שחורהדיקן צושטאַנד. ער האָט זיך באַנוצט מיט זיינע גרונט-אידייען פֿולשטענדיק אייגנאַרטיק, פֿאַר זיינע אייגענע צילן, אַזוי, אַז נישט איינער פֿון זיי איז נישט געבליבן דער זעלבער, וואָס איז געווען, און אָט טאַקע פֿאַרוואָס איך קאָן מיך נישט גענוג אָפּוווּנדערן. ער האָט געמאַכט פֿון מיין „פֿאַוסטן" אויף אַזאַ שטופּע אַ פֿולשטענדיק ניי ווערק, אַז עס וואָלט געווען אומגעהייער אינטערעסאַנט פֿאַרן קריטיקער צו דערקלערן נישט נאָר די ענדערונגען, וואָס ער האָט דורכגעפֿירט, נאָר אויך די מדרגה פֿון זייער ענלעכקייט אָדער זייער אונטערשייד פֿון אָריגינאַל".

די מערהייט קריטיקער פֿון יענער צייט, האָבן אויך, ווי געטע, געקוקט אויף „מאַנפֿרעד" נאָר ווי אויף אַן אומגעווײנלעך געניאַלע נאָכמאַכונג „פֿאַוסטן". נאָר בייראָן האָט דאָס דאָזיקע אָפּגעלייקנט. „איך האָב קיינמאָל געטעס „פֿאַוסט" נישט געלייענט — האָט ער אין יוני פֿון 1820 געשריבן זיין פֿאַרלעגער, ווייל איך קען נישט די דייטשע שפּראַך. נאָר אין יאָר 1816 האָט מיר מ. לויס איבערגעזעצט אַ גרויסע טייל פֿון אים, און איך בין, פֿאַרשטייט זיך, געווען שטאַרק איבערראַשט. אָבער נאָר שטויבאַך און יונגפֿרוי, און נאָך עפּעס, האָבן אויף מיר פֿיל מער, ווי „פֿאַוסט" געווירקט אָנצושרייבן „מאַנפֿרעד". איבעריקנס, דאָס ערשטע בילד פֿון מיין טראַגעדיע איז, ווירקלעך, זייער ענלעך צום בילד אין „פֿאַוסט"...

אין דער צייט פֿון קאַרנאַוואַל פֿון יאָר 1819 האָט בייראָנס אויסגעלאַסנקייט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופּע; ווייטער האָט זי שוין נישט געקאָנט גיין. ער איז געווען אויף אַזוי פֿיל אויסגעמאַטערט, אַז ער איז שוין נישט געווען בכוח צו מאַכן זיינע באַליבטע שפּאַצירן רייטנדיק אָדער אויפֿן שיפֿל. די פֿיס האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן, די הענט — בלאַס און דורכזיכטיק, די האָר אויפֿן קאָפּ זענען אים כמעט אינגאַנצן גראָ

געוואָרן, און דער מאָגן — אויף אַזאַ שטופּע קאַליע, אַז ער איז שוין נישט געווען אַ משטאַנד נישט צו עסן, נישט צו טרינקען. אים איז אויסגעקומען, ווילנדיק נישט ווילנדיק, צוריקצוקערן צו דער פריערדיקער איינגעהאַלטנקייט און שטרענגער דיעטע. נאָך וואָס זיין געזונט האָט זיך שנעל אָנגעהויבן צו בעסערן, אין דאָס פּנים איז ווי פריער געוואָרן שיין.

ווערנדיק אן אָפטער באַזוכער פון די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען פון ווענעציע, האָט זיך בייראָן אין איינעם פון זיי באַקאַנט—אין אָנהייב אַפּריל 1819—מיט דער גרעפין גיוטשיאָלי, און די ליבע, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט, האָט געהאַט אַ זייער גוטן איינפלוס אויפן גאַנצן קומענדיקן לעבן פון פּאָעט אין איטאַליע. ווען די גרעפין גיוטשיאָלי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען בייראָנען, איז זי נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע 17 יאָר. דאָס איז געשען סך-הכל זעקס חדשים נאָך איר חתונה האָבן מיטן גראַף גיוטשאָלי, וועלכער איז געווען מער ווי דריי מאָל עלטער פון איר, און פאַר וועלכן מ'האָט זי אויסגעגעבן באַלד נאָכן אַרויסגיין פון קלויסטער, ווו זי האָט זיך דערצויגן. די אומגעהייערע שיינקייט פון פּאָעט, זיין הויכע אָפּשטאַמונג און זיין שטאַרקער רום האָבן נישט געקאָנט נישט מאַכן באַלד ביים ערשטן מאָל אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער יונגער און נאַיווער גרעפין, און דעריבער איז נישט קיין חדוש, וואָס זי האָט נאָך אַן עטלעכע מאָל זיך זעען און רעדן מיט אים, זיך ליידנשאַפטלעך אין אים פאַרליבט. דאָס איז געווען איר ערשטע ליבע. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט אויך בייראָן, נאָך אַ צוויי-יעריקער, ווילדער אויסגעלאַסנקייט און לעבן אין דער געזעלשאַפט פון נידעריקע און געפאַלענע פרויען, נישט געקאָנט נישט ווערן באַצויבערט פון דער רייכער און פרישער שיינקייט פון דער יונגעטשקער גרעפין. דאָס איז שוין געווען די לעצטע ליבע פון פּאָעט, וואָס איז הגם געווען ווינציקער ראָמאַנטיש און ליידנשאַפטלעך פון די

פריערדיקע, נאָר דערפאַר — אַ מער דויערהאַפטיקע און גליק־
לעכע.

אין סוף אַפּריל, ד. ה. אין קנאַפּע דריי וואָכן נאָך איר
טרעפן זיך מיט בייראָנען, איז דער גרעפין גיוטשיאָלי אויסגע־
קומען זיך מיט אים צו שיידן און אָפּפאָרן מיטן מאַן קיין ראַ־
ווענע. דאָס צושיידן זיך מיטן פּאָעט איז געווען אַזוי שווער
פאַר דער גרעפין, אַז זי האָט אויפן וועג דריי מאָל געחלשט
און פון יעדער סטאַציע האָט זי אים געשריבן בריוו, זיך בעט־
נדיק ביי אים, ער זאָל באַלד נאָר איר נאָכפאָרן. נאָכן אָנ־
קומען קיין ראַווענע, האָט זי זיך באַלד געלייגט אין בעט אריין
און ביי איר האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון שווינד־
זוכט. געוויר ווערנדיק וועגן דעם, איז בייראָן צו איר באַלד
אַוועקגעפאָרן און האָט באַוויזן, צייט עטלעכע טעג, אָן דער הילף
פון רפואות זיין געליבטע פולשטענדיק אויסצוהיילן. פאַרברענ־
גענדיק צוויי חדשים אין ראַווענע, איז ער דערנאָך אָפּגעפאָרן
צוזאַמען מיט דער גרעפין און איר מאַן קיין באָלאָן. די באַ־
ציונגען פון גראַף גיוטשיאָלי צו זיין ווייבס געליבטן זענען אין
משך פון דער גאַנצער צייט געווען זייער גוטע. דער אַלטער
האָט לייכטער אויפגענומען בייראָנס באַציונגען צו זיין ווייב,
ווייל אַזאַ דערשיינונג איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע אין
איטאַליע אין יענער צייט. יעדער פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ
מאַן, איז דעמאָלט דערלויבט געווען צו האָבן איין אָפיציעלן
געליבטן, וועלכן מ׳האָט גערופן „caralier servant“ אָדער פשוט
„amica“. פאַרברענגענדיק אַ געוויסע צייט אין באָלאָן, זע־
נען די פאַרליבטע, באַנוצנדיק זיך מיט דער אָפּוועזנהייט פון
גראַף גיוטשיאָלי, וועלכער איז געשעפטלעך געווען אין ראַ־
ווענע, אָפּגעפאָרן קיין ווענעציע אונטער דעם אויסרייד, אַז די
גרעפין האָט זיך כלומרשט גענויטיקט אין אַ באַראַטונג מיט באַ־
רימטע דאָקטוירים פון דער דאָזיקער שטאָט. אין ווענעציע האָט
זיך בייראָן אריינגעצויגן צוזאַמען מיט איר אין זיין ווילע „לאַ־

שירה", וואָס דאָס דאָזיקע האָט אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנ־קייט ביי די דאָרטיקע דאַמען, וועלכע האָבן אַזאַ מין זאַך פון עמעט געהאַלטן פאַר שוין צו חוצפהדיק. אָבער דער גראַף ביו־טשיאָלי האָט אויף דעם געקוקט גאַנץ גלייכגילטיק. ווען ער איז .בעוויר געוואָרן, אַז זיין ווייב האָט זיך צוזאַמען מיט איר געליבטן איבערגעצויגן קיין ווענעציע, האָט ער איר באַלד אָנגע־שריבן אַ בריוו, וועלכער האָט פונדעסטוועגן נישט אַנטהאַלטן קיין שום פאָרוואורף, נאָר בלויז אַ בקשה וועגן דעם, אַז זי זאָל צווערדן זיין קעגנער אים צו געבן אַן הלואה פון 1000 פונט. אָבער בייראָן האָט, אויף צו להכעיס זיינע פריינט, זיך אָפּגעזאָגט צו דערפילן דעם גראַפס פאַרלאַנג: ער איז ענדער גרייט גע־ווען זיך צו שיידן מיט זיין געליבטע, איידער מיט אַזאַ גרויסע סומע. דעמאָלט איז דער אויפגערעגטער מאַן אַליין געקומען קיין ווענעציע און שוין געפאָדערט נישט קיין געלט, נאָר דאָס ווייב. דער פאַקט האָט זיך צום גרויס פאַרוווּנדערונג פון גראַף און איבער דער ערוואַרטונג פון דער גרעפין, זיך באַצויגן צו דער דאָזיקער פאָדערונג זייער רויק און בעסער געפונען פאַר גוויטיק זיך מיט דער גרעפין צו שיידן.

נאָכדעם, ווי זי איז אָפּגעפאָרן, האָט בייראָן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן צוריקקערן אַהיים, נאָר עס איז אים זייער שווער געווען זיך אויף דעם צו באַשליסן; ער האָט אַ לאַנגע צייט זיך געשלאָגן מיט דער דעה. זיין נישט אַנטשלאָסנקייט האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו באַקומען בריוו פון ראַווענע וועגן דער קראַנקייט פון זיין גע־ליבטע. די סיבה איז געווען די, וואָס די גרעפין גיוטשיאָלי האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דאָס שיידן זיך מיט בייראָנען אויף אַזוי פיל, אַז באַלד נאָכן קומען צופאָרן קיין ראַווענע האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעט אריין. ווען איר קראַנקייט האָט אָנגעהויבן אָננעמען אַן ערנסטן כאַראַקטער, האָבן אירע

קרובים און אויך דער גראַף באַלד אָנגעשריבן צו בייראַנען אַ בריוו מיט דער בקשה, ער זאָל תיכף קומען צו פאָרן צו דער שטאַרבנדער גרעפין. דער פּאָעט האָט לאַנג נישט געוווּסט, וואָס צוטון: צי זאָל ער פאָרן צו דער געליבטער, צי אַ היים, לסוף האָט ער באַשלאָסן זיין געבורט-אָרט צו אָפּפערן, און אין האַלבן דעצעמבער 1819 איז ער אָפּגעפאָרן פון ווענעציע קיין ראַווענע. מיט זיין אָנקומען אהין האָט, פאַרשטייט זיך, דער גרעפין שנעל אָנגעהויבן בעסער צו ווערן. צו דער באַקוועמלעכקייט פון די געליבטע, האָט דער גראַף גיוטשיאָלי פאָרגעלייגט בייראָנען, ער זאָל וווינען ביי אים אין הויז. אין משך פון עטלעכע חדשים האָבן דער מאַן, דאָס ווייב און איר אָפיציעלער געליבטער געלעבט בשלום און באַקוועם אונטער איין דאַך. גאַנץ ראַווענע האָט פון גראַף גיוטשיאָלי געלאַכט אָבאָר נישט דאָס האָט אים באַזונדערס געערגערט. אים האָט שטאַרק באַמרויקט און לסוף אויך געצוווּנגען אָנצונעמען מיטלען נאָר די דאָזיקע סיבה, וואָס זיין הויז איז פון דער צייט אָן, ווי אין אים האָט זיך אַריינגעצויגן זיין קעגנער, געוואָרן אַ זאַמלפונקט פאַר אַלע בונטאָווששיקעס. אַזוי ווי דער גראַף איז אין די רעגירונגס-קרייזן געווען זייער אָנגעזען, איז אים, פאַרשטייט זיך, געווען אוממעגלעך צו האַלטן אין זיין הויז אַ מענטשן, וועמענס סימפּאַטיעס עס זענען געווען אויף דער זייט פון די קאַרבאָנאַרן*) און וועלכער האָט אויף די לעצטע געהאַט אַ באַדייטנדן איינפלוס. דעריבער האָט ער סוף כל סוף געפאָדערט פון זיין ווייב, אַז זי זאָל תיכף איר געליבטן אָפּזאָגן, און ווען זי האָט זיך אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט, האָט ער איר אָנגעהויבן צו דרויען מיט אַ גט. כדי אַרויסצוקריגן אַ גט, האָט דער גראַף געמוזט אָנקומען נאָך הילף צו אַדוואָקאַטן, אָבער זיי האָבן זיך פון דעם קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, וואָרים די געזעלשאַפטלעכע

---

*) געהיימע פּאָליטישע פּאַרטיי אין איטאַליע.

מיינונג איז געווען קעגן אים. צום גליק פאַר אַלע צדדים, האָט די גרעפין גיוטשיאָלי אַליין זיך אָנגעהויבן צו באַמיען וועגן גט, וועלכן זי האָט אויך באַקומען אין יולי 1820. איינס פון די באַדינגונגען פונם גט האָט דאָס געריכט געשטעלט, אַז די גרעפין זאָל וווינען אין הויז פון אירע עלטערן. צוליב דעם איז בייראָנען אין די ערשטע צייט, נאָכדעם, וואָס די גרעפין האָט באַקומען דעם גט, נישט איבעריק באַקוועם געווען זיך מיט איר אָפט צו טרעפן; נאָר שפּעטער איז די שטערונג פאַרשוווּנדן, און דער פּאָעט האָט זיך אַריינגעצויגן אין איין הויז מיט די קרובים פון זיין געליבטע. בייראָן האָט זיך נאָר דעמאָלט אינגאַנצן צעשיידט מיט דער גרעפין גיוטשיאָלי, ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין גריכנלאַנד. אָט דאָס איז די געשיכטע פונם לעצטן ראָמאַן אין לעבן פון גרויסן פּאָעט.

* *

*

בייראָן האָט געוווינט אין ראַווענע קנאַפּע צוויי יאָר, און פאַר דער דאָזיקער צייט, נישט קוקנדיק אויפן אַקטיוון אנטייל אין די אָרטיקע פּאָליטישע ענינים און אויף די דאגות וועגן גט פאַר דער גרעפין גיוטשיאָלי, האָט ער באַוויזן אָנצושרייבן: דריי היסטאָרישע דראַמען — „מאַרינאָ פאַליערי", „צוויי פאָסקאַרן" און „סאַרדאַנאַפּאַל"; צוויי מיסטעריעס — „קין" און „הימל און ערד"; דאָס 5-טע ליד פון „דאָן זשואַן", „דאַנטעס נביאות", „די זעונג פונם שרעקלעכן יום-הדין" און „ווערנער". וועגן בייראָנס דראַמען, פון וועלכע א גרויסע טייל איז דערשינען אין יאָר 1821, רופט זיך זיין ענגלישער קריטיקער, פּראָפ. ניקאָלס, אָפּ פאָלגנדעס: „דער לאָרד בייראָן האָט נישט באַזעסן די פעיקייטן פון אַ גרויסן דראַמאַטורג; ער האָט געהאַט זייער ווינציק קאָנסטרוקטיווע פאָרשטעלונג און איז נישט געווען אימשטאַנד צו שאַפן קיין שום גאַנצעס און פאַרענדיקטעס... זיינע אַלע אַזוי גערופענע דראַמען זענען נישט אַנדערש, ווי פּאָעמען, צוטיילט אין קאַפּיטלען". אין „מאַרינאָ פאַליערי" האָט ער געפּרווט פאָרשטעלן אַ כאַראַקטער, אינגאַנצן נישט ענלעך צו זיין

אייגענעם, און עס איז אַרויסגעקומען עפּעס גאָרנישט קיין רעאַלעס. דערפאַר איז „סאַרדאַנאַפּאַל", וואָס איז די סוביעקטיוויסטע פון זיינע אַלע דראַמען, אויך די בעסטע פון זיי. גלייכצייטיק מיט „סאַרדאַנאַפּאַל", ד. ה. אין דעצעמבער פון יאָר 1821, האָט זיך אויך באַוויזן זיין גרויסע מיסטעריע „קין". דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז געווידמעט וואַלטער-סקאָטן, האָט ביי אַ טייל ארויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע אַנטציקונג, און ביי אַנדערע — אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרדרוס. טאָמאַס מור האָט זיך וועגן „קין" אָפּגערופן, ווי וועגן „אַן איבעררַאַשנד, שרעקלעך און אומשטערבלעך" ווערק. וואַלטער סקאָט האָט אים געשטעלט אין איין ריי מיט מילטאָנס „פאַרלוירענעם גן-עדן", און שעלי האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ נייע אַנטדעקונג. געטע איז געווען אַזוי אַנטציקט מיט „קין", אַז ער האָט געראָטן די דייטשן זיך לערנען די ענגלישע שפּראַך ספּעציעל צוליב דעם, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו לייענען דאָס דאָזיקע גרויסע ווערק אין אָריגינאַל. נאָר אין דער זעלבער צייט, וואָס א טייל האָבן זיך אַזוי אנטציקט מיט דעם דאָזיקן ווערק, האָבן זיך אַנדערע וועגן דעם אָפּגערופן מיט שוים אויף די ליפּן. די מערהייט קליינע ענגלישע קריטיקער האָבן שרעקלעך דעם מחבר געזידלט, און די גרויסע, נעמענדיק אין אַכט די גרויסע ליטעראַרישע ווערטן פונם דאָזיקן ווערק, האָבן פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר נויטיק אין דער זעלבער צייט זיך ביטער צו באַקלאָגן אויף זיין אַנטירעליגיעזע טענדענץ. נישט קוקנדיק אויף דעם, איז דער דערפאָלג פונם ווערק געווען אַ קאָלאָסאַלער, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך באַוויזן אַ מאסע געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע איבערדריקונגען פון דער ערשטער אויפלאַגע.

נאָכן גט פון דער גרעפין גיטשיאָלי, איז בייראָן נאָך אַ גרויסע צייט געבליבן אין איר הויז פון איר מאַן און, צום גרויס פאַרדרוס פון לעצטן, דאָרט טיכטיק פאַרגעזעצט דאָס פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. דער פּויבסטלעכער מאַכט האָט, פאַרשטייט

זיך, שטאַרק נישט געפאַלן בייראָנס זיך אַריינמישן אין די אַר־טיקע ענינים, נאָר זי האָט מורא געהאַט אָנצוהייבן מיטן באַרימטן עגגלענדער. וועלנדיק דורכאויס פון אים פטור ווערן, האָבן זיי זיך געכאַפּט פאַר פאָלגנדער טאַקטיק: די רע־גירונג האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן אַרויסטרייבן די פאַ־מיליע האַמבאָוו, ד. ה. די קרובים פון דער גרעפין גיוטשיאָלי, זייענדיק פולשטענדיק זיכער, אַז דער פאָעט וועט נישט איבער־בלייבן אין ראַוועננע נאָכדעם, ווי זיין געליבטע, וועלכע איז גע־ווען פאַרפליכטעט צו וווינען ביי אירע קרובים, וועט אויך מיט זיי ארויספאָרן. די האָפנונגען פון דער רעגירונג האָבן זיך פולשטענדיק פאַרווירקלעכט. די פאַמיליע האַמבאָוו איז צוזאַמען מיט דער גרעפין גיוטשיאָלי אַרויסגעפאָרן פון ראַוועננע אין מיטן יולי 1821, און בייראָן, איבערבלייבנדיק צו להכעיס דער רעגירונג נאָך אַ עטלעכע חדשים, איז אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר אַרויסגעפאָרן צו דער געליבטער קיין פיזע.

וועגן לעבן פון פאָעט אין דער דאָזיקער נייער שטאָט לייענען מיר ביי איינעם פון זיינע נייסטע ענגלישע ביאָגראַפן פאָלגנדעס: „אָנקומענדיק קיין פיזע צוזאַמען מיט אַלע מיינע פאַרעטן, פערד, הינט, פייגל, דינער און מאַלפּע האָט זיך בייראָן באַזעצט אין פאַלאַץ „לאַפראַנטשי", ווו ער האָט רויק גע־ווינט גאַנצע צען חדשים, אַרויספאָרנדיק פונדאַנען נאָר אויף עטלעכע וואָכן קיין לעגכאָרן. זיין לעבן אין אַלטן פעאָדאַלן שלאָס איז געווען, אין אַלגעמיינע שטריכן, אַ פאָרזעצונג פון זיין לעבן אין ראַוועננע. ער פלעגט אויפשטיין שפעט, נאָך מיטאָג אויפגענומען געסט, דערנאָך געשפּילט אין ביליאַרד, גע־מאַכט שפאַצירן רייטנדיק, אָדער זיך געאיבט אין שיסן. די גרעסטע טייל פון זיין צייט פלעגט ער געוויינלעך פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון שעלין, וועלכער האָט אויך דעמאָלט געוווינט אין פיזע. ביידע פאָעטן זענען געווען גוטע שיסער. נאָר בייראָן איז געווען נאָך אַ בעסערער, נישט קוקנדיק אויף

דעם וואָס זיין האַנט האָט אָפּט געציטערט דעם אָנהייב אויגוסט האָט ער געוויינלעך פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון דער גרעפין גיוטשיאָלי, מיט וועלכער ער האָט שוין איצט געוווינט אונטער איין דאַך. נאָך אַ גאַנץ באַשיידענער וועטשערע פלעגט ער זיך נעמען צו דער פּאָעזיע און פלעגט אָפט אַזוי אָפּזיצן ביז אין דערפרי".

אין דער צייט פון זיין פאַרברענגען אין פּיזע האָט בייראָן דערהאַלטן פון זיין ווייב אַ פּאַקעט. אין וועלכן עס איז געווען אַ לאָק האָר און אַ מיניאַטור-פּאָרטרעט פון זייער קליין טעכטערל אַדע. די דאָזיקע מתנה האָט טיף גערירט דעם פּאָעט און מיט דאַנקבאַרקייט האָט ער וועגן איר דערמאָנט אין זיינע בריוו צו פריינט. אין עטלעכע חדשים שפּעטער האָט אים, אַלס פאָטער, געטראָפן אַ גרויס אומגליק. אין אַפּריל 1822 האָט ער באַקומען אַ ידיעה וועגן טויט פון זיין אומגעזעצלעכע טאָכטער אַלעגרע, וועלכע איז ביי אים געווען אין איטאַליע פון יאָר 1818, און וועלכע ער האָט נישט לאַנג פאַר איר טויט אָפּגעגעבן צו דערציען אין איינעם פון די קאַטוילישע קלויסטערס. דער דאָזיקער קלאַפּ איז געקומען פולשטענדיק אומגעריכט, און אַ געוויסע צייט איז בייראָן אַרומגעגאַנגען ווי צומישט. קומענדיק אַ ביסל צו זיך, האָט ער איינמאָל דער גרעפין גיוטשיאָלי געזאָגט: „זי (אַלעגרע) איז גליקלעכער פון אונז און אַ חוץ דעם בין איך מסופּק צי איר לאַגע אין דער וועלט וואָלט איר דערלויבט צו זיין גליקלעכער; דאָס איז גאָטס ווילן, און לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן". דעם טויטן גוף פון זיין טאָכטער האָט דער פּאָעט אָפּגעשיקט אין זיין געבורט-אָרט, מ'זאָל אים דאָרט מקבר זיין אויפן זעלבן צמענטאַזש אין גאַראָ, ווו ער, זייענדיק אַ שול-ייִנגל, פלעגט אַמאָל אָפּזיצן גאַנצע שעהן. אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך אַלעגרעס טויט, האָט בייראָן אָנגעווירן זיין ליבן און געאַכטעטן פריינט, דעם פּאָעט שעלי, וועלכער איז דערטרונקען געוואָרן אין ים בעת אַ שטורעם.

אין סעפטעמבער 1822 איז בייראָן געווען געצווּונגען נאָך אַ עטלעכע אומאַנגענעמע קאָנפליקטן מיט דער מאַכט אין פּיזע, די דאָזיקע שטאָט צו פאַרלאָזן און אַריבערפאָרן צוזאַמען מיט דער גרעפין און אירע קרובים קיין גענוע, ווּ ער האָט שוין געלעבט ביזן סאַמע אָפּפאָרן פון איטאַליע, באַזעצנדיק זיך אינם אַלטן שלאָס, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ברעג ים, אין דער שענסטער טייל פון דער שטאָט. באַלד נאָך זיין קומען קיין גענוע האָט בייראָן באַקומען פון לאָנדאָן דעם ערשטן נומער פון ליטעראַרישן זשורנאַל „ליבעראַל", וועלכן ער האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן צוזאַמען מיט אַ צווייטן ענגלישן שרייבער, מיטן נאָמען ל. האַנט. דער פּאָעט האָט פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל נאָך אין דער צייט פון זיין פאַרברענגען אין ראַווענע. ער האָט געהאָפט אויף אַזאַ אופן, נישט נאָר פּטור צו ווערן פון די פאַרלעגער, נאָר אויך באַדייטנד צו פאַרגרעסערן זיינע הכנסות. זיינע האָפנונגען זענען פונדעסטוועגן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און דאָס אַרויסגעבן דעם „ליבעראַל" איז אויסגעקומען איבערצורייסן באַלד נאָכן דערשיינען פון 2-טן נומער. בייראָן האָט אַליין איבערגעפירט זיין אונטערנעמונג מיט דעם, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט באַלד אין ערשטן נומער פון זיין זשורנאַל די סאַטירע „די זעונג פון יום-הדין", וועלכע האָט אַנטהאַלטן אָנפאַלן אויפן דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם ענגלישן קעניג דזשאָרדזש III, וואָס דאָס האָט מיט איינמאָל אויפגערייצט קעגן זיין אָרגאַן זיינע אַלע לאָיאַלע לאַנדסלייט.

בעת זיין פאַרברענגען אין גענוע האָט דער גרויסער פּאָעט אָנגעשריבן זיינע לעצטע ווערק. דאָס זענען געווען: דאָס 12-טע און 16-טע ליד פון „דאָן זשואַן", די סאַטירע „די קופּערנע תקופה" און די זייער שיינע פּאָעטישע דערציילונג „דער אינדזל". בייראָנס גרויסע סאַטירע „דאָן זשואַן" איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. אירע ערשטע טיילן, וועלכע זענען נאָך גע-

וואָרן אָנגעשריבן אין ווענעציע, זענען ביים דערשיינען באַגעגנט געוואָרן, אַזוי ווי די מערהייט אַנדערע ווערק פֿון פּאָעט, פֿאַר אַ טייל מיט אַנטציקנדע אַפּלאָדיסמענטן, און פֿון אַנדערע — מיט שרעקלעכע זלזולים. געטע האָט דאָס דאָזיקע ווערק אָנגערופֿן „אַן אומגעהייערע געניאַלע שאַפֿונג, וואָס איז מיט דער שנאה צו מענטשן דערגאַנגען ביז דער גרעסטער ווילדקייט, און מיט דער ליבע צו זיי — ביז דער טיפֿעניש פֿון דער סאַמע צערטלעכסטער צוגעבונדנקייט". פֿונדעסטוועגן, האָט ער אין דער זעלבער צייט „דאָן זשואַן" געהאַלטן פֿאַר דער אומ־מאָראַלישסטער פּאָעמע, וואָס מען האָט נאָר ווען עס איז אָנגעשריבן. מיטן לעצטן האָבן אויך מסכּים געווען די מערהייט פֿון די דעמאָלסדיקע ענגלישע קריטיקער. דער „בריטאַנישער זשורנאַל" האָט דערקלערט, אַז „דער לאָרד בייראָן האָט זיך מיט דעם דאָזיקן ווערק „דערנידעריקט"; דער זשור־נאַל „לאָנדאָן" האָט געהאַלטן די דאָזיקע פּאָעמע פֿאַר „אַ סאַ־טירע אויף אָנשטענדיקייט"; דער „עדינבורגער חודש-זשורנאַל" האָט געקוקט אויף דעם דאָזיקן ווערק, ווי אויף אַ „טרויעריקע דערשיינונג", און דער זשורנאַל „עקלעקטיק" — ווי אויף אַ באַ־ליידיקנדע אויפֿפֿאָדערונג, וואָס פֿאַרדינט פֿאַראַכטעט צו ווערן". דער באַרימטער ענגלישער קריטיקער פֿון יענער צייט, דער לאָרד דזשעפֿריי, האָט געפֿונען אין „דאָן זשואַן" „די טענדענץ צו צע־שטערן יעדן גלויבן אין דער רעאַלקייט פֿון די ווילטעטער", און אַ צווייטער קריטיקער, דר. וואָטקינס, האָט אָנגערופֿן דאָס דאָזיקע ווערק די „אָדיסיי פֿון אוממאָראַלישקייט". אין דער זעלבער צייט איז שעלי אַנטציקט געווען פֿון דער דאָזיקער סאַטירע, און וואַלטער סקאָט האָט געפֿונען, אַז „זי שטייט נישט אָפּ לויט דער פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון איר אינהאַלט אַפֿילו פֿון שעקספּירס ווערק".

די בעסטע לידער אין „דאָן זשואַן" — זענען די לעצטע, וווּ דער פּאָעט האָט געשילדערט דאָס אים גוט באַקאַנטע לעבן

פון דער העכערער ענגלישער געזעלשאפט; די שוואכסטע לידער זענען דאָס 7 און 10, וווּ ער רעדט וועגן רוסלאַנד, וועלכע ער האָט זייער ווייניק געקענט.

אין אָנהייב אַפּריל פון יאָר 1823 האָט בייראָן באַקומען אַ בריוו פון לאָנדאָן פון דעם אין יענער צייט געשאַפענעם ענגלישן קאָמיטעט אויף צו העלפן די גריכן אין זייער קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון דער טערקישער מלוכה. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט מען דעם פּאָעט אויך מודיע געווען, אַז מען האָט אים דאָרט אויסגעוויילט פאַר אַ מיטגליד פון קאָמיטעט און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז ער וועט זיך נישט אָפּזאָגן מיטצואַרבעטן וועגן דער באַפרייונג פון גריכנלאַנד.

נאָך אַן עטלעכע מאָל זיך איבערשרייבן מיטן לאָנדאָנער קאָמיטעט, האָט בייראָן באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין גריכנלאַנד און האָט ענערגיש זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע. דעם 13-טן יולי 1823 האָט דער גרויסער פּאָעט, נאָך אַ זעקס-יעריקן פאַרברענגען, שוין אויף שטענדיק פאַרלאָזט איטאַליע און איז אָפּגעפאָרן אויף זיין אייגענער שיף „הערקולעס“ אין אַ לאַנד, וווּ עס איז אים אײַנגיכן אויך באַשערט געווען פריצייטיק צו שטאַרבן.

VII

אין גריכנלאַנד. — דער טויט.

„אויב איך וועל נאָך לעבן צען יאָר, האָט בייראָן אין יאָר 1822 געשריבן צו טאָמאַס מור — וועסטו זען, אַז מיט מיר איז נאָך אַלץ נישט געענדיקט. איך רעד נישט וועגן ליטעראַטור, וואָרים דאָס איז נארישקייטן, און ווי משונהדיק דאָס דאָזיקע זאָל ביי דיר נישט אויסזען, רעכן איך, אַז נישט אין איר איז מיין באַרוף. דו וועסט זען, אַז איך וועל נאָך אַמאָל אויפטון עפעס אַזוינס, וואָס „וועט מאַכן פאַרוואונדערן אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט". אָבער איך צווייפל, אויב מיין אָרגאַניזם וועט נאָך לאַנג אויסהאַלטן". בייראָן האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אַ מענטש דאַרף פאַר דער געזעלשאַפט טון פיל מער, ווי שרייבן לידער". ווען נאָך דער לכתחילה איינגעגעבענער רעוואָלוציע אין נעאַפּאָל, האָבן די ראַווענער פּאַטריאָטן אָנגעהויבן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד אין פּויבסטלעכן ראַיאָן, כדי צו פאַרצוימען דעם וועג פאַרן עסטרייכישן מיליטער אין דרום-איטאַליע, האָט זיך בייראָן מיט דער גאַנצער נשמה געשטעלט אויף דער זייט פון

דער דאָזיקער באַוועגונג און מיטגעהאָלפן מיט אַל״ץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ביי אים אין הויז פלעגן זיך אַלע טאָג פאַר־זאַמלען די פירער פון די קאַרבאָנאַרן; ער האָט אָרגאַניזירט אויף זיין חשבון אַלע אַגיטאַטאָרן און אַפילו אַליין זיך גע־שטעלט אויס פון איינער פון זייערע גרופן. ער האָט געברענט מיטן פאַרלאַנג צו זעען איטאַליע אַ באַפרייטע און איז געווען אַ גרייט אַלץ צו אָפּפערן, כּדי דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן. „עס איז נישט וויכטיק, — האָט ער צו איינעם פון זיינע פריינט געשריבן אינם סאַמע ברען פון בונט אויפן אָפּענינער האַלב־אינדזל, — ווער און וואָס עס וועט פאַלן אַ קרבן, אויב איטאַליע וועט נאָר קענען זיין באַפרייט. דאָס איז אַ גרויסע זאַך, דאָס איז די פּאָעזיע פון דער פּאָליטיק: גיט נאָר אַ טראַכט, וואָס עס באַטייט אַ פ ר ײ ע א י ט אַ ל י ע !״

דער דורכפאַל פון דער נעאַפּאָליטאַנישער רעוואָלוציע האָט דעם פּאָעט שטאַרק פאַרביטערט, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צ ו גלויבן אין דער צוקונפט פון די איטאַליענער און אין די אַנדערע אונטערגעדריקטע נאַציעס. „... בלוט וועט זיך גיסן, ווי וואַסער — האָט ער איינמאָל געשריבן, — און טרערן, ווי דער טוי; אָבער די פעלקער וועלן סוף כּל סוף זיגן. איך האָף נישט דאָס דאָזיקע צו דערלעבן, אָבער איך זע דאָס פאָר״. באַצויבערט מיט זיין האָפענונג צו זעען איטאַליע אַ באַפרייטע, האָט בייראָן מיט פרייד אָנגענומען די איינלאַדונג צוצוהעלפן דער באַפרייונג פון גריכנלאַנד. אַ טייל ביאָגראַפן פון פּאָעט באַשטעטיקן, אַז ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין די באַפרייונגס־באַוועגונגען פון איטאַליע און גריכנלאַנד צוליב גאווה און כּבוד. די דאָזיקע באַשטעטיקונג איז זייער אַן איינזייטיקע און דעריבער אויך נישט קיין ריכטיקע. וואָרים, עס וואָלט געווען אַ תּירה אי קעגן זיינע טאַטן, און אי קעגן דעם, וואָס ער האָט גערעדט און געשריבן. ווען מען זאָל אָננעמען, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער פּאָליטישער טעטיקייט צוליב זיין בלויזער גאווה און כּבוד.

„פונקט ווי אַלפיער און רוסאָ — זאָגט זיין ביאָגראַף פּראָפ. ניקאָלס, — איז זיין דעוויז שטענדיק געווען: „איך געהער צו דער אָפּאָזיציע”; פונקט ווי דאַנטע, לעבנדיק אין אַ רעפובליק, האָט ער געפאָדערט אַ מאָנאַרכיע, אַזוי האָט אויך בייראָן בעת דער הערשאַפט פון מאָנאַרכיעס אין אייראָפּע, געדורשט נאָך דער רעפובליק”. בייראָן האָט באמת ליב געהאַט די פרייהייט און מיט זיין גאַנצן וועזן געהאַסט די אונטערדריקונג און די אונטערדריקנדע. אָבער קיין ענטוזיאַסט פון דער פרייהייט איז ער נישט געווען: צו דעם איז ער געווען אַ צו גרויסער סקעפּטיקער. ער האָט געהאָלפן די אונטערדריקטע נישט אַזוי פיל אויס ליבע צו זיי, ווי אויס שנאה צו די אונטערדריקער. בייראָן איז געווען צו פיל אַריסטאָקראַט, כדי ער זאָל קענען זיין אַן אמתער דעמאָקראַט. ער האָט געוואָלט הערשן אויפן פּאָליטישן באָדן, פונקט אַזוי, ווי ער האָט געהערשט אויפן פעלד פון דער דיכטונג, נאָר זיין פּאָליטישע כבוד-יאָגעריי איז געווען אומפאַרגלייכלעך העכער פונם יאָגן זיך נאָך כבוד פון אַ פשוטן אַוואַנטוריסט. „זיין אַ גרויסער מענטש, — האָט ער אין טאָג-בוך געשריבן, — הייסט נישט דאָס זיין אַ דיקטאַטאָר, נאָר זיין אַזעלכער, וואָס איז געווען וואַשינגטאָן אָדער אַריסטיד; גרויס אין טאַלאַנט און אין ווילטאַט, — הייסט, שטיין נענטער צו דער גאָטהייט”.

אָפּפאָרנדיק קיין גריכנלאַנד, האָט בייראָן קנאַפּ-וואָס געגלויבט אינם נאָענטן דערפאָלג פון דער זאַך, וועלכער ער האָט באַשלאָסן זיך צו ווידמענען, און נאָך ווייניקער האָט ער געגלויבט אין די גריכן גופא. אויף די אייניקלעך פון די אַמאָליקע עלינער האָט דער פּאָעט געקוקט ווי אויף די ווילדע אַזיאַטן, אָבער האָט אויך גלייכצייטיק אָנערקענט, אַז די סיבה פון זייער אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרדאָרבנקייט איז געלעגן אין די אומנאָרמאַלע פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט, און האָט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון זייער אויפלעבונג מיטן אויס-

בעטערן פון די באַדינגונגען. בייראָן איז געפאָרן קיין גריכנלאַנד נישט אלס פאַנאַטיק פון דער פרייהייט, נישט אַלס דילעטאַנט און נישט מיט דער האָפענונג צו געפונען די פּאָעזיע אין דער דאָזיקער טעטיקייט, וועלכע איז אים דאָרטן פאָרגעשטאַנען, נאָר אַלס ניכטערנער און פראַקטישער געזעלשאַפטלעכער טוער. אין דער צייט פון זיין, צום אומגליק, נישט לאַנגן אנטייל-נעמען אין דער גריכישער באַוועגונג, האָט ער ארויסגעוויזן אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט אַזאַ פּאָליטישע חריפות, אַז זיינע פריינט האָבן פולשטענדיק אין אים נישט דערקענט דעם פריערדיקן לייכטזיניקן פּאָעט.

בייראָן איז גערן אָפּגעפאָרן קיין גריכנלאַנד, צווישן אַנדערעס, אויך צוליב דעם, וואָס אים האָט זיך שוין דעמאָלט צוגעגעסן דאָס לעבן אין איטאַליע, און וואָס אים האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן שווער דאָס זיין פארבונדן מיט דער גרעפין גיוטשיאָלי. נאָך אין דער צייט פון זיין פאַרברענגען אין ראַוועננע האָט ער טיילמאָל געטראַכט וועגן פאָרן קיין דרום-אַמעריקע, כדי דאָרט צו ווערן אַ פרידלעכער פלאַנטאַטאָר. „אויב מיר וועלן נישט אָפּפאָרן קיין גריכנלאַנד — האָט ער אין מאַי 1823 געשריבן — האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אין ערגעץ אַן אַנדער אָרט און איך האָף, אַז אַלנפאַלס וועלן מיר צייט אַ חודש שוין זיין אויפן ים, וואָרים מיר האָט זיך שוין צוגעגעסן אי דאָס דאָזיקע לאַנד, אי דער דאָזיקער ברעג, אי די אַלע היגע מענטשן”. מחמת דעם, וואָס די צייט האָט זיך דערנענטערט, איז ער אַלץ מער געוואָרן אומאַנטשלאָסן. האָט ער טיילמאָל געזאָגט, אַז ער וועט צייט עטלעכע חדשים צוריקקערן פון גריכנלאַנד, און טיילמאָל האָט ער אפילו אויסגעדרוקט דעם צווייפל, צי וועט ער בכלל אַהין פאָרן. אַ חוץ דעם, האָט אים באַלד פאַרן אָפּפאָרן אָנגעהויבן פאַרפאָלגן אַ פינסטער פאָרגעפיל, אַז זיין טויט איז נאָנט און אַז ער וועט שוין פון גריכנלאַנד נישט צוריקקערן.

און אין אַ פּאָרגעפיל האָט ער שטאַרק געגרויבט אין אָנהויב יוני 1823, ד. ה. אַ קנאַפּן חודש פאַר זיין אָפּפאָרן, איז דער פּאָעט אַמאָל אין אָוונט געזעסן ביי זיין פריינט, לעדי בלעסינגטאָן, וועלכע האָט זיך געקליבן אָפּצופאָרן קיין ענגלאַנד, און מיט ! א טיפן טרויער גערעדט וועגן דער רייזע, וואָס אים שטייט פאָר צו מאַכן. „מיר האָבן זיך דאָ אַלע פאַרזאַמלט — האָט ער באַמערקט, — אָבער ווער ווייסט, ווען און ווו מיר וועלן זיך ווידער טרעפן. איך האָב עפּעס אַ פאָרגעפיל, אַז מיר זעען זיך צום לעצטן מאָל, וואָרים עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז איך וועל מיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן פון גריכנלאַנד". ענדיקנדיק די לעצטע ווערטער, האָט דער פּאָעט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן ווענדטל פון דער קאַנאַפּע און אָנגעהויבן היסטעריש צו וויינען.

דעם 14-טן יולי 1823 איז בייראָן אויפגעזעסן אויף זיין שיף „הערקולעס" צוזאַמען מיט זיין פריינט טרעלאַני, מיטן יונגן גראַף גאַמבאַ (אַ ברודער פון דער גרעפין גיוטשיאָלי) מיטן איטאַליעניש דאָקטאָר ברוינאָ, מיטן קאַמערדינער פלעטטשער און מיט אַכט אַנדערע דינער. אחוץ דעם פּאָעט און זיין סוויטע האָבן זיך נאָך געפונען דער שיפס-קאַפּיטאַן סקאָט און עטלעכע מאַטראָסן. „הערקולעס איז געווען באַוואָפנט מיט צוויי אַרמאַטן און אָנגעלאָדן מיט פאַרשידן געווער און אַמוניציע. אַ חוץ דעם, האָט נאָך בייראָן מיט זיך מיטגענומען 5 פערד און אַ גרויסן זאַפּאַס מעדיקאַמענטן. צייט פינף טעג איז ער שוין געווען אין לעגכאָרן, ווו מ'האָט אים איבערגעגעבן אַ שריפטלעכע באַגריסונג פון געטען, געשריבן אין פערזן, אויף וועלכער ער האָט באַלד געענטפערט מיט אַ בריוו. פון לעגכאָרן איז בייראָן דעם 24-טן יולי אָפּגעפאָרן קיין קעפאַלאָניע. אין וועג האָט ער זיך אַ סך פאַרנומען מיט לייענען, און אויך מיט באַטראַכטן די היסטאָרישע ברעגן, וועלכע זיין שיף איז פאַרבייגעגאַנגען. אַדורכפאָרנדיק סטראָמבאָליע, האָט דער פּאָעט טרעלאַנין באַמערקט: „דאָס דאָ-

זיקע בילד וועט איר זעען אין 5-טן ליד פון „טשיילד האראלד". בייראנס מיטרייזנדע זענען מיט אים געווען זייער צופרידן: ער איז די גאנצע צייט געווען זייער פריילעך און א סך געשפאסט. ביירען האט אין וועג נישט פארגעסן זיינע באליבטע פיזישע איבונגען: ער איז אלע אינדערפרי געשווומען און געשאסן אין ציל. אין אנהייב אויגוסט איז די עקספעדיציע אנגעקומען קיין קעפאלאניע. דערזעענדיק די ברעגן פון מארעיע, האט דער פאעט אויסגעשריגן: „איך פיל מיך אצינד אזוי, ווי איך וואלט מיט איינמאל יינגער געווארן אויף די עלף יאר, וועלכע זענען פאריבער פון דער צייט אן, ווי מיר איז דא אויסגעקומען צו זיין דאס לעצטע מאל, ווען איך בין דורכגעפארן די דאזיקע ערטער אויף דער קריגס-שיף פון אלטן באטערסט".

ביירען האט זיך אויפגעהאלטן אויפן אינדזל קעפאלאניע ביזן סוף יאר פון 1823. אין משך פון ערשטן חודש האט ער די נעכט פארברענגט אויף דער שיף, און די טעג — אויפן ברעג; נאר, ווען ער האט זיך איבערגעצייגט, אז עס וועט אים אויסקומען לאנג צובלייבן אויף די דאזיקע ערטער, איז ער אינגאנצן איבערגעגאנגען אויפן ברעג און זיך באזעצט צוזאמען מיטן גראף גאמבא אין דארף מעטאקסאט, וואס האט זיך געפונען אין די געגנטן פון ארגאסטאל, די הויפט-שטאט פונם אינדזל. נאכן אנקומען קיין קעפאלאניע, האט ביירען באלד ארויסגעשיקט צוויי דעלעגאטן צו דער צייטווייליקער רעגירונג פון גריכנלאנד, כדי געוויר צו ווערן וועגן דער לאגע און צו באקומען די נויטיקע אינסטרוקציעס. ווארטנדיק אויפן צוריקקומען פון די דאזיקע דעלעגאטן, האט ער באשלאסן זיך צו האלטן שטרענג בנוגע דער פאליטיק. די דאזיקע טאקטיק האט זיך אים אויסגעוויזן פאר זייער קלוג ביי דער דאזיקער אומארדנונג, וואס האט דעמאלט געהערשט אין גריכנלאנד. די צייטווייליקע רעגירונג איז געווען אן געלט און האט זיך כמעט נישט באנוצט מיט קיין שום אויטאריטעט, און די פילצאליקע פירער פון די

אינסורגענטן האָבן מיט זייער קאָנקורענץ צווישן זיך אָפּגעשוואַכט די כּוחות פון לאַנד און האָבן די באַוועגונג צושטערט. בייראָן האָט באַשלאָסן נישט אָנצוהייבן פריער זיין טעטיקייט, ביז אים וועט נישט קלאָר ווערן די לאַגע אין גריכנלאַנד און ביז אים וועט זיך נישט איינגעבן צו ברענגען צו עפּעס אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די גריכישע אָנפירער. ער האָט יעדן טאָג באַקומען אַ מאַסע בריוו מיט איינלאַדונגען צו קומען קיין אַטען, קיין אַקאַרנאַניע אָדער מאָרעיע. יעדן טאָג זענען צו אים געקומען דעלעגאַטן פון פאַרשידענע פראַקציעס פון די אינסורגענטן מיט דער בקשה זיי צו העלפן; נאָר ער האָט אַלעמען געענטפערט איינס: „הערט אייך אויף אַרומצוקריגן און קעמפט פאַרן לאַנד, און נישט בלויז פאַר אַ טייל פון דעם; איך בין אַהער געקומען נישט צוליבדעם, כדי צו העלפן וועמען פון אייך באַזונדער, נאָר אייך אַלעמען

גריכנלאַנד האָט דעמאָלט געפילט אַ שטאַרקע נויטווענדיקייט אין אַ פלאָט, כדי צו באַפרייען אירע פאָרטן פון דער בלאָקאַדע פון די טערקישע שיפן. בייראָן האָט פאָרגעלייגט דער צייטווייליקער רעגירונג 4·000 פונט אויף זיך צו פאַרשאַפן אַ פלאָט, און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך באַמיט וועגן באַקומען אַן הלוואה ביי די ענגלישע באַנקירן. אין די אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשידענע דעלעגאַטן, און אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט די אָנפירער און מיט דער רעגירונג, איז כמעט אַוועק די גאַנצע צייט פון פּאָעט אין קעפאַלאָניע. אַ טייל פון זיינע ביאָגראַפן באַשטעטיקן, אַז די גריכישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן אים באַזוכט אין מעטאָקסאַט, האָבן אים צווישן אַנדערס באַמערקט, אַז ער קאָן האָפן אויף דער קרוין פונם באַפרייטן גריכנלאַנד, אויף וואָס דער פּאָעט-רעפּובליקאַנער זאָל האָבן געענטפערט פאָלגנדעס; „אויב מען וועט מיר מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג, וועל איך אים, מעגלעך, אָננעמען”. אַלנפאַלס, איז גאָרנישט קיין צווייפל, אַז גאַנץ גריכנלאַנד האָט אויף אים, געקוקט ווי אויף זיין באַפרייער, און

דערוואַרט זיין קומען מיטן גרעסטן אומגעדולט. צווישן דער באַפֿעלקערונג פֿונם אינדזל קעפֿאַלאָניע איז ער באַלד געוואָרן זייער פּאָפּולער פֿאַר זיין אויסערגעוויינלעכער גרויסמוטיקייט און מילדקייט.

אין סוף יאָר פֿון 1823 האָט זיך די לאַגע אין גריכנלאַנד עטוואָס פֿאַרבעסערט, איבערהויפּט, אַ דאַנק דאָס אָנקומען פֿון פֿלאָט, וועלכער איז געוואָרן געדונגען פֿאַר בייראָנס געלט. די טערקישע שיפֿן האָבן דעמאָלט געמוזט פֿאַרלאָזן דעם וויכטיקן גריכישן פּאָרט מיסאָלאָנגי און זיך דערווייטערן קיין לעפּאַנטאָ, און זייער אָרט האָט פֿאַרנומען דער גריכישער פֿלאָט. אַצונד איז שוין געקומען די צייט, ווען בייראָן האָט געקאָנט און געמוזט אַרויסגיין פֿון זיין אָפּוואַרטונגס-לאַגע. איינלאַדנדיק אים אין דעצעמבער פֿון זעלבן יאָר תּיכּף צו קומען קיין מיסאָלאָנגי, האָט דער פּרינץ מאַווראָקאָר-דאַטאָס, דער גובערנאַטאָר פֿון מערבֿ-גריכנלאַנד און דער פֿעיקסטער פֿון די גריכישע אָנפֿירער, פֿאַרענדיקט זיין בריוו צו בייראָנען מיט פֿאָלגנדע ווערטער: „... איך קען אייך גאָרנישט איבערגעבן אויף וויפֿל אייער אָנוועזנהייט איז דאָ געווונטשן פֿאַר אַלע, און וואָס פֿאַר אַ גליקלעכע ווענדונג דאָס וועט געבן אונזער זאַך. אייערע עצות וועט מען האָרכן, ווי די רייד פֿון אַ נבֿיא". אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן באַקומען דעם דאָזיקן בריוו, האָט בייראָן צוזאַמען מיטן גראַף גאַמבאַ ענדלעך פֿאַרלאָזט קעפֿאַלאָניע און אויף צוויי קליינע שיפֿלעך אָפּגעפֿאָרן קיין מיסאָלאָנגי. אויפֿן וועג אַהין האָט זיך דאָס שיפֿל, אויף וועלכן עס איז געפֿאָרן דער פּאָעט, פֿולשטענדיק אומגעריכט זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַ טערקישער קריגסשיף און איז נישט פֿאַרנומען געוואָרן דורך די טערקן בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ מינע-שיפֿל. אין מיסאָלאָנגי האָט מען בייראָנען געמאַכט אַ קעניגלעכן קבלת-פּנים. די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט און פֿון דער אומגעגנט האָט זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן ברעג; אַלע שיפֿן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די אַנקערס אין פּאָרט, האָבן באַגריסט זיין שיפֿל

ווען עס איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן זיי, מיט אַרמאַטן-שאָסן; דאָס גאַנצע מיליטער און די גאַנצע ציווילע מאַכט, מיטן פּרינץ מאַוראָקאָר דאַטאָס בראַש, האָבן באַגעגנט ביירנאַן אויפן אָרט, ווו מען שטייגט אויס פון דער שיף און האָבן אים באַגלייט אינם ספּעציעל פאַר אים צוגעגרייט הויז, אונטער התלהבותדיקע אויסגעשרייען „אורא”, ביי קלאַנגען פון מוזיק און דונער פון אַרטילעריע-זאַלפן. „איך קען נישט איבערגעבן דעם איינדרוק,— דערציילט דער גראַף גאַמבאַ אין זיינע ערינערונגען וועגן פּאָעט,— וואָס דאָס דאָזיקע בילד האָט אויף מיר געמאַכט. איך האָב מיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן”.

דער דאָזיקער קבלת-פּנים האָט שטאַרק באַגייסטערט ביירנאַנען, און ער האָט מיט פרייד אָנגעהויבן צו קוקן סיי אויף דער נאָנטער צוקונפט פון גריכנלאַנד, סיי אויף דער פאַרשטייענדיקער פאַר אים אַרבעט. אין דער דאָזיקער צייט האָט מען אים באַשטימט פאַרן הויפּט-קאָמאַנדיר פון אַ געוויסער אָפּטיילונג, וועלכע האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן קעגן לעפּאַנטאָ, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט טערקיש מיליטער. אַ חוץ דעם, איז ער געווען אַרומגעריגלט מיט אַ גוואַרדיע פון 500 מוטיקע סוליאָטן, וועלכע ער האָט אויסגעהאַלטן אויף זיין אייגענעם חשבון. ביירנאָן האָט ענערגיש זיך גענומען צו לערנען זיינע זעלנער און מיט אומגעדולט אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, ווען ער וועט קענען מאַכן דעם אָנגריף. בעת די דאָזיקע מיליטערישע הכנות האָט דער גרויסער פּאָעט צום לעצטן מאָל געפייערט זיין געבורטסטאָג. אין דערפרי פון 22-טן יאַנואַר 1824, ווען ער איז אַלט געוואָרן 35 יאָר, איז ער אַרויס פון זיין שלאָף-שטוב און אַריינגעגאַנגען אינם צימער, ווו עטלעכע פון זיינע חברים האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט, און מיט אַ שמייכל צו זיי געזאָגט: „איר האָט זיך נישט לאַנג געקלאָגט, וואָס איך שרייב שוין איצט נישט מער; היינט איז מיין געבורטס-טאָג און דאַריבער האָב איך נאָר-וואָס עפּעס אָנגעשריבן, וואָס, לויט מיין מיינונג, איז

עס בעסער פון דעם, וואָס איך שרייב געוויינלעך". דאָס איז געווען זיין לעצט ליד, וואָס הויבט זיך אָן מיט די פאָלגנדיקע דירנדע שורות:

„אָ, הארץ, מיין הארץ! בלייב שטיל! שוין צייט צו בלייבן רויק!

דו וועסט קיין ליבע נישט ביי קיינעם וועקן מער;
נאָר אויב דו ביזט זי נישט אימשטאַנד שוין אויפצו-
וועקן,

בלייבט דאָך די ליבע מיין באַגער"...

. . . .

אין אָנהייב פעברואר איז שוין אַלץ געווען גרייט אָפּצו-מאַרשירן קיין לעפּאַנטאָ, ווי פּלוצלינג האָט זיך בייראָנס גוואר-דיע צעבונטעוועט און פאַרלאַנגט צו פאַרגרעסערן זייערע שכירות, דראָענדיק זיך נישט צו רירן פון אָרט. דער בונט איז שנעל דערשטיקט געוואָרן, נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, האָט מען שוין געמוזט אָפּלייגן דעם אָנגריף אויף אַ צייט. דער דאָזיקער אינ-צידענט האָט געמאַכט אַ זייער דערדריקנדן איינדרוק אויפן פּאָעט, און דאָ איז באַשטימט געווען די סיבה פונם שטאַרקן אָנפאַל פון קאָנוווולסיע, וואָס ער האָט באַקומען אין דער נאַכט פון 15-טן פעברואר. אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנפאַל האָט זיך בייראָן געקלאָגט אויף אַ שרעקלעכע שווערקייט אין קאָפּ; די מעדיקער האָבן אים געשטעלט פּיאַווקעס, און אַזוי נאָנט צו דער שלייף-אַרטעריע, אַז פונט גרויסן פאַרלוסט פון בלוט, האָט ער פאַר-לוירן דאָס באַוווסטזיין.

עטלעכע טעג נאָכן איינשטילן דעם ערשטן בונט פון די סוליאָטן, איז שוין אויסגעקומען די דאָזיקע עקשנותדיקע קריגער איינצונעמען אַ צווייטן מאָל. צווישן אַנדערע מיליטער-טיילן האָט אויך געהערשט אַן אומצופרידנקייט. ביי אַזעלכע באַדינ-גונגען איז שוין וועגן דער עקספּעדיציע קעגן לעפּאַנטאָ נישט געווען וואָס צו רעדן. ביני לבינו האָט זיך דאָס לעבן פונם

גרויסן פּאָעט זיך שנעל דערנענטערט צום סוף. פון דער צייט פון ערשטן אָנפאַל פון קאָנוווּלסיע אין פעברואַר, האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט יעדן טאָג צו פילן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. זיין אָרגאַניזם, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען אויסגעמוטשעט צוליב זיין אומנאָרמאַלער דיעטע, איז געוואָרן נאָך מער אָפּגעשוואַכט דורכן אָנפאַל און דורכן נישט פאַרזיכטיקן לאָזן בלוט פון דער צייט אָן, ווי ער איז געקומען קיין גריכנלאַנד, האָט ער זיך אויסשליסלעך דערנערט מיט טרוקן ברויט, גרינס און קעז. ווי אין דער יוגנט, אַזוי אויך שפּעטער, האָט אים אַלץ פאַרפאָלגט די מורא צו ווערן דיק, און יעדן טאָג האָט ער זיך געמאָסטן די טאַליע, כדי צו זען, צי איז ער נישט געוואָרן דיקער. אין פאַל, ווען די רעזולטאַטן פון מעסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט באַפרידיקנד, האָט ער באַלד איינגענומען אַ שטאַרקע דאָזע רפואות. ביי אַזאַ צושטאַנד פון זיין געזונט און ביי אַזאַ מין אַרט לעבן, איז אים נאָך אויסגעקומען, פון דער צייט פון זיין קומען קיין מיסאָלאָנגי, צו וווינען אין דער אומגעזונטסטער און שמוציקסטער טייל פון דער דאָזיקער אומגעזונטסטער און שמוציקסטער שטאָט פון גריכנלאַנד. דאָס אָרט, וווּ מיסאָלאָנגי געפינט זיך איז זייער נידעריק, צוליב וואָס אין שטאָט האָט שטענדיק געווילדעוועט די מאַלאַריע. די פריינט פון פּאָעט האָבן אים באַלד פון אָנהייב צוגערעדט, ער זאָל פונדאַנען אָפּפאָרן און זיך באַזעצן אין אַ מער געזונטערער טייל פון גריכנלאַנד, נאָר ער האָט וועגן דעם צומאָל הערן נישט געוואָלט, הגם ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די געפאַר, וואָס אים האָט געדראָט. דעם 5-טן פעברואַר, ד. ה. צען טעג פאַרן ערשטן אָנפאַל פון קאָנווּלסיע, האָט ער צו איינעם פון זיינע פריינט געשריבן פאָלגנדעס: „אויב מיר וועלן נישט אומקומען דורך דער שווערד, איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיר וועלן אויסשטאַרבן פון דער קאָנווּלסיע אין דעם דאָזיקן שמוציקן לאָך“...

בייראָן האָט באַלד נאָכן ערשטן אָנמאָל אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זיין סוף איז שוין נאָנט. אין אָנהייב מערץ האָט ער געשריבן פאָלגנדעס: „מיר איז גאַנץ גוט באַקאַנט, אַז מיין געזונט-צושטאַנד איז זייער האָפענונגסלאָז. נאָר פונדעסטוועגן מיז איך בלייבן אין גריכנלאַנד, וואָרים עס איז בעסער צו שטאַרבן פאַר עפּעס, איידער צו פאַרברענגען די צייט אויף נאַרישקייטן". אין סוף מערץ האָט די צייטווייליקע רעגירונג פון גריכנלאַנד אים פאָרגעלייגט דעם אַמט פון גובערנאַטאָר אין מאָרעיע און האָט אים איינגעלאַדן צו קומען אויפן מיליטערישן קאָנגרעס, וועלכער האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אָנהייב אַפּריל אין סילאָן. בייראָן האָט צוגעזאָגט צו פאָרן אויפן קאָנגרעס, אָבער אים איז שוין נישט באַשערט געווען זיין צוזאָג צוהאַלטן. דעם 9-טן אַפּריל האָט ער באַקומען אַ פרייליכן בריוו פון אויגוסטען: די שוועסטער האָט אים מודיע געווען, אַז זיין טעכטערל אַדע האָט זיך שוין פולשטענדיק פאַרבעסערט נאָך איר קראַנקייט, און אַז אויך איר אייגן געזונט האָט זיך באַדייטנד פאַרבעסערט. צוליב דעם דערהאַלטן אַזעלכע גוטע ידיעות, האָט ער באַשלאָסן אינם זעלבן טאָג מאַכן אַ צו שפּאַציר רייטנדיק, וואָס ער האָט שוין נישט געטון גאַנצע דריי טעג, מחמת דעם רעגן, וואָס איז דאַן כסדר געפאַלן. דאָס וועטער איז אין יענעם טאָג געווען זייער אַ שלעכטס און יעדע מינוט האָט מען געקענט דערוואַרטן אַ רעגן, גאָר בייראָן האָט באַשלאָסן צו ריזיקירן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע האָבן אים צוגערעדט צו בלייבן אין דער היים. אויפן שפּאַציר האָבן אים באַגלייט דער גראַף גאַמבאַ און עטלעכע סוליאָטן. לכתחילה האָט זיך דאָס וועטער פאַרבעסערט, און בייראָן האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן פערד אין גאַלאָפּ. ווען ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן שטאַרק צוהיצט, האָט פּלוצלינג אויף אים אַ גאָס געטון אַ שטאַרקער רעגן און צייט עטלעכע מינוט איז ער געוואָרן דורכגענעצט ביזן ביין. געפונענדיק זיך אין אַזאַ צושטאַנד, האָט דער פּאָעט פונדעסטוועגן

זיך איינגעשפּאַרט צוריקצוקערן, לויט זיין געוווינהייט, אַ ווײַם
אויף אַ שיפל, און אויף דער בּיטע פון זיין באַגלייטער דאָס
בּישט צו טון, האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט: „אַ וואַש-
נער זעלנער וואָלט פון מיר געווען, אויב איך וואָלט געלעגט
אַכט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן". אָבער דאָס דאָזיקע האָט זיך
אַרויסגעוויזן פאַר נישט קיין נאַרישקייט. באַלד נאָכן צוריקקו-
מען אַהיים האָט בּייראָן דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטיק אין
גאַנצן קערפּער און אַ שטאַרקע קאָנוולסיע. אויף צו מאָרגנס
האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער געוויינלעכער צייט און גע-
מאַכט אַ שפּאַציר רייטנדיק אין נאָענטן וועלדל. דעם 11-טן
אַפּריל האָט ער ווידער באַקומען אַ שטאַרקן קאָנוולסיע-אָנפאַל
און, ווען בּיזן 14-טן איז אים נישט געוואָרן בעסער, האָט מען
באַשלאָסן צו שיקן נאָכן דאָקטאָר קיין זאַנטע. צום אומגליק
האָט דער שרעקלעכער שטורעם, וואָס האָט דאַן געווילדעוועט
אויפן ים, געשטערט אויסצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס, און עס
איז אויסגעקומען זיך צו באַגנוגענען מיט די מעדיקער, וועלכע
זענען געווען אין מיסאָלאָנגי. ווען איינער פון די דאָזיקע
דאָקטוירים האָט געראָטן בּייראָנען זיך צו לאָזן בלוט, כדי אָפּ-
צושוואַכן די היץ, האָט ער לכתחילה זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.
„אויב מיין צייט איז שוין געקומען — האָט ער געזאָגט, —
וועל איך סיי ווי שטאַרבן, צי איך וועל לאָזן בלוט, צי נישט".
אָבער אויף צומאָרגנס, ווען דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט אים
געוואָרנט, אַז ער קען דאָס באַוווסטזיין פאַרלירן, אויב ער וועט
זיך ווייטער אַקעגנשטעלן דאָס לאָזן בלוט, האָט דער קראַנקער
באַלד אויסגעצויגן זיין האַנט און בייז אויסגעשריגן: „נאַט
אייך, בלוט-זויגער; נעמט אייך וויפיל איר ווילט בלוט, נאָר
מאַכט דאָס, וואָס שנעלער"! אויפן צווייטן טאָג האָט מען דאָס
לאָזן בלוט איבערגעחזרט נאָך אַמאָל, אָבער דעם קראַנקן איז
גאָרנישט בעסער געוואָרן: ער איז שנעל און פאַר אַלעמען
אין די אויגן אויסגעגאַנגען.

דאָס אומגיין אַרום בייראָנען איז די גאַנצע צייט געווען זייער געטריי, וואָרים די אַלע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט זענען צו אים געווען שטאַרק צוגעבונדן; נאָר די דאגות און דאָס פֿאָרען זיך אַרום אים פֿון זיינע אַלע דינער און פריינט האָבן אים מער באַאומרויקט, ווי געבּרענגט נוצן. אין זיין וווינונג האָט געהערשט אַ שרעקלעכער אומאָרדנונג, וואָרים די דינער און די מיטגלידער פֿון זיין סוויטע, געהערנדיק צו פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, האָבן זיך פֿולשטענדיק איינס דאָס אַנדערע נישט פֿאַרשטאַנען. דעם 18-טן אַפּריל האָט דער קראַנקער, הגם ער האָט זיך געפילט ערגער, פֿונדעסטוועגן געפּרוווט, מיט דער הילף פֿון אַ דינער, אַריינגיין אין שכנותדיקן צימער פֿון דער שלאָף-שטוב און דאָרט אַ געוויסע צייט זיך פֿאַרנומען מיטן איבער-בלעטערן אַ בוך, נאָך וואָס ער איז באַלד צוריקגעגאַנגען אין בעט אַריין. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער יום-טוב פּסחא; די גריכן האָבן אַ מנהג צו באַגעגענען דעם פֿייערדיקן יום-טוב מיט רעוואָלווער-שאָסן; נאָר דאָס מאָל האָט אין דער גאַנצער שטאָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מיליטערישע פּאַטרולן זענען אומגעגאַנגען איבער די גאַסן און, באַקאַנט-מאַכנדיק די איינוווינער וועגן דער געפֿאַר, וואָס האָט געדראָט זייער באַפֿרייער, האָבן זיי געבעטן זיך אָפּצוהאַלטן פֿון יעדן גערויש, וואָס וואָלט אים געקאָנט באַאומרויקן. דעם 18-טן אַפּריל אין אָוונט, איז בייראָנען געוואָרן נאָך ערגער; ער האָט שוין געפילט די דערנענטערונג פֿון סוף. אַרום זיין בעט זענען געשטאַנען זיינע געטרייע דינער און זיין אים פֿאַרגעטערטער גראַף גאַמבאַ און האָבן ביטער געוויינט, הגם זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן דאָס נישט געדאַרפֿט טון אין דער אָנוועזנהייט פֿון שטאַרבנדן. באַמערקנדיק דאָס דאָזיקע, האָט בייראָן האַלב-שמייכלענדיק געזאָגט: „O questa è una bella scena!“ *)

---

*) „וואָספֿאַר אַ שיין בילד“.

באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן פון היץ, ביי וואָס דער שטאַרבנדער האָט גערעדט האַלב אויף ענגליש, האַלב אויף איטאַליעניש. ער האָט פאַרגעשטעלט, אַז ער פירט זיין אָפּטיילונג אין אַן אָנגריף, און האָט געשריגן: „פאָרויס, פאָרויס, דרייסטער, גאָך מיר״! קומענדיק אַ ביסל צו זיך, האָט בייראָן אויסגעדרוקט זיין ווונש צו געבן די לעצטע פאַראָרדנונגען זיין אַלטן דינער פלעטטשערן. האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַרץ־רייסנדע סצענע צווישן קראַנקן, וועלכער האָט מיט שווערקייט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, און דעם דינער, וועלכער האָט אומזיסט זיך באַמיט אים צו פאַרשטיין.

מיר וועלן איבערגעבן די דאָזיקע סצענע מיט די ווערטער פון פּאָעטס ביאָגראַף ,טאָמאַס מור. „ווען פלעטטשער האָט געפרעגט, צי אים נישט ברענגען אַ פעדער און פּאַפּיר, כּדי ער זאָל אַלץ פאַרשרייבן, וואָס ער וויל זאָגן, האָט דער קראַנקער געענטפערט: „אָ, ניין! אויף דעם וועט שוין נישט סטאַרטשען קיין צייט, שוין כּמעט אַלץ געענדיקט. גיי צו מיין שוועסטער — זאָג איר... גיי צו לעדי בייראָן... דו וועסט איר זען און זאָג איר...״ דאָ האָט זיך זיין קול איבערגעריסן, נאָר אין משך פון כּמעט 20 מינוט האָט ער כּסדר עפּעס ערנסט געמורמלט, אָבער א חוץ אַן עטלעכע אָבגעהאַקטע ווערטער איז אים געווען אוממעגלעך צו פאַרשטיין. דאָס איז אַלץ געווען נעמען — „אויגוסטע, אַדע, האָבהויז״. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „איצט ווייסטו שוין אַלץ״. „מיי לאָרד, — האָט מיט פאַרצווייפלונג פלעטטשער געענטפערט — איך האָב נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס איר האָט געזאָגט״. „נישט פאַרשטאַנען מיך, — האָט בייראָן מיט אַן אומענדלעכער טרויעריקייט אויסגעשריגן, — ווי שרעקלעך! הייסט דאָס, שוין צו שפּעט, שוין אַלץ געענדיקט״... ער האָט דערנאָך געוואָלט אַרויסברענגען נאָך אַן עטלעכע ווערטער, נאָר פון זיי האָט מען געקאָנט בלויז פאַרשטיין — „מיין שוועסטער, מיין קינד״...

מ'האָט בייראָנען דערנאָך געגעבן אַ באַרויקנדיק מיטל און ער איז איינגעשלאָפן. צייט אַ האַלבע שעה האָט ער זיך אויפגעכאַפט, און מען האָט אים געגעבן אַ פרישע דאָזע פון דער דאָזיקער רעצעפט. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, ווי פון שלאָף: „אָרעם גריכנלאַנד... אָרימע שטאָט... אָרימע דינער מיינע... פאַרוואָס האָב איך דאָס פריער נישט געוווּסט?... מיין צייט איז געקומען, — איך האָב נישט מורא פאַרן טויט, נאָר פאַרוואָס בין איך נישט אַהיים געפאָרן, איידער איך בין אַהער געקומען?... עס זענען דאָ זאַכן, פאַר וועלכע מיר וואָלט זיך געוואָלט לעבן, נאָר בכלל בין איך גרייט צו שטאַרבן"... אַרום זעקס אַ זייגער אין אָוונט פון זעלבן טאָג האָט ער אַרויסגעבראָכט דיינע לעצטע ווערטער: „אַצינד קען איך שוין איינשלאָפן", דערנאָך האָט ער זיך איבערגעדרייט צו דער וואַנט און איז באַלד געוואָרן פאַרזונקען אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד, פון וועלכן ער איז שוין מער נישט אַרויסגעקומען. פּונקט אין 24 שעה אַרום, ד. ה. $3/4$ אויף זעקס, אין אָוונט פון 19-טן אַפּריל, האָט ער דאָס לעצטע מאָל געעפנט די אויגן און זיי באַלד ווידער פאַרמאַכט. אַלץ איז געווען געענדיקט. איינער פון די גרעסטע גאונים פונם XIX יאָרהונדערט איז אָפּגעשטאָרבן!...

די ידיעה וועגן טויט פון דעם גרויסן פּאָעט האָט טיף טרויערן געמאַכט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. נאָך שטאַרקער און טיפער פון אַלע איז געווען דער טרויער פון דעם פאָלק, וועלכן ער האָט געווידמעט זיינע לעצטע טעג, און צווישן וועלכן ער איז געשטאָרבן, קעמפנדיק פאַר זיין באַפרייונג. אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט די הויפּט-באַטאַרייע פון מיסאָלאָנגי געגעבן 37 האַרמאַטן-שאָסן לכבוד בייראָנס טויט, לויט די צאָל יאָרן, וועלכע דער גרויסער פּאָעט האָט געלעבט. אַלע האַנדל און אינדוסטריע אַנשטאַלטן זענען געווען געשלאָסן אין משך פון דריי טעג, אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרוויילונגס-אָרטער זענען גע-

ווען שטרענג פאַרבאָטן; אין אַלע קירכעס האָט מען הייס מתפלל געווען פאַרן רו פון דער נשמה פון געשטאָרבענעם, און אין פאַרלויף פון 21 טעג איז די גאַנצע שטאָט געווען אין טיפן טרויער. איבער גאַנץ גריכנלאַנד האָט מען בלויז געהערט — „געשטאָרבן דער לאָרד בייראָן!", „דער גרויסער מענטש איז שוין נישטאָ!" די גרעסטע שטעט האָבן זיך געאַמפּערט, װעמען פון זיי דאַרף געהערן דער כּבוד, אַז דער גרויסער פּאָעט זאָל ביי זיי קומען צו קבורה. אַטען האָט פאַרגעלייגט דעם טעמפּל פון טעזע. די איינוווינער פון מיסאָלאָנגי האָבן געבעטן, אַז מען זאָל זיי כאָטש איבערלאָזן דאָס האַרץ פון זייער פאַרשטאָרבענעם באַפרייער... נאָר די פריינט פון פּאָעט האָבן באַשלאָסן דעם מת איבערפירן קיין ענגלאַנד, הגם ער האָט ביים לעבן שטענדיק אויסגעדרוקט דעם פאַרלאַנג נישט צו ליגן אין זיין געבורט-לאַנד. דעם 24 יוני איז די שיף „פלאָרידע", וואָס האָט געפירט דעם אָרון מיט בייראָנס באַלזאַמירטן קערפּער, אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. אין משך פון דריי טעג האָט מען צוגעלאָזט דאָס פּובליקום דאָס לעצטע מאָל צו זען דעם פּאָעט אין הויז פון סיר עדוואַרד קנעטשבול, אויף דער דזשאָרדזש-גאַס, פונוואַנען מ'האָט אים דערנאָך פייערלעך ארויסגעפירט פון לאָנדאָן. ביז היינטער דער שטאָט האָט דעם טרויער-צוג באַגלייט אַ מאַסע אַריסטאָקראַטישע עקיפּאַזשן פון די פריינט און פאַרערער פון פאַרשטאָרבענעם פּאָעט. די קבורה איז פאָרגעקומען פרייטיק, דעם 16-טן יולי, אין דער קליינער קירכע פון דאָרף גאַנקעל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער שטאָט נאָטינגעם. בייראָנס אָרון האָט מען אַוועקגעשטעלט לעבן אָרון פון זיין מוטער, אינם פאַמיליע-קבר. אויפן אַלטאַר פון דער קירכע האָט מען דערנאָך אַוועקגעשטעלט אַ טאָפעל פון ווייסן מאַרמל-שטיין מיט פאָלגנדער אויפשריפט:

„אין קבר, וואָס געפינט זיך אונטער
דעם דאָזיקן אָרט, ווו עס ליגן זיינע אבות,

און אויך זיין מוטער, רוט דער קערפער־
פון דזשאָרדזש גאָרדאָן נאָעל בייראָן, דער
לאָרד בייראָן פון ראָדטשעל, פון לאַנקאַס־
טער גראַפנטום, דער מחבר פון „טשיילד
האַראָלד". ער איז געבוירן געוואָרן אין
לאָנדאָן, דעם 22־טן יאַנואַר פון יאָר 1788
און געשטאָרבן אין מיסאָלאָנגי, אין מערב־
גריכנלאַנד, דעם 19־טן אַפּריל 1824, פאַר־
נומען מיטן גרויסן געדאַנק צוריקצוגעבן
דעם דאָזיקן לאַנד זיין אַמאָליקע פרייהייט און
רום. — דער דאָזיקער טאַפעל איז געשטעלט
געוואָרן לזכרון דורך זיין שוועסטער או־
גוסטע מאַריע לי".

VIII

בייראָן אַלס מענטש.

ווען בייראָנס לעבן איז, צום אומגליק, זייער פיל באַקאַנט, פיל מער, ווי וועגן לעבן פון אַנדערע גרויסע מענטשן, און דאָס טאַקע — אַ דאַנק אים אַליין. דאַריבער קומט אויס, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס מיט שעקספּירס נאָמען, וועמענס לעבן עס איז זייער ווייניק באַקאַנט, איז די מיינונג וועגן אים אַלס דער גרויסער דראַמאַטורג, איז זי להיפּך וועגן גרויסן פּאָעט בייראָן פאַרבליבן — אַלס אַ קליינער מענטש. אויב מען זאָל פאַרגלייכן בייראָנס געני מיט זיין כאַראַקער, מוז מען מסכּים זיין מיטן פּראָפעסאָר עלזע, אַז „ער (בייראָן) איז געווען אַ ריז אַלס פּאָעט, און אַ קאַרליק אַלס מענטש". ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, האָבן מיר אונזער גוטער באַקאַנטשאַפט מיט בייראַנס לעבן צו פאַרדאַנקען נאָר אים אליין. ער האָט גאָרנישט געקענט באַהאַלטן, און יעדער נייער געדאַנק אָדער ניי געפיל, איז כמעט באַלד פאר אַלעמען געוואָרן באַקאַנט. אויף אַ גרויסע טייל פון זיינע ווערק קאָן מען קוקן, ווי אויף פּאָעטישע טאָג-ביכער פון זיינע געדאַנקען און געפילן; די פילצאָליקע בריוו און באַזונדער דעם פּאָעטס טאָג-ביכער שטעלן מיט זיך פאָר אַ

…מאַטעריאַל פאַר זיינע ביאָגראַפן און אַנטהאַלטן טיילמאָל פּרטים שוין פולשטענדיק איבעריקע. צום באַדויערן קאָן מען זיך נישט באַציען מיט צוטרויען צו אַלץ, וואָס בייראָן האָט וועגן זיך געשריבן אָדער דערציילט, וואָרים ער האָט, אַ חוץ זיין איבעריקער אָפנהאַרציקייט, באַזעסן נאָך אַ טבע, וועלכע פלעגט אויף אַ באַדייטנדע שטופע אָפּשוואַכן די פעולה פון דער אָפנ־האַרציקייט. ער האָט אומגעהייער ליב געהאַט צו מיסטיפיצירן אַנדערע, ד. ה. דערציילן וועגן זיך אַזעלכע מעשיות, וועלכע זענען מיט אים קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, און זיך באַשולדיקן אין אַזעלכע עבירות און פאַרברעכנס, וועלכע ער איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען. מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט זיין שוואַכ־קייט, האָבן געוויינלעך־אַלץ געגלויבט, וואָס ער האָט געשריבן אָדער גערעדט וועגן זיך. פונדאַנען נעמט זיך, וואָס נאָך ביים לעבן פון פּאָעט, האָבן זיך כסדר אומגעטראָגן די משונהדיקסטע קלאַנ־גען, און נאָך זיין טויט האָט מען וועגן אים געשריבן די נאַ־רישסטע בבא־מעשיות. אין די דאָזיקע אַלע קלאַנגען און בבא־מעשיות האָט דער עולם געגלויבט דערפאַר, וואָס בייראָן האָט זיי נישט נאָר געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצולייקענען, נאָר ער פלעגט נאָך טיילמאָל אַליין צוהעלפן זיי צו פאַרשפּרייטן. אַ טייל פון זיינע ביאָגראַפן באַשטעטיקן אפילו, אַז ער זאָל כלומרשט האָבן געהאַט די טבע אַמאָל צו שיקן אין פראַנצויזישע צייטונ־גען אַנאָנימע בריוו, אין וועלכע ער האָט אַליין וועגן זיך דער־ציילט די משונהדיקסטע מעשיות. געטע האָט אַ לאַנגע צייט געגלויבט, אויפן יסוד פון געוויסע אָנדייטונגען אין בייראָנס ווערק, אַז ער זאָל אין איטאַליע האָבן באַגאַנגען עפּעס אַ געהיימען מאָרד־טאַט.

נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס בייראָנס לעבן איז געווען, אַ דאַנק זיין איבעריקער אָפנהאַרציקייט, כמעט שטענדיק פאַר אַלעמען באַקאַנט, איז פונדעסטוועגן זיין כאַראַקטער גע־

בליבן אַ רעטעניש, וועלכן זיינע צייט־מענטשן האָבן זייער געוואָלט דערגיין.

די משונהדיקייט פון בייראָנס נאַטור האָט זיך גענומען פון דעם אויסערגעוויינלעכן צונויפמעגנשטעל פון אירע פאַרשידנאַרטיקייטן און איר וווּנדערבאַרע פאַרענדערלעכקייט. „ער איז נישט פאַרבליבן איינער און דער זעלבער אין משך פון צוויי טעג", רופט זיך וועגן אים אָפּ די גרעפין בלעסינגטאָן. „איך שטעל מיט זיך פאָר אַזאַ מאָדנע געמיש פון גוטס און שלעכטס, — האָט ער זיך אַליין מודה געווען, — אַז עס וואָלט מיך זייער שווער געווען צו באַשרייבן. אַ טייל קענען מיך פאָרשטעלן פאַר גרעסטן מיזאַנטראָפּ, וועלכער איז זעלטן פעיק אַרויסצוווייזן אַ גוט געפיל. דאָס איז מיין באַליבטע ראָל. אַנדערע קענען מיך פאָרשטעלן פאַר אַ דאָן־זשואַן. עס וועלן זיך לסוף געפונען אויך אַזעלכע, וואָס מיטן בלויזן ווילן זיך צו שטעלן אין אַ סתירה קעגן אַנדערע, וועלן זיי מיך פאָרשטעלן פאַר אַ סימפּאַטישן, נאָר אומפאַרשטענדלעכן מענטש. אויב איך קען זיך אַליין, וועל איך זאָגן, אַז אין דער אמתן האָב איך לגמרי נישט קיין שום כאַראַקטער". „ביי מיר, — זאָגט ער וועגן זיך אין אַן אַנדער אָרט, — איז בלויז איין טריט פון גרויסעס צו לעכערלעכס".

און אָט, ווי עס כאַראַקטעריזירט דעם פּאָעט דער באַרימטער היסטאָריקער מאַקאָליי. „אין דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע פונם לאָרד בייראָן, אין זיין פאַרשטאַנד, כאַראַקטער, אין זיין סאַמע אויסערלעכקייט איז געווען אַ מאָדנער געמיש פון קאָנטראַסטן. דער גורל האָט אים באַשאָנקען מיט אַלץ, וואָס מענטשן באַגערן און באַוווּנדערן. נאָר צו זיין יעדער גרויסער מעלה איז געווען אויך צוגעמישט אַ געוויסע טייל פון רחמנותדיקייט און דערנידעריקטקייט. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע, וואָס איז ווירקלעך געווען אַן אַלטע און באַרימטע, נאָר זי איז געוואָרן דערנידעריקט און צושטערט דורך אַ גאַנצע ריי פאַרברעכנס

און נאַרישקייטן פון אירע מיטגלידער. דער יונגער לאָרד איז באַזעסן אומגעהייערע פעיקייטן, נאָר זיין פארשטאנד איז אויך אין דער זעלבער צייט געווען אויף אַ געוויסע שטופּע אומנאָרמאַל. זויט דער נאַטור איז ער געווען מילד און גוט, נאָר זיין טעמפּע־ראַמענט איז געווען אַן אויפרעגנדער און קאַפּריזנער. ער האָט באַזעסן א קאָפּ, וועלכן די סקולפּטאָרן האָט ליב געהאַט צו קאָפּירן, און אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאַט אַ פוס, איבער וועלכן עס פלעגן לאַכן די אָרימע גאַסן־מענטשן. אויסצייכענענדיק זיך מיט אַ שאַרפן פאַרשטאַנד און גלייכצייטיק אויך מיט אַ שוואַכן; זייענדיק זייער אַ ליבער, און אין דער זעלבער צייט אויך אַ בייזער; אַן אָרימער לאָרד, און אַ שיינער בעל־מום, — האָט ער זיך מער, ווי יעדער אַנדערער גענויטיקט אין אַן ערנסטער און גוטער דערציונג. נאָר דער קאַפּריזנער גורל האָט אים באַשאָנקען מיט אַ קאַפּריזנער דערציערין אין דער פּערזאָן פון זיין מוטער, וועלכע האָט נישט געחוסט, ווען אויסצונוצן איר משוגעת און ווען אַרויסצווייזן איר צערטלעכקייט. זי פלעגט אים אָדער באַ־לעסטיקן מיט אירע לאַסקעס, אָדער אים דערצערנען, באַליידיקנדיק אים צוליב זיין מום. ווען ער איז אויסגעוואַקסן, האָט זיך די וועלט מיט אים אַזוי באַגאַנגען, ווי אַמאָל זיין מוטער: טיילמאָל ליבלעך, טיילמאָל גראָב, קיינמאָל נישט — יושרדיק... ער איז ווירקלעך געווען אַ פאַרדאָרבן קינד; אים האָט פאַרדאָרבן נישט נאָר די מוטער, נאָר אי די נאַטור, אי דער גורל, אי דער רום, אי אַפילו — די געזעלשאַפט אַליין"...

נאָר צווישן די פאַרשידנאַרטיקע און די זיך סותרדיקע שטריכן פון בייראָנס כאַראַקטער, האָבן זיך בולט אויסגעטיילט צוויי — די שטאַרקסטע און די באַשטענדיקסטע. דאָס זענען גע־ווען: זיין ערנסטער אינדיווידואַליזם און די אומגעהייערע שטאָלצקייט. זיין „איך" איז פאַר אים געווען דער מיטלפּונקט, ארום וועלכן עס האָבן זיך שטענדיק געדרייט זיינע אַלע געדאַנ־קען און געפילן. די אויסערלעכע וועלט האָט פאַר אים בלויז עקזיסטירט אַלס אַ קוואַל פון אָנגענעמע אָדער אומאַנגענעמע איינ־

דרוקן; ער האָט זיך נישט געפילט אַ טייל פון איר; ער איז געשטאַנען פונדערווייטנס פון איר, אויסער איר אָדער איבער איר, אַלנפאַלס גלייך מיט איר, נאָר נישט אין איר. אין אַזאַ באַציונג האָט ער זיך אויך געפילט צו דער געזעלשאַפט. דאָס געפיל און דאָס באַוווסטזיין פון זיין „איך" האָט אים קיינמאָל נישט אויף איין מינוט פאַרלאָזט און האָט שטענדיק געהערשט איבער אַלע זיינע אַנדערע געדאַנקען און געפילן. ווען ער האָט געשאַפן, האָט ער שטענדיק אין דער אויסערלעכער פאָרם פאַרקערפערט נאָר זיין אייגן בילד. זיין געני איז נישט פעיק געווען אויף אַן אָביעקטיווע שאַפונג, וואָרים ער האָט קיינמאָל נישט געקענט זיך אויף אַזוי פיל באַפרייען פונם באַוווסטזיין פון זיין אייגענעם „איך", כדי צו זיין אימשטאַנד אַריינצוקוקן אין דער נשמה פון אַ צווייטן. זיין אינדיווידואַליזם איז געוואָקסן מיט די יאָרן, און לסוף דערגרייכט די העכסטע שטופע פון זיין אַנטוויקלונג אין דער צייט, ווען ער האָט געשאַפן „מאַנפרעד". עס איז אַ ספק, אויב אין דער וועלטלעכער ליטעראַטור געפינט זיך אַ צווייטער ענלעכער טיפ פון אַן ערנסטן אינדיווידואַליסט, ווי מאַנפרעד, און ביני לביני האָט אין אים בייראָן, ווי אין טשיילד האַראָלד און אין דאָן-זשואַן, געשילדערט בלויז זיך אַליין. נאָך נאַפּאָלעאָנען דעם I-טן קען מען דרייסט בייראָנען פאַררעכענען פאַרן גרעסטן אינדיווידואַליסט פון XIX-טן יאָרהונדערט.

„נאָר צוגלייך מיטן משונהדיקן אינדיווידואַליזם האָט זיך אין בייראָנס נשמה אויך באַוועצט דער קליינלעכסטער שטאָלץ. אַפילו דער עקסטער אינדיווידואַליזם קען נישט וועקן אין אונז די מינדסטע פאַרוווּנדערונג אַפילו דעמאָלט, ווען מיר געפינען אים ביי גרויסע מענטשן, וואָרים אין זיי ווייזט ער זיך כמעט שטענדיק מיטן אויסדרוק פון דעם אויסערגעוויינלעכן כוח און קראַפט פון דער פערזענלעכקייט. די גאווה ווייזט זיך געוויינלעך ארויס אַליין ביי לעכערלעכער, וואָס שטאַרקער די דאָזיקע פערזענלעכקייט

איז, וואָס פֿאַרמאָגט זי. הײַנע האָט ריכטיק באַמערקט, אַז „דער מענטש איז דאָס שטאָלצסטע באַשעפֿעניש. און דער פּאָעט — דער שטאָלצסטער מענטש“. פֿון די וועלט-באַרימטע פּאָעטן איז דער ראָזיקער אַפֿאָריזם צום מײַנסטן פּאַסנד פֿאַר בײַראָנען און טאַקע אויך—פֿאַר הײַנען. דער הויפּט-יסוד פֿאַר בײַראָנס שטאָלצקייט האָט זיך קודם-כּל גענומען אַ דאַנק זײַן אומגעהײַערע שיינקייט, וועלכע עס פֿלעגן באַוווּנדערן נישט נאָר פֿרויען, נאָר אַפֿילו מענער. זעענדיק אים, האָט קיין איין דאַמע זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן פֿון אויסצורופֿן: „Oh mon Dieu, quil est beau!“*) אַזאַ שען פּנים, — זאָגט אין זײַנע ערינערונגען וועגן בײַראָנען דער באַקאַנטער ענגלישער שרײַבער קאָלרידזש, — בין איך מסופּק אויב כ'זאָל ווען האָבן געזען. זײַן יעדער צאָן — איז אַ פּאַרקערפּערטער שמײכל; זײַנע אויגן — אָפֿענע טויערן פֿון דער זון; זײַן שטערן — גרויס, און אין דער זעלבער צײַט אַזוי באַוועגלעך, אַז זײַן מאַרמאָרשטיינערנע גלאַטקייט ווערט צײַט איין מינוט פֿאַרענדערט אויף הונדערטער קנייטשן און ליניעס, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די יעניקע געדאַנקען און געפֿילן, וועלכע ער האָט אָפּגעשפּיגלט“...

די אויסערגעוויינלעכע אויסדריקלעכקייט פֿון בײַראָנס פּנים האָט איבעראַשט אַלע, וואָס האָבן אים געקענט. זײַן פּנים האָט אָפּגעשפּיגלט די קלענסטע באַוועגונג פֿון דער נשמה און געענדערט זײַנע אויסדרוקן מיט דער זעלבער שנעלקייט, מיט וועלכער איין נשמה-באַוועגונג האָט פֿאַרנומען די צווייטע. וואַלטער-סקאָט האָט געפֿונען בײַראָנס פּנים פֿאַר „שיין, ווי אַ חלום“; „זײַנע פּאָרטרעטן — זאָגט ער, — גיבן נישט קיין שום פֿאָרשטעלונג וועגן זײַן שיינקייט“. און אָט, ווי עס באַשרײַבט די אויסערלעכקייט פֿון גרויסן פּאָעט זײַן דײַטשער ביאָגראַף, דער פּראָפֿעסאָר על̈זע.

---

*) אָ, מיין גאָט, ווי שיין ער איז!

„בייראָן איז געווען זייער שיין געבויט און געהאַט אַ שלאַנקע פיגור. זיין קליינער און פולשטענדיק קײַלעכיקער קאָפּ איז געזעסן אויף אַ הויכן, נאָר שטאַרקן האַלז און ברייטע פּלייצעס. אין זיין אויסערלעכקייט איז אָן צווייפל געווען, עפּעס פרווילעכעס. זיין קאָפּ האָט דערמאַנט אָן אַפּאָלאָנען: דאָס פּנים כמעט אָן האָר, און נאָר בלויז אין איטאַליע האָט ער אָנגעהויבן צו טראָגן דינע וואָנסעלעך. זיינע קורצע לאָקן, גרויסע אויגן, לאַנגע ברעמען, דורכזיכטיק-בלאַסע באַקן און פולע ליפּן — דאָס אַלץ זענען גיכער פרווילעכע, איידער מענלעכע שטריכן. נישט בחנם האָט דער סולטאַן, דערזעענדיק אים אין דער סוויטע פון ענגלישן קאָנסול, אים אָנגענומען פאַר אַן איבערגעטוענע פרוי"...

בייראָן האָט זייער פרי אָנגעהויבן צו באַמערקן, וואָס-פאַר אַ ווירקונג זיין אויסערלעכקייט האָט געמאַכט אויף פרויען. דער פּאָעט האָט זייער געזאָרגט וועגן דערהאַלטן זיין שיינקייט און האָט זיך אונטערגעוואָרפן צו אַ שווערע דיעטע, הויפּטזעכ-לעך צוליבן דאָזיקן ציל. ער איז אַליין געווען פאַרליבט אין זיין אויסערלעכקייט, און באַזונדערס אין זיינע לאָקן, וועלכע מען פלעגט אים יעדע נאַכט פאַרפלעכטן, ווי אַ פרוי. נאָר זער-פאַר זענען זיינע מלבושים, קאַרעטן און די ליווריען פון די דינער געווען אָן געשמאַק, פּונקט ווי זיין ליידנשאַפט צו מונ-דירן און העלע קאָלירן. אויף וויפיל ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין אויסערלעכקייט און זיך אינטערעסירט מיט דער מיי-נונג פון פרויען וועגן זיך, באַווייזט פאָלגנדער קוריאָזער צופאַל, וועלכן עס האָט וועגן אים איבערגעגעבן זיין שול-חבר, דער לאָרד סלייג. שטייענדיק איינמאָל, בעת זיין פאַרברענגען אין אַטען, פאַרן שפּיגל און אָנקוקנדיק פון זיין שיין, בלאַס פּנים, האָט בייראָן פלוצלינג ערנסט באַמערקט זיין פריינט, אַז עס וואָלט זיך אים זייער געוואָלט שטאַרבן פון שווינדזוכט, וואָרום די פרויען וואָלטן אים אין דעם פאַל געפונען פאַר זייער אַ

שיינעם און אינטערעסאַנטן! און אין דער זעלבער צייט האָט ער גאָר געהאט וועגן פרויען אַ שלעכטע מיינונג, נישט קוקנדיק אויף די זייער שיינע פרויען-טיפּן, וואָס מיר באַגעגענען אין זיינע ווערק. „איך קוק אויף זיי, — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע טאָג-ביכער, — ווי אויף זייער ליבע, נאָר נידעריקע וועזנס; איך קוק אויף זיי, ווי אויף דערוואַקסענע קינדער ; פונדעסטוועגן, בין איך שטענדיק אַ קנעכט ביי איינער פון זיי".

אַזוי האָט געקוקט אויף פרויען דער, וועלכער האָט אָן זיי נישט געקאָנט לעבן, וועלכער האָט אַלץ געטון, כדי זיי צו געפעלן, און וועלכער האָט סיי מיט זיין אויסערלעכקייט, און סיי מיט זיין כאַראַקטער שטאַרק דערמאָנט די פרוי! איינער פון די פיל סימנים פון בייראָנס עקסטער שטאָלצקייט איז אויך דאָס, וואָס אים איז קיינמאָל נישט געפאָלן די פּאָרטרעטן און ביוסטן, וועלכע מ'פלעגט פון אים אָראָפּנעמען. וואָס געלונגענער עס איז ארויסגעקומען זיין פּאָרטרעט אָדער זיין ביוסט, אַלץ וויניקער זענען זיי אים געפאָלן. ער האָט ליב געהאט זיך צו זעען נישט אַ זעלכן, ווי ער איז געווען אין דערווירקלעכ-קייט, נאָר אַ זעלכן, וואָס ער האָט געוואָלט זיין אָדער בעסער, אַ זעלכן, וואָס אים האָט זיך געוואָלט מ'זאָל אים האַלטן. שרעק-לעך נישט ליידנדיק זיינע לאַנדס-לייט פאַר זייערע מאַניערן און פּרעטענציעזקייט, איז ער אַליין זייער זעלטן געווען נאַטירלעך, און מערסטנטיילס זיך געהאַלטן אַזוי, ווי ער וואָלט געווען אויף דער סצענע און געשפּילט עפּעס אַ ראָל. דער שטאָלצער בייראָן, וואָס קענענדיק גוט מענטשן, האָט ער זיי טיף פאַראַכטעט און דערפאַר אין זיין „דאָן-זשואַן" אַזוי שטאַרק אויסגעלאַכט — דער דאָזיקער בייראָן, האָט ווי אַ פרוי זיך אינטערעסירט מיט דער מיינונג פון מענטשן און ווי אַ נאַיווער יונגערמאַנטשיק געדורשט נאָך אַפּלאָדיסמענטן פון די לעצטע. דער באַרימטער דענישער סקולפּטאָר טאָרוואַלדסען, מאַכנדיק זיין ביוסט בעת

ער איז געווען אין רוים, דערציילט וועגן ערשטן סעאַנס פאַלגנדעס: „בייראָן האָט זיך צעזעגנט מיט מיר און מיט איינמאָל צוגעגעבן זיין פּנים אַן אויסדרוק, וועלכן ער האָט געוויינלעך נישט געהאַט". „זייט, זייט מוחל, רויק, — האָב איך אים באַמערקט, — איר דאַרפט נישט קוקן אַזוי, ווי איר קוקט". — „דאָס איז מיין אויסדרוק" — האָט בייראָן אים געענטפערט. — „ווירקלעך"? — האָב איך געזאָגט, און דערנאָך שוין לחלוטין נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין פּאָזע און האָב אים פאַרגעשטעלט אַ זעלכן, וואָס ער איז געווען אין דעראמתן. ווען דער ביוסט איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער באַמערקט: „דאָס איז אינגאַנצן נישט ענלעך צו מיר, דער אויסדרוק פון מיין געזיכט איז מער אַן אומגליקלעכער"... דער זעלבער ביוסט פון פּאָעט איז דערנאָך דורך זיין שוועסטער און דורך זיינע אַלע פריינט — געוואָרן אָנערקענט פאַרן בעסטן און געלונגסטן...

בייראָן האָט געשטט פאַר אַן אויסגעצייכנטן שווימער און גוטן שיסער. שיסנדיק פלעגט ער כמעט שטענדיק טרעפן אין ציל, און ווען ער האָט אַמאָל נישט געטראָפן, איז ער געווען פאַרביטערט ביז טרערן און זיך שרעקלעך געבייזערט, ווען זיינעם אַ חבר איז אין דער דאָזיקער צייט געלונגען יאָ צו טרעפן... בייראָן פלעגט לאַכן פון די הויכע טיטולן און זיך אויפרעגן קעגן די פּריווילעגיעס פון די אַדל-לייט, און אַליין האָט ער זייער שטאָלצירט מיט זיין מיוחסדיקער אָפּשטאַמונג און האָט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז זיינע אבות זענען געקומען קיין ענגלאַנד נאָך מיט ווילהעלמען דעם זיגער. נאָך מער: ער האָט נישט נאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ לאָרד און קומט אַרויס פון די נאָרמאַנדישע באַראָנען, נאָר האָט זיך נאָך געהאַלטן, ווי אַן אויפגעקומענער לאָרד, ווי אַזעלכער, וואָס איז נאָר אַ דאַנק אַ

גליקלעכן צופאל געווארן א לארד, וואס דאס האט איבעריקנס אין א געוויסער מאס אנטשפראכן דער ווירקלעכקייט...

א חוץ זיין אינדיווידואליזם און פוסטע בארימעריי זענען בייראנס בולטסטע כאראקטער־שטריכן געווען — זיין אויסערגעוויינלעכע עמפינדלעכקייט און ליידנשאפט, וועלכע ער האט אויך געירשנט פון זיין מוטער. אויף וויפיל זיין עמפינדלעכקייט איז דערגאנגען, איז צו זען דערפון, וואס מיט אים פלעגט נישט איינמאל טרעפן היסטערישע אנפאלן אין טעאטער, בעת ער פלעגט קוקן אויפן שפילן פון א גוטן ארטיסט אין א טראגישער ראל. זיין טעמפעראמענט איז געווען א ריין דרומדיקער — א הייסער און ליידנשאפטלעכער; דעריבער האט ער זיך אזוי גוט געפילט אין איטאליע און גריכנלאנד. הגם ער פלעגט ארויסווייזן א מערקווירדיקע זעלבסטבאהערשונג און גבורה בעת א געפאר, פונדעסטוועגן איז ער אין געוויינלעכע פאלן נישט געווען אימשטאנד זיך איינצוהאלטן; ער האט זיך נישט געקאנט באהערשן און שטענדיק געהאנדלט אונטערן איינפלוס פון ערשטן אימפולס. ענלעך צו זיין מוטער, איז דער פאעט געווען פעיק ארייננצופאלן אין ווילדסטן צארן, און ארויסצוווייזן די ריירנדסטע צערטלעכקייט. מחמת זיין עקסטער עמפינדלעכקייט, האט זיך זיין געמיט־צושטאנד זייער אפט און אומגעריכט געביטן, און אזוי ווי ער האט שטענדיק געהאנדלט אונטערן איינדרוק פון אימפולס, איז פון דאנען געדרונגען, אז ער האט אויך אזוי שנעל געענדערט זיינע באשלוסן, ווי ער פלעגט זיי אננעמען, און אז ער פלעגט זיך בכלל זייער אפט סותר זיין סיי אין ווארט, סיי אין טאט. די דאזיקע עקסטע אימפולסיוויטעט, וואס איז געווען פארבונדן מיט דער קראנקהאפטער עמפינדלעכקייט, האט געמאכט זיינע באציונגען צו מענטשן זייער פארקריפלט און נישט איינמאל איז דאס געווען די סיבה, וואס ער פלעגט באליידיקן מענטשן, צו וועלכע ער האט בכלל געפילט אן אכטונג, און זיך באגאנגען גראב מיט די יעניקע, וועלכע ער האט שטענדיק ליב

געהאַט. די זעלבע פאַרקריפּלטקייט האָט זיך אויך באַמערקט אין זיינע שמועסן. דער באַוווסטער פראַנצויזישער שרייבער סטענדאַל (בייל), האָבנדיק די געלעגנהייט צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון פּאָעט בעת יענער האָט געוווינט אין איטאַליע, כאַראַקטעריזירט אים אויף פאָלגנדן אופן: „יעדעס מאָל, ווען בייראָן איז געווען אויפגעלייגט און גערעדט מיט באַגייסטערונג, זענען די געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט געווען שיינע און דערהאַבענע. דעמאָלט פלעגן אונזערע שמועסן זיין די שענסטע, אין וועלכע איך האָב ווען עס איז גענומען אנטייל. זיי האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ מאַסע נייע אידייען און אומגעהייער הויכע געפילן. נאָר דער גרויסער מענטש פלעגט זיך אים באַוויזן בלויז אויף אַ האַלבע שעה; די גאַנצע איבעריקע צייט איז ער געווען אַן ענגלענדער און לאָרד"... ביי זיין אויסערגעהיינלעכער עמפּינדלעכקייט, האָט נאָך בייראָן באַזעסן אַן אומגעהייערע איינבילדונגס-קראַפט. ער איז אַ דאַנק דעם פעיק געווען צו לעבן נישט נאָר מיטן געגנווערטיקן, נאָר אויך מיט דעם פאַרגאַנגענעם, וואָרים אין זיין פאָרשטעלונג האָט אויפגעלעבט דאָס, וואָס איז שוין לאַנג געווען געשטאָרבן, און די אומגעהייערע עמפּינדלעכקייט האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט איבערצולעבן פולשטענדיק דאָס פאַרגאַנגענע, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אין דער געגנוואַרט. אַ סך יאָרן שפּעטער נאָך זיין דריטער ליבע, איז ער נאָך פעיק געווען צו וויינען איבער דער ערשטער, אויף אַזאַ שטופע האָט ער זי זיך פאָרגעשטעלט לעבעדיק. זיין דאָזיקע קרענקלעכע פאָרשטעלונג האָט געקאָנט פאַרוואַנדלען נישט נאָר דאָס פאַרגאַנגענע אינם געגנווערטיקן און דאָס טויטע אינם לעבעדיקן, נאָר אויך די פאַנטאַזיע — אין דער ווירקלעכקייט. פיל פון זיינע ליידן זענען בלויז געווען פּראָדוקטן פון זיין פאָרשטעלונג. און ער האָט זיי געפילט אַזוי לעבעדיק, ווי זיי וואָלטן געווען ווירקלעכע. מיט אַזאַ כאַראַקטער איז אוממעגלעך געווען צו זיין גליקלעך, אפילו ווען די

אויסערלעכע באַדינגונגען זאָלן זיין גוטע. נאָר בייראָן האָט מיט זיין אימפּולסיוויטעט און אומפּעיקייט זיך אַליין צו באַהערשן געקענט אויפרייצן אויך די אויסערלעכע וועלט קעגן זיך, און שאַפן אַרום זיך אַ סביבה אויף אַזוי פיל נישט קיין געווּנשענע פאַר זיין רו און גליק, ווי די דיסהאַרמאָניע, וואָס האָט אין אים געהערשט. דער משונהדיקער אינדיווידואַליזם האָט געהאלטן זיין אויפמערקזאַמקייט שטענדיק צוגעשמידט צו זיין אייגענעם „איך"; זיין ביז קרענקלעכקייט אַנטוויקלטער כּוח-הדמיון האָט קאָנצענטרירט זיין גאַנצן כּוח הויפּטזעכלעך אויפן זעלבן „אָביעקט"; גיט צו דעם צו זיין אומגעהייערע עמפּינדלעכקייט, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין כּוח-הדמיון, און עס וועט ווערן פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט נישט גליקלעך, נישט צופרידן, און פאַרוואָס די סאַמע שטורעמדיקסטע פריילעכקייט פלעגט זיך פולשטענדיק אומגעריכט אין אים פאַרוואַנדלען אין אַ שווערן אומעט.

נאָר פונדעסטוועגן האָט בייראָן געהאַט אין זיין כאַראַקטער אַלע אייגנשאַפטן צו זיין נישט בלויז גליקלעך, נאָר אויך אויף אַזוי פיל גרויס אין לעבן, ווי ער איז דאָס געווען אין דער דיכטונג. עס איז נאָר נויטיק געווען, אַז די דאָזיקע גוטע אייגנשאַפטן זאָלן זיך אין אים אַנטוויקלען און ווערן אמתע שטריכן. נאָר די דערציונג, וואָס ער האָט באַקומען, און בכלל די אַלע באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געלעבט פון געבוירן-טאָג אָן, זענען געווען אַ זעלכע וואָס בלויז איינציקע טונקעלע שטריכן פון זיין כאַראַקטער האָבן געקאָנט וואַקסן און זיך אַנטוויקלען, און די העלערע האָבן געמוזט כמעט באַלד ביים געבוירן דערשטיקט ווערן. צייטנווייז, איז בייראָן געווען געטלעך-שיין נישט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך. נאָר דאָס זענען בלויז געווען מאָמענטן.

נאָר אין בייראָנען איז פונדעסטוועגן געווען אויך עטוואָס אַ זעלכעס, וואָס פלעגט טיילמאָל פאַרדעקן און ווייכער מאַכן

אַלע זײַנע פֿעלערן, װאָס פֿלעגט אױף אַ באַדײַטנדער שטופֿע מילדערן זײַנע אַלע שװאַכקײטן און אַפֿילו באַאײַנפֿלוסן אױף אַזױ פֿיל, אַז די יענִיקע, װאָס האָבן אים נענטער דערקענט, האָבן אים פּשוט ליב געקריגן און זיך צו אים אױך שטאַרק צוגעבונדן. דאָס איז געװען אַ דאַנק זײַן אױסערגעװײנלעך גוט און צאַרט-פֿילנד האַרץ. „אין דער יוגנט, — דערצײלט דער פּראָפֿ. עלזע, — איז בײַראָן געװען זײער צוגעלאָזן, געפֿילט אַ שטאַרקע נויטװענדיקײט אין פֿרײַנט, און געװען זײער דאַנקבאַר, אַז מען האָט אים אַרױסגעװיזן די מינדסטע ליבשאַפֿט. אין זײַנע באַציִונגען צו די דינער איז ער שטענדיק געװען גוט, און זײ אַלע האָבן אים אָן אױסנאַם ליב געהאַט און שטאַרק געשעצט. די גוטסקײט פֿון פּאָעט איז אַפֿילו געװען נאָענט צו אַ פֿרױען-װײכקײט, צוליב װאָס ער איז געװען געצװוּנגען, כּדי נישט אַרױסצורופֿן קײן לײטיש געלעכטער די דאָזיקע װײכקײט צו באַהאַלטן”. בעת זײַן ערשטער רײזע איבער גריכנלאַנד האָט ער אײנמאָל נישט װילנדיק געשאָסן אַ יונג אָדלערל. די לײדן פֿון דעם פֿאַרװוּנדעטן פֿױגל האָט אים שטאַרק מצער געװען, און ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען אים צו דערהאַלטן בײַם לעבן; װען ער איז נאָך צטלעכע טעג געשטאָרבן, האָט ער זיך געגעבן דאָס װאָרט שױן מער קײנמאָל נישט צו שיסן אין לעבעדיקע באַשעפֿענישן, און אין משך פֿון זײַן גאַנץ לעבן האָט ער געטרײַ אָפּגעהיט זײַן באַשלוס. „דער, װאָס האָט זיך אַזױ באַצױגן צו לעבעדיקע װעזנס, — זאָגט דער זעלבער ביאָגראַף — האָט נישט געקאָנט, בײַ זײַן גאַנצן אינדיװידואַליזם און בײַ זײַן גאַנצער מיזאַנטראָפּיע, זיך באַגײן מיט מענטשן, אפֿילו זײַנע נאָנטע, קאַלט און האַרט”. ער האָט טיף מיטגעפֿילט יעדע לײדן און איז שטענדיק גרײט געװען צו העלפֿן אין אַ נױט נישט נור זײַנע פֿרײַנט, נאָר אַפֿילו גאַנץ פֿרעמדע מענטשן, און אַפֿילו אַזעלכע, װאָס האָבן מיט זײער אױפֿפֿירונג פֿאַרדינט זײַן פֿאַראַכטונג. ער פֿלעגט אַפֿילו העלפֿן זײַנע שונאים, װען מיט זײ

האָט געטראָפן עפּעס אַן אומגליק. ער פּלעגט דאָס מאַכן אויף אַזאַ אופן, אַז זייער אָפט האָבן די גויטבאַדערפטיקע נישט גע־ וווּסט, אַז ער איז דאָס געווען זייער בעל־טובה. בעת זיין פאַרברענגען אין איטאַליע האָט דער פּאָעט אויסגעגעבן אויף פילאַנטראָפישע צוועקן ביז 1.000 פונט אַ יאָר, ד. ה. אַ פערט חלק פון זיינע הכנסות. ווען די ערעמסטע טייל באַפעלקערונג פון ראַווענע איז געוווּר געוואָרן, אַז ער האָט בדעה צו פאַר־ לאָזן די שטאָט, האָט זי דערלאַנגט אַ פּעטיציע צום גובערנאַ־ טאָר, אַז ער זאָל ווירקן אויף בייראָנען צו בלייבן. אומעטום ווו ער איז פאַרבליבן אַ מער אָדער ווייניק לענגערע צייט, האָט די באַפעלקערונג באַלד אָנגעהויבן אויף אים צו קוקן, ווי אויף זייערן אַ ווילטעטער.

לויט זיין וועלט־אנשויונג איז בייראָן געווען אַ סקעפּטיקער. אין זיינע ווערק האָט דער פּאָעט געשטעלט גרויסע פראַגן, נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געפּרוווט זיי אַליין צו פאַרענטפערן. ער האָט אָפּגעלייקנט די הערשנדע אָנשויונגען אין יענער צייט, אָבער זיינע אייגענע זענען נישט געווען נישט קיין באַשטימטע, און נישט קיין גענוג פעסטע. זיין פאַרשטאַנד איז נישט געווען קיין סינטעטישער, נאָר גיכער אַן אַנאַליטישער. בייראָן האָט זיך געפּילט ווי אין דער היים נאָר אויפן געביט פון ריינער קריטיק. נאָר ביי זיין גאַנצן סקעפּטיציזם, איז ער פונדעסטוועגן, ענלעך צו זיין מוטער געווען, נעגייגט צו איינגערעדטע נאַריש־ קייטן: ער האָט געגלייבט אין נביאות־זאָגן און פאָרגעפילן, און האָט מורא געהאַט עפּעס אונטערצונעמען אין פרייטיק.

דער מחבר פון „טשיילד האראָלר" האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט די נאַטור, נאָר אים פלעגט הויפּטזעכלעך איבעררראַשן נאָר דאָס ווילדע, אומפאָרפּיקע און גראַנדיעזע. ער האָט פאַר־ געטערט דעם ים און די בערג, און ער וואָלט וואַרשיינלעך

אויך פאַרגעטערט דעם אומענדלעכן מדבר, ווען ער וואָלט אים געזען געווען.

ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט אויסזעען — בייראָנס עסטעטיש געפיל איז געווען גענוג באַגרענעצט. ער האָט נישט געהאַט קיין שום חוש נישט פאַר דער אַרכיטעקטור, נישט פאַר דער מאָלעריי, נישט פאַר דער סקולפּטור, און אויפן געביט פון דער מוזיק האָט אים אינטערעסירט נאָר פאָלקסלידער, וועלכע האָבן צום ווייניקסטן געהאַט צו טון מיט קונסט.

IX

בייראָנס אָרט אין דער ליטעראַטור.

בייראָן דער פּאָעט איז אונבאַדינגט געשטאַנען העכער פאַר בייראָנען דעם מענטש, און דער כאַראַקטער פון ערשטן האָט זיך אויף אַ באַדייטנדער שטופּע אונטערגעשייד פונם כאַראַקטער פון צווייטן. דער עקסטער סוביעקטיוויזם פונם פּאָעט האָט זיך צוגעפּאַסט צום עקסטן אינדיווידואַליזם פונם מענטש. זייענדיק איינער פון די גרעסטע אידיווידואַליסטן פון XIX יאָרהונדערט, איז בייראָן אויך אין דערזעלבער צייט געווען זיין גרעסטער ליריקער. „קיינמאָל, — זאָגט דער באַקאַנטער היסטאָריקער פון דער ענגלישער ליטעראַטור, איפּאָליט טען, — אפילו אין די מאָמענטן פונם העכסטן שוווּנג פון געדאַנק, איז בייראָן נישט געווען אימשטאַנד זיך צו באַפרייען פון זיך אַליין. ער טראַכט נאָר וועגן זיך און זעט שטענדיק בלויז זיך... ער איז נישט געווען בכוח זיך איבערצוטראָגן אין דער נשמה צו אַן אַנדערן. אין זיינע ווערק פירט דער פּאָעט אַריין כמעט אָן אַ שום ענדערונג זיינע אייגענע לײדן, זיין אייגענעם קאַמף און זיינע אייגענע נסיעות. ער זוכט נישט, נאָר אָבסערווירט, שאַפט נישט, נאָר קאָפּירט. „איך קען נישט, — איז ער זיך אַליין מודה, —

שרייבן וועגן דעם, וואָס איך האָב אַליין נישט דערגרייכט"... דעריבער טאַקע האָט ער בלויז געשאַפן איין כאַראַקטער. טשיילד האַראָלד, לאַרע, קאָרסאַר, מאַנפרעד, סאַרדאַנאַפּאַל, קין, טאַסאָ, דאַנטע און אַלע איבעריקע זיינע כאראקטערן — דאָס זענען אין תוך גענומען איינער און דערזעלבער מענטש, וועלכער ווערט בלויז פאַרגעשטעלט אין פארשידענע מלבושים, אין פאַרשידענע לענדער און אין פארשידענע צושטאַנדן. ער האָט געטון פונקט ווי יענע מאָלער, וועלכע דורכן ענדערן די הלבשה, דעקאָראַציעס און פּאָזעס, צייכענען זיי פופציק פּאָרטרעטן פון איין און דעם זעלבן מאָדעל. ער האָט צופיל אַריינגעטראַכט אין זיך אַליין, כדי צו קענען ווערן אַוועקגעריסן דורך וועמען אַנדערש... „בייראָן אַליין, — זאָגט דער לאָרד מאַקאָליי, — איז געווען דער אָנהייב, דער מיטן און דער סוף פון זיין גאַנצער דיכטונג, דער העלד פון זיין יעדער דערציילונג און דער בולטסטער אָביעקט פון יעדן פּייזאַזש. האַראָלד, לאַרע, מאַנפרעד און פיל אַנדערע כאַראַקטערן זענען דורך אַלעמען אין אַ געוויסער מאָס אָנערקענט געוואָרן פאר אַ טייל פון בייראָנען אליין, און עס איז דאָ אַ גרונט צו מיינען, אַז ער האָט דאָס בכיוון געוואָלט, אַז מען זאָל זיי פאַר אַזעלכע האלטן. דער וווּנדער פון דער אויסערלעכער וועלט, טאַגאָן מיט זיין מעכטיקן פלאָט פון ענגלאַנד אויפן שויס פון זיינע וואַסערן, די טורעמס פון ציינטרע מיט די געדיכט-פאַרוואָקסענע וועלדער אַרום איר, די ברעגן פון ריין, די ווונדערבאַרע זשענעווער אָזערע, די אומפאַרמיקע חורבות פון רוים... די שטערנס, דער ים, די בערג — דאָס אַלץ זענען בלויז געווען אַקסעסואַרן, דער אונטערשלאַג פאַר איין פינסטערער און מעלאַנכאָלישער פיגור... בייראָנס פרויען, ענלעך צו זיינע מענער, געהערן אַלע צו איין טיפּ. גיידע — דאָס איז די האַלב-ווילדע יוליע, און יוליע — די ציוויליזירטע גיידע. לאַילע — דאָס איז די חתונה-געהאַטע זולייקע, און זולייקע — די מיידלשע לאַילע... עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן

צו זאָגן, אַז בייראָן האָט געקענט פאָרשטעלן בלויז איין מאַנס־פערשוין און בלויז איין פרוי; דעם מאַנספערשוין — אַ שטאָלצן, אַן אומעטיקן, אַ ציניש, מיט אַ פלעק אויפן שטערן און ביטערניש אין הארץ, אַ דורשטיקן נאָך נקמה, נאָר דאָך א פעיקן צו ליבן טיף און שטאַרק; דער פרוי — פול גוטסקייט און צערטלעכקייט, וואָס האָט ליב צו צערטלען און זיין געצערטלט, נאָר וואָס איז פעיק אונטער דעם איינפלוס פון דער ליידנשאַפט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ טיגער"... נאָר אַלס ליריקער איז בייראָן געווען אומגעהויער גרויס. לויט דער מיינונג פון פראָפעסאָר עלזע, פאַרנעמט ער אין דער ענגלישער ליטעראַטור אזא הויך אָרט אין דער ליריק, ווי שעקספּיר פין דער דראַמע און וואַלטער סקאָט אין דער עפּאָפּייע.

נאָכן עקסטן סוביעקטיוויזם אין בייראָנס ווערק קומט אַ צווייטער בולטער שטריך — די אָפּגעהאַקטקייט, דאָס פעלן פון אַן אָרגאַנישער גאַנצקייט, דאָס פאַרענדיקן זיי און די אויסער־געוויינלעכע שוואַכקייט פון זיינע פּאַבולעס. דער דאָזיקער שטריך אין בייראָנס דיכטונג פּאַסט זיך צו צום זעלבן שטריך אין זיין כאַראַקטער. דאָס פעלן די גאַנצקייט דעם פּאָעט האַרמאָנירט דער צעברעקלטקייט אין אים אַלס מענטש. „עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, — זאָגט מאַקאָליי, — עפּעס מער שווערערס, ווי די קאָנסטרוקציע פון בייראָנס פּאָעמעס. ער האָט, ווייזט אויס, געגעבן דער פּאַבולע די באַדייטונג פון אַ צווייטער מדרגה. זיינע גרעסטע ווערק — „טשיילד האַראָלד" און „דאָן־זשואַן" האָבן נישט לחלוטין קיין שום פּלאַן. יעדע פון זיי וואָלט מען נאָך געקאָנט ציען ווי לאַנג מען זאָל נישט וועלן אָדער איבער־רייסן אויפן ערשטן בעסטן אָרט. „גיאַור" באַווייזט צום בעסטן אויף אַ וואָספאַר אופן עס זענען בכלל געווען געבויט בייראָנס אַלע פּאָעמעס. אַלע — ענלעך צו „גיאַורן" — שטעלן מיט זיך בלויז פאָר אַ זאַמלונג פון פראַגמענטן".

צוליבן עקסטן סוביעקטיוויזם און די נישט פולקאָמענקייט אין דער שאַפונג, האָט מען בייראָנען אויפן געביט פון דער דראַמע אַוועקגעשטעלט אויף אַ געבוג באַשיידן אָרט. דער איינציקער געביט, אין וועלכן בייראָן האָט זיך געפילט, ווי ביי זיך אין דערהיים, זענען בלי ספק זיינע שילדערונגען. אין דער הינזיכט האָט ער צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן. ער איז זיך אַליין מודה אין „דאָן-זשואַן”, אז „זיין כוח ליגט אין שילדערן”. ער איז אויך אומפאַרגלייכלעך אין זיינע לירישע עקספרעסיעס. „בייראָנען געדענקט מען זייער לאַנג, — זאָגט דער פראָפ. עלזע, — אַ דאַנק די לירישע פערל, וואָס זענען צעוואָרפן איבער אַלע זיינע ווערק, וועלכע דער לעזער איז נישט אימשטאַנד צו פאַרגעסן. אין זיי איז פאַראַן אַזוי פיל גרויסקייט און אַזאַ עשירות פון טיפער שיינקייט, אַז עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן מיט זיי זיך נישט צו אַנטציקן”.

די עקסטע אימפולסיוויטעט און די ליידנשאַפט פון בייראָנס נאַטור האָט זיך אויך שטאַרק אָפּגעשפּיגלט אויף זיין שאַפונג. בייראָן דער מענטש איז געוואָרן באַאיינפלוסט אין איין מינוט; אונטער אַזאַ איינפלוס האָט אויך געשאַפן בייראָן דער פּאָעט. „איך האָב געשריבן — זאָגט ער אַליין — מיט דער גאַנצער נשמה, ליידנשאַפטלעך, אימפולסיוו”. די באַגייסטערונג פלעגט זיך אויף אים אַראָפּלאָזן, ווי אַ כמאַרע, און די דאָזיקע כמאַרע איז צושלאָגן געוואָרן מיט אַ גאַנצן שטראָם פערזן. ער האָט געשריבן מיט אַן אומגעהייער שנעלקייט. דעם „קאָרסאַר” האָט ער אָנגעשריבן אין משך פון צען נעכט, און די „אַבידאָסער כלה” אין פיר נעכט. דאָס אָנגעשריבענע האָט בייראָן, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, קיינמאָל נישט איבערגעאַרבעט. „איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט — לייענען מיר אין איינעם פון זיינע בריוו, — אַז איך מאַך קיינמאָל גאָרנישט איבער. איך בין ענלעך צו אַ טיגער: אויב דער ערשטער שפרונג גיט זיך מיר

נישט איין, קער איך מיך וואָרטשענדיק אים צוריק אין וועלדל אַריין; דערפֿאַר, ווען ער גיט זיך איין, מאַכט ער אָן אַ חורבן״.

בייראָנס ווערק, זייענדיק אויף אַזאַ אופֿן אין אַ געוויסער מאָס אימפּראָוויזאַציעס, האָבן געקאָנט דורך אים ווערן געשאַפֿן נאָר אויפֿן אָרט, אָדער, לכל הפּחות, אונטער דעם נאָך גאָר פֿרישן איינדרוק. און ווירקלעך, די ערשטע צוויי לידער פֿון „טשײַלד האַראָלד״ זענען דורך אים געוואָרן אָנגעשריבן בעת דער ערשטער רייזע, דאָס דריטע — האָט ער אָנגעהויבן אין בעלגיע און עס געענדיקט אין דער שווייץ; „דער שילאָנער אַרעסטאַנט״ איז אָנגעשריבן געוואָרן אויפֿן צוריקוועגס פֿון שילאָן; „מאַנפֿרעד״ איז אָנגעהויבן געוואָרן באַלד נאָכן צוריקקערן פֿון דער רייזע אין די אַלפּן; „טאַסאָ׳ס קלאָג״ האָט זיך ביי אים אויסגעגאָסן שיער נישט אין דער זעלבער תּפֿיסה, ווו עס איז אַמאָל געזעסן טאַסאָ, א. א. וו. טאַקע אַדאַנק דעם, וואָס בייראָנס אַלע ווערק זענען דורך אים געוואָרן אָנגעשריבן אָדער אויפֿן אָרט, אָדער אונטערן נאָך פֿרישן איינדרוק פֿון דעם, וואָס ער האָט געזען, צייכענען זיך אַלע שילדערונגען אין זיי אויס מיט אַזאַ מערקווירדיקן רעאַליזם. דער אַלגעמיינער אמת אין זיינע באַשרייבונגען — זאָגט ניקאָלס, — איז געוואָרן אָנערקענט דורך אַלע, וואָס האָבן די דאָזיקע ערטער באַזוכט. זיינע בילדער פֿון גריכנלאַנד, דאָס בילד ביינאַכט אויפֿן טייך אַרט, אַ סך פֿון די באַשרייבונגען פֿון אַלבאַניע, זייער פֿיל פֿון דער „באַלאַגערונג פֿון קאָרינט״ און גאַנץ „גיאור״ — איבערראַשן שטענדיק מיט דעם שטאַרקן רעאַליזם״. נאָר מחמת דעם, וואָס זיין סטיל איז פֿול מיט פֿייער, די שילדערינגען — מיט א שפע פֿון פּרעכטיקע בילדער און צייכענען זיך נאָך אויס מיט אַ מערקווירדיקן רעאַליזם, ליידט ביי אים שטאַרק דער פּערז פֿון אַ אומגעהייער נישט פּינקטלעכקייט. „איך בין שטאַרק מסופּק, אויב עס וועט זיך ביי אים געפֿונען כאָטש איין זייטל, — זאָגט דער נאָר-וואָס ציטירטער קריטיקער — וואָס זאָל זיין אינגאַנצן גוט אָנגעשריבן; איך בין

מסופק, צי אפילו איין פערז וועט אויסהאַלטן דעם געהעריקן אַנאַליז. זיינע בילדער, געשאַפן מיט דער ברייטער האַנט, האָבן זיך קיינמאָל נישט גענויטיקט אין אַ מיקראָסקאָפּ. נישט איין פּאָעט, קענענדיק אַזוי גוט שרייבן ווי בייראָן, האָט נישט געקענט אין דער זעלבער צייט אויך שרייבן אַזוי שלעכט".

בייראָן האָט נישט געהערט צו קיין שום ליטעראַרישע שולע און אין זיינע ווערק האָט ער קיינעם נישט נאָכגעמאַכט. ער איז געווען אָריגינעל אויף דער העכסטער שטופע, נישט נאָר אין דער פאָרם, נאָר אויך אין אינהאַלט. „בייראָן, — זאָגט פּראָפ. עלזע, — האָט דער ערשטער אריינגעפירט אין דער ליטעראַטור דעם וועלט-שמערץ, הגם דער אַלגעמיינער טרויער פון דער מענטשהייט נעמט אָן ביי בייראָנען אַ סוביעקטיווע און קרענקלעכע פאַרב". כדי צו דערטרונקען זיינע יסורים אין די אַלגעמיינע ליידן פון דער גאַנצער מענטשהייט אָדער צו פאַרריניקן זיין קרעכץ צום אַלמענטשלעכן קרעכץ, האָט ער באַנוצט די אַלגעמיינע ליידן אַלס אַ יסוד צו ווייזן זיינע אינדיווידועלע ליידן, און דעם קרעכץ פון דער גאַנצער מענטשהייט — כדי צו לאָזן הערן זיין אייגענעם, אינדיווידועלן קרעכץ. נאָר בייראָנס צייט-מענטשן איז קנאַפּ-וואָס אָנגעגאַנגען זיין וועלט-שמערץ; פאַר זיי איז גענוג געווען, וואָס ער האָט געליטן, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין דער דיכטונג אַ נייעם אַקאָרד, וועלכער האָט האַרמאָנירט מיטן גייסט פון יענער צייט; וואָס ער האָט זיך באַוויזן אַלס דער אויסדרוק פון דער גייסטיקער דיסהאַרמאָניע, פון דער אנטוישונג, און אין דער זעלבער צייט — פון דער דורשט נאָך עפּעס בעסערס, וואָס האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט די מענטשן אין אָנהויב פון 19-טן יאָרהונדערט. און ער האָט נישט נאָר געליטן; ער האָט פּראָטעסטירט, געשטורעמט, געשמיסן מיט זיין גיפטיקער סאַטירע דאָס געמויזעכץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. ער האָט זיך אין זיין דיכטונג באַוויזן נישט אַלס אָפּלייקענער פון זיין צייט, נאָר אויך

אַלס טאָן-געבער פון נייע שטרעבונגען. ער האָט באַוויזן די פרייהייט פון די אונטערדריקטע פעלקער; ער האָט באַוויזן די אומאָפּהענגיקייט. די גרויסקייט פון זיין דיכטונג איז געווען נאָך שטאַרקער מיט דעם, וואָס ער האָט נישט נאָר באַוויזן, נאָר אויך אליין געקעמפט פאר דעם, וואָס ער האָט באַוויזן. בייראָן איז געשטאָרבן אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון גריכנ־לאַנד; זיין פערזענלעך גליק איז צובראָכן געוואָרן אין קאַמף מיט דער ענגלישער געזעלשאַפט. ער האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטע פּאָליטישע און רעליגיעזע אַנשויונגען און האָט זיך באַגרענעצט מיטן בלויזן אָפּלייקענען. נאָר אין דעם איז טאַקע באַשטאַנען זיין כּוח, פון דעם נעמט זיך טאַקע די אומגעהייערע באַדייטונג פון זיין דיכטונג פאַר דער גייסטי־קער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון זיינע צייט־מענטשן. ביי־ראָנס וועלט־שמערץ און סקעפּטיציזם איז מיט דער גרעסטער קראַפט געוואָרן אויסגעדרוקט אין זיין „קין", וועגן וועלכן געטע האָט געזאָגט, אַז נאָך אַזאַ ווערק וועט שוין די וועלט מסתמא מער נישט האָבן. ער ווייזט זיך אַרויס פאַר א פּרעכטיקן באַזינגער פון דער פרייהייט אין „טשיילד האַראָלד", און פאַר אַ שטרענגן קריטיקער פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג — אין „דאָן זשואַן". זיין אומ־שטערבלעכע טראַגעדיע „מאַנפרעד" איז א גרויסער מאָנומענט פונם אינדיווידואַליזם אין דער דיכטונג; דאָס איז אַן אמתע אַפּאָטעאָזע פונם אינדיווידואום. „אין אַ וואָספאַר מיטלמעסי־קייט, — זאָגט טען, — ווערט פאַרוואַנדלט געטעס פאַוסט, ווען דו הייבסט אים אָן צו פאַרגלייכן מיט מאַנפרעד. ווי נאָר מיר הערן אויף צו זען אין פאַוסטן די מענטשהייט, וואָס זעט מען אין אים? ציִ איז ער אַ העלד? אַלנפאַלס, ווערט שוין אַ דחמנותדיקער העלד דער יעניקער, וואָס קען בלויז רעדן, וואָס איז אַ פּחדן, וואָס בלאָנדזשעט, און פאַרנעמט זיך מיט אויס־פאָרשן זיינע אייגענע געפילן. דאָס ערגסטע אויף וואָס ער איז פעיִק — איז איבערצורעדן אַ מיידל און גיין ביינאַכט אין

אַ שלעכטער געזעלשאַפט טאַנצן. נאָר אויף אַזעלכע העלדישקייטן זענען נאָך פיל דייטשע סטודענטן פעיק. זיין עקשנות איז — אַ קאַפּריז; זיינע אידייען — פאַנטאַזיעס. ביי אים איז דאָס האַרץ פון אַ פּאָעט און דער קאָפּ פון אַ געלערטן; ער איז נישט פעיק צו ווירקן: אין אים — אַ פולשטענדיקע דיסהאַרמאָניע, אויסער אים — אַ שוואַכקייט; קורץ, — אין אים איז נישטאָ קיין כאַראַקטער: ער איז אין אַלע הינזיכטן אַ דייטש. אָבער וואָס פאַר אַ מענטש איז מאַנפרעד! דאָס איז אין פולן זין פון וואָרט אַ מענטש; קיין שום אַנדער נאָמען פּאַסט אים נישט אַזוי, ווי דער דאָזיקער. ער איז נישט פעיק ביים דערזען אַ גייסט אָנצוהויבן צו ציטערן, ווי אַ קריכעדיקער, פחדנישער וואָרעם. ער וועט נישט באַדויערן, וואָס ער האָט נישט קיין גיט, נישט קיין געלט, נישט קיין כבוד, נישט קיין איינפלוס. ער וועט זיך נישט לאָזן פאַרנאַרן אין זאַק אַריין, ווי אַ שול-ייִנגל. ער האָט געלעבט ווי אַ פעאָדאַלער איינגעטימער, און נישט ווי אַ געלערנטער; ער האָט געקעמפט און רעגירט מיט אַנדערע; ער קאָן אויך זיך אַליין באַהערשן. אויב מאַנפרעד האָט געלערנט כשוף, איז דאָס נישט מחמת דער נייגעריקייט פון אַן אַלכימיקער, נאָר געטריבן דורכן גייסט פון אַן איבערקערעניש... דער ווילן — דאָס איז דער יסוד פון זיין נשמה. ער האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם פירער פון די גייסטער; ער איז געשטאַנען האַרט און רויק פאַרן טראָן פון גיהנום, און אין דער צייט, ווען אַלע דעמאָנען האָבן געווילדעוועט אַרום אים און אים געוואָלט אויף שטיקער צו צעררייסן... דער דאָזיקער „איך”, דער אומבאַזיגטער דער זעלבסט-הערשנדער, וואָס איז נישט פעיק זיך אונטערצוּוואַרפן נישט די דעמאָנען, נישט די מענטשן, וואָס זיין איינציקער קוואַל פון זיין אייגן גוטס און שלעכטס איז — דער ליידנדער אָדער געפאַלענער גאָט, נאָר צלך דער גאָט. אַזעלכער איז דער העלד, און דאָס איז דער פּראָדוקט פון זיין פאַרשטאַנד...

אויב געטע איז געווען דער פּאָעט פון דער וועלט, איז בייראָן געווען דער פּאָעט פונם אינדיווידואום; און אויב דער דייטשער גייסט האָט געפונען זיין דרוק אינם ערשטן, האָט דער ענגלישער געפונען דאָס זעלבע אינם צווייטן".

בייראָן איז געווען אַ וועלט-בירגער אי אַלס פּאָעט, אין אַלס מענטש. „זיין פּאָעטישער געדאַנק און פאַנטאַזיע, — זאָגט דער פּראָפ. עלזע, — האָבן זיך נישט געדרייט נישט אַרום די שיינקייטן פון זיין געבורט-לאַנד און נישט אַרום די גרויסע געשעענישן פון זיין היסטאָריע. זיין געדאַנק האָבן פאַרנומען נישט די אָזערע פון שאָטלאַנד, נישט די גרינע פעלדער פון ענגלאַנד און נישט די ענגלישע אָפּשטאַמונגען פון די ים-פּאָרער, נאָר דער גריכישער אַרכיפּעלאַג, די אייביק העלע און הימל-בלאָע זשענעווער אָזערע און די פּאָליטישע אַנאָמאַליע פון ווע-נעציע. צווישן די ענגלישע פּאָעטן איז ער אַ קאָסמאָפּאָליט, וועלכער האָט איבערגעטרעטן די גרענעץ פון פאָטערלאַנד, און אין וועלכן געטע האָט דעריבער באַגריסט דער פאָרזאָגער פון דער וועלט-ליטעראַטור".

אַ דאַנק זיין קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער האָט בייראָנס דיכטונג געהאַט אַ פיל גרעסערן איינפלוס אויף דער ליטעראַטור פון קאָנטינענט איידער אויף דער ענגלישער ליטעראַטור. צום שוואַכסטן איז איר איינפלוס געווען אין די דרום-לענדער. פון דעסטוועגן, איז אין שפּאַניע געווען דער פאָרשטייער פונם ביי-ראָניזם אַזאַ באַדייטנדער פּאָעט, ווי דזשאָזע עספּראָנסעדאַ, און אין איטאַליע — דער נישט וויניקער אויסגעצייכנטער דזשיאָ-וואַני בערגיסט. פון די ראָמאַנישע לענדער איז בייראָנס איי-פלוס געווען דער שטאַרקסטער אין פראַנקרייך, ווו ער איז גע-ווען פּאָפּולערער פון אַלע ענגלישע פּאָעטן. דאָרט זענען, אין אַ מער אָדער וויניקער שטופע, געווען זיינע נאָכפאָלגער אַזע-כע דיכטער, ווי וויקטאָר הוגאָ, לאַמאַרטין, אַלפרעד דע-מיוסע און דעלאַווין. אין דייטשלאַנד האָט בייראָן, פּונקט ווי אַלע

ענגלישע דיכטער, געפונען אַ צווייט פאָטערלאַנד. הגם זיין איינפלוס אויף דער דייטשער ליטעראַטור האָט זיך בלויז באַגרענעצט מיט איין תקופה, און איז נישט פאַרבליבן אויף שטענדיק, ווי דער איינפלוס פון שעקספּירן, פונדעסטוועגן, דאָס, וואָס אים האָט געפעלט אין דער דויערהאַפטיקייט, איז נישט אין פאַרגלייך מיט זיין גרויסקייט און טיפקייט. וועגן דעם דאָזיקן האָט זיך געטע אַ עטלעכע מאָל אַרויסגעזאָגט. „די דיכטונג פונם לאָרד בייראָן, — האָט ער אין יאָר 1877 געשריבן — איז ביי אונז געוואָרן אַלץ מ.ג.ר און מער פּאָפּולער נאָכדעם, ווי מען האָט זיך אָנגעהויבן נענטער צו באַקענען מיט די אייגנאַרטיקייטן פונם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן געניע". דער שטאַרקסטער פאָרשטייער פונם בייראָניזם אין דער דייטשער ליטעראַטור איז געווען היינריך היינע, וועלכן מען קען אין זייער פיל הינזיכטן אָנגעמען פאַרן דייטשן בייראָן. בייראָנס השפעה איז אויך געווען זייער גרויס אויף דער רוסישער ליטעראַטור. די פאָרשטייער פונם בייראָניזם זענען אין רוסלאַנד געווען פּושקין און אין אַ גאַנץ באַדייטנדער מאָס — לערמאָנטאָוו, א חוץ פיל אַנדערע קלענערע שרייבער. קיין שום ענגלישער דיכטער האָט אין יענער צייט נישט דערגרייכט אַזאַ אומגעהייערע פּאָפּולאַריטעט, ווי בייראָן.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז, צום באַדויערן, בייראָנס גאָמען כמעט ווי פרעמד. אַ חוץ „קין" איז, דאכט זיך, מער פון זיינע זאַכן נישט פאַראַן. עס איז דאַריבער אַ גרויסע עוולה, וואָס אַזעלכע ווערק, ווי „טשיילד האַראָלד", „מאַנפרעד", דאָן-זשואַן — זענען נאָך ביז הייניקן טאָג נישט געוואָרן אַריינגעפירט אין אונזער ליטעראַטור.

די קלענסטע השפעה האָט בייראָנס דיכטונג געהאַט אויף דער ענגלישער ליטעראַטור. בעת אויפן קאָנטינענט האָט מען אים גערופן „דער גרויסער נאַפּאַלעאָן פון דער דיכטונג", האָט מען זיינע ווערק אין זיין היים-לאַנד געהאַלטן פאַר אפּיקורסישע

און די קריטיקער האָבן מורא געהאַט זיי צו לויבן. נאָר פּוני־דעסטוועגן איז זיין דערפאָלג אין ענגלאַנד געווען קאָלאָסאַל: מ'האָט פאַר אים מורא געהאַט, און פונדעסטוועגן, אים גערן געהאַט, מ'האָט אים געזידלט און גלייכצייטיק אין דער שטיל אים באַוואונדערט. באַזונדערס גרויס איז געווען זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן דער יוגנט. מאַקאָליי דערציילט, אַז ענגלישע יונגע לייט פון יענער צייט האָבן כמעט אַלע ביי זיך געהאַט בייראָנס פּאָרטרעט און געטריי אָפּגעהיט אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט די מינדסטע שייכות צו אים. זיי האָבן אויסגעלערנט זיינע פּאָעמעס אויף אויסנווייניק און זיך באַמיט צו שרייבן, ווי ער, און אַפילו צו קוקן, ווי ער. זיי פלעגן אים נאָכמאַכן נישט נאָר מיטן אויסדרוק פון פּנים, נאָר אַפילו אין דער קליידונג. יעדער יונגערמאַן האָט זיך באמיט אויסצוזען ווי טשיילד האַראָלד אָדער לאַרע. נאָר אין דער זעלבער צייט, ווען די קינדער האָבן אָפּן פאַרגעטערט זייער גרויסן דיכטער, האָבן זייערע פּאָטערס אויף אים געקוקט, ווי אויף אַן אפּיקורס און געהאַלטן די ליטעראַרישע שולע, וועלכע ער האָט געגרינדעט פאַר אַ ביזן אָנשיקעניש. ווען מ'האָט דעם קערפּער פונם „באַרימטסטן ענגלענדער פון 19-טן יאָרהונדערט" (מאַקאָלייס אויסדרוק) געבראַכט קיין לאָנדאָן, האָט מען אים אין דער וועסטמינסטער קירכע נישט אַריינגעלאָזט. אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען זיינע פריינט האָבן געפּרווט אַוועקשטעלן זיין ביוסט אינם וועסטמינסטער קלויסטער, האָט מען זיי אויך דאָס נישט דערלויבט. דעם דאָזיקן ביוסט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורכן באַרימטן סקולפּטאָר טאָרוואַלדסען, האָט מען אויך אין סאָבאָר פון הייליקן פּאַוועל נישט צוגעלאָזט און איז געשטאַנען אַן ערך צען יאָר אין די קעלערס פון דער לאָנדאָנער צאָל־קאַמער, ביז דער קעמברידזשער אוניווערסיטעט האָט ענדלעך מסכים געווען אים אַוועקצושטעלן אין זיין ביבליאָטעק. דאָרט שטייט ער נאָך ביז היינטיקן טאָג און איז אַזאַ צירונג פונם דאָזיקן אַלטן אוניווערסיטעט, ווי די ביוסטן פון די צוויי אַנדערע גרויסע בריטאַנער, וואָס האָבן אין אים געלערנט, — ניוטאָן און מאַקאָליי.

שוין גאַנצע הונדערט יאָר ווי בייראָן איז געשטאָרבן. פאַר דער דאָזיקער צייט האָט ענגלאַנד באַוויזן זיך זייער פיל צו ענדערן, און דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט זיך אָפּגערופן אויף די באַציונגען צו איר גרויסן פּאָעט. היינט צווייפלט שוין דאָרט נישט קיינער, אַז בייראָן איז געווען דער גאָניאַלסטער ענגלענדער פונם 19־טן יאָרהונדערט.

אינם סאַמע באַלעבטן אָרט פון הייד־פּאַרק, קען מען היינט זען בייראָנס סטאַטוע, וועלכע שטעלט אים פאָר זיצנדיק, וואָס האַלט פאַרטיפט אַראָפּגעלאָזט זיין שענעם קאָפּ איבער א בוך. ביי די פיס פונם גרויסן בריטאַנער ליגט זיין געליבטער הונט באָטס־ווין. אַנטקעגנאיבער בייראָנען שטייט דער אומפאַרגלייכלעך פּרעכטיקער מאָנומענט פון דעם יעניקן, וועמען דער דיכטער האָט אַזוי גראָב אויסגעלאַכט אין זיין „דאָן־זשואַן". בייראָנס מאָנומענט שטייט אויפן שענסטן אָרט פונם לאָנדאָנער פּאַרק. פאַר אים פאָרן טאָג טעגלעך פאַרביי, אין זייערע פּראַכטיקע קאַרעטן, די פאָרשטייער פון דער זעלבער געזעלשאַפט, פון וועל־כער דער גרויסער פּאָעט האָט אַזויפיל געליטן, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט און אַזוי טיף פאַראַכט.

— סוף —